STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08656

GRIKHISHE MITN

A. Metropolitanski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-08656-8

D:\YIDDISH\TITLES\9780657086565T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

גריכישע מיטן

(לעגענדן)

באַארבעט לויט פֿאַרשידענע קוועלן

— דורך —

א. מעטראָפּאָליטאַנסקי.

— יודיש דורך ה. ז. —

ערשטער טייל.

פאַרלאַג
א. גיטלין.

וואַרשע 1922

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

126-1

אינהאַלט:

№		זייט
1	די באַשאַפונג פון מענטש.	5
2	די ערשטע דורות.	18
3	דער מבול.	23
4	פאַיעטאָן.	31
5	די גרינדונג פון טהעבען.	40
6	פענטעאוס.	47
7	פערסעאוס.	60
8	יאָן.	79
9	איקאַר און דעדאַל.	98
10	מעלעאַגער דער יעגער.	108
11	טאַנטאל	113
12	פעלאָפס.	122
13	ניאָבע.	127



1.

די באשאפונג פון מענטש.

עס זענען פאַרענדיקט געוואָרן הימל און ערד און אַלץ, וואָס אין זיי; עס האָט גערוישט דער אונענדלעכער ים, און אַלערליי פיש האָבן זיך געשפּילט אין די טיפענישן פון זיינע וואַסערן; עס האָט געשאַלט דאָס לוסטיקע געזאַנג פון די פויגל, און די בהמות און חיות האָבן זיך געפּרוכפּערט און פאַרהילכט די לופט מיט זייערע פריידיקע אויסגעשרייען. איבעראַל האָט געקאָכט און געזידט דאָס לעבן.

נאָר צווישן די אַלע באַשעפענישן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן צו באַוואוינען דאָס וואַסער, די ערד און די לופט, האָט נאָך געפעלט איינס: עס האָט געפעלט דאָס באַשעפעניש, וואָס זיין לייב זאָל זיין דאָס וואוינאָרט פון גייסט און וואָס זאָל הערשן מיט זיין חכמה איבער אַלעם לעבעדיקן.

דאַן איז אַראָפּגענידערט אויף די ערד פּראָמעטעאוס, דער זון פון יאָפּעטאָס און דאָס אייניקל פון אוראַנוס.[1] ער האָט גע-

[1] אוראַנוס — צעאוס'עס זיידע.

שטאַמט פון אַן אוראַלטער געטער-פאַמיליע, ביי וועלכער צעאוס[1] האָט צוגערויבט די הערשאַפט איבער דער וועלט. פּראָמעטעאוס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גרויסער חכמה און פאַרנופט; פאַר אים איז קיין זאַך נישט געווען פאַרהוילן און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די ערד טראָגט אין איר שויס אַן אָפּגלאַנץ פון הימל. ער האָט גענומען ליים, צומישט עס מיט וואַסער און אויסגעקנעטן דערפון אַ מענטשן. פאַר אַ מוסטער האָט ער גענומען די געשטאַלט פון די געטער, לויט וועלכער ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן. דאָס נייע באַשעפעניש האָט אָבער נישט געהאַט קיין נשמה. פּראָמעטעאוס האָט גענומען ביי אַלע באַשעפענישן זייערע גוטע און שלעכטע זיטן און זיי איינגעפלאַנצט אינם האַרצן פון מענטשן. דערנאָך האָט ער געזאָגט צום מענטש: לעב! און דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו לעבן.

אַטענע, די געטין פון קלוגשאַפט, האָט גוטמוטיק אַראָפּגעקוקט פון הימל און זיך צוגעקוקט צו די טאַטן פון פּראָמעטעאוסן, דעם זון פון די טיטאַנען[2]. דערזעענדיק דאָס נייע באַשעפעניש, וואָס האָט געהאַט די געשטאַלט פון אַ גאָט און האָט נאָך קיים אַרויסגעוויזן סמנים פון לעבן, איז עס איר שטאַרק געפעלן געוואָרן און זי האָט אַריינגעבלאָזן אין אים אַ געטלעכע נשמה, דעם גייסט פון חכמה און וויסן.

און דער מענטש האָט זיך גענומען מערן און פרוכפּערן אויף דער ערד. נאָר אין דער צייט, וואָס אַלע אַנדערע באַשעפענישן האָבן פריילעך גענאָסן פון לעבן, זענען די מענטשן אַרומגעגאַנגען, ווי די שאָטנס, ווי ס'וואָלט אַרויפגעוואָרפן געוואָרן

---

1) צעאוס—דער העכסטער גאָט בא די [illegible]גריכן.

2) טיטאַנען—די קינדער פון אוראַנוס און געא, וואָס האָבן געוואָלט מלחמה האַלטן מיטן הימל און צונעמען ביי צעאוסן די הערשאַפט איבער דער וועלט. צעאוס האָט זיי אָבער מנצח געווען און אַריינגעוואָרפן זיי אין די אונטערערדישע אָפּגרונדן (טאַרטאַרוס).

אויף זיי אַ שלעפּעריקייט. זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט וועגן דער הויכער מתנה, מיט וועלכער זיי זענען באַשאָנקען געוואָרן, וועגן דעם געטליכן פונק, וואָס האָט אין זיי גערוט. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אויסצונוצן דעם קערפּער, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן, און די חושים, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. זיי האָבן נישט געוואוסט, ווי אַזוי צובאַהערשן די אַנדערע באַשעפענישן, באַצווינגען זיי און מאַכן זיי פאַר זייערע קנעכט.

זיי האָבן נישט געקאָנט אויסהאַקן און אַרומשלייפן די שטיינער, וואָס די ערד האָט געטראָגן אין איר שויס; זיי האָבן נישט געקאָנט אויסאַרבייטן פון ליים ציגל און ברענען זיי אויפן פייער, זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּשיילן די אונטערגעהאַקטע ביימער, שפּאַלטן זיי און צו זעגן אויף ברעטער. אויך איז זיי פרעמד געווען די בוי-קונסט, און זיי האָבן געוואוינט אין פעלזנשפּאַלטן און אין גריבער, אַזוי ווי די מוראַשקעס. זיי האָבן נישט געקאָנט אונטערשיידן די צייטן פון יאָר און נישט געוואוסט, וואָס עס איז דער אונטערשיד צווישן דער ביטערער קעלט אינם ווינטער, דעם מילדן זונען-שיין אינם פרילינג און דער ברענענדיקער היץ אים זומער. אַלץ, וואָס זיי האָבן געטון, האָבן זיי געטון אָן פאַרשטאַנד און אָן צוועק.

האָט פּראָמעטעאוס רחמנות געקריגן אויף דעם וועזן, וואָס ער האָט באַשאַפן, און ער האָט גענומען אויסלערנען די מענטשן, וואו עס איז מזרח און וואו מערב, ער האָט זיי געמאַכט וויסן די געזעצן פון הימל און די וועגן פון די שטערן, ער האָט ערפונדן פאַר זיי ציפערן און אותיות און האָט זיי אויסגעלערנט די קונסט פון שרייבן און רעכנען. ער האָט זיי אויך אויסגעלערנט, ווי אַזוי צו באַצווינגען די חיות און אַרויפצולייגן אויף זיי אַ יאָך, ווי אַזוי איינצושפּאַנען אין וואָגנס די לייכט-פיסיקע פערד. ער האָט געגעבן די מענטשן שיפן, איבער וועלכע ער האָט אויסגעשפּרייט זעגלען, כדי דער ווינט זאָל זיי פירן איבער די מרחקים, און דער מענטש זאָל באַהערשן דעם ים.

די מענטשן האָבן דעמאָלט געליטן אויף פאַרשידענע קראַנק-

הייטן, פון וועלכע ס׳איז שוואַך געוואָרן זייער קערפּער און ס׳איז געפאַלן בײַ זיי דער מוט, וואָרום זיי האָבן נאָך נישט געקאָנט אָנגרייטן קיין רפואות און קיין רופאים זענען נאָך נישט געווען. פּראָמעטעאוס האָט דאָס געזען, האָט ער זיך דערבאַרמט און האָט אויסגעלערנט די מענטשן מאַכן רפואות. זיי זענען דערגאַנגען, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרן כח עס האָבן פאַרשידענע קרייטעכצער, זיי האָבן ענטדעקט די אייגנשאַפטן פון די פאַרשידענע שפּייזן און געטראַנקען און האָבן זיך אָנגעגרייט פאַרשידענע היילמיטלען. פּראָמעטעאוס האָט זיי אויך אויסגעלערנט מאַכן אָפּשפּרעכונגען, אַזוי, אַז זיי האָבן געקאָנט בײַשטיין אַלערליי ווייטאָגן און חולאתן.

ער האָט זיי אויך אויסגעלערנט צו דערגרייכן מיטן גליק ביז אין די ווייטסטע צוקונפט און זען דאָס, וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער. ער האָט זיי געגעבן קלוגשאַפט פּותר צו זיין חלומות און צו פאַרשטיין די צייכנס פון הימל און פון דער ערד. ער האָט זיי געלערנט נביאות זאָגן לויטן פלי פון די פויגעל און לויט די קערפּער פון די קרבנות, ער האָט זיי געעפנט די אויגן זיי זאָלן זען די פאַרבאָרגנהייטן, וואָס רוען אין שויס פון דער ערד. און די מענטשן האָבן ענטדעקט דאָס זילבער און גאָלד, דאָס אייזן און קופּער, און זיי האָבן געוואוסט, ווי אַזוי עס אַרויסצובאַקומען פון דער ערד, בעאַרבייטן עס און זיך דערמיט באַנוצן. די מענטשן זענען קלוג געוואָרן און זיי האָבן קענען געלערנט אַל דאָס, וואָס פאַרבעסערט דאָס לעבן. זיי זענען געוואָרן פריילעך און לוסטיק.

הערשער פון הימל זענען דאַמאָלס געווען צעאוס און זיינע קינדער, דערזעלבער צעאוס, וואָס האָט צוגערויבט די הערשאַפט בײַ דער אוראַלטער געטער־פאַמיליע, פון וועלכער פּראָמעטעאוס האָט געשטאַמט. אַז די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרמערן אויף דער ערד, האָבן די נייע הערשער פון הימל גענומען קוקן אויף זיי מיט חשד; זיי האָבן געפאָדערט פונם מענטשן, ער זאָל זיי אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד און אַכטונג און דערפאַר האָבן זיי צוגעזאָגט צו העלפן דעם מענטשן און

שיצן אים פון שלעכטס. אין מיקען, וואָס איז געווען אין גריכנ־לאַנד, האָבן זיך פאַרזאַמלט די געטער און די מענטשן אויף אַ באַראַטונג, כדי צו באַשטימען די רעכט און די פליכטן פון מענטש. דאַן איז אַרויסגעטרעטן פּראָמעטעאוס און פאַרטיידיקט



צעאוס.

דעם מענטשן און האָט נישט דערלאָזט, אַז פאַר דער וגעזאָג־טער הילף און שוץ זאָלן די געטער אַרויפלייגן אויף די מענטשן אַ צו גרויסע לאַסט.

פֿראָמעטעאוסן האָט זיך פֿאַרגלוסט אָפּטון אַ שפּיצל צעאוסן, האָט ער דערשלאָגן מיט זיין שטאַרקער פויסט אַן אָקס מיט הערנער און אים צעשניטן אויף פיר שטיקער. דאָס פֿלייש און דאָס אינגעווייד האָט ער אַוועקגעלייגט אויף איין זייט און באַדעקט עס מיט דער פעל פון אָקס און אויף דער צווייטער זייט האָט ער אויסגעסדרט די ביינער און האָט אַרויפגעלייגט אויף זיי די אָדערן און דאָס פעטס.

דער שטויס בייגער איז אויסגעקומען גרעסער פון דעם שטויס פֿלייש, איז פֿראָמעטעאוס צוגעגאַנגען צו צעאוסן, געבוקט זיך פאַר אים און געזאָגט:

— שטאַרקער, פירכטערליכער צעאוס, גאָט איבער די געטער און הערשער איבער די הערשער! אָט האָבן די מענטשן געשיקט פאַר דיר אַ געשאַנק, כדי דיר וואוי צוגעפעלן. באַוויז דיין גרויסן חסד, באַוויליק אָנצונעמען דעם געשאַנק און קלויב דיר אויס דיין טייל!

דער אַלוויסענדער צעאוס, דער פאָטער פון די געטער, האָט אָבער פאַרשטאַנען פֿראָמעטעאוס׳עס מיין און האָט געזאָגט:

— פֿראָמעטעאוס, דער זון פון מיין ליבן פריינט, דעם באַרימטן העלד יאַפעטאָס. דו האָסט נישט צעטיילט אויף גלייכע חלקים!

האָט זיך פֿראָמעטעאוס געפרייט אין האַרצן, וואָרום ער האָט געמיינט, אַז ס׳איז אים געלונגען אָפּצונאַרן דעם פאָטער פון די געטער, און ער האָט געזאָגט:

— איך בעט דיך, גרויסער גאָט! באַוויליק אויסצוקלויבן דעם טייל, וועלכער ס׳געפעלט דיר בעסער.

האָט צעאוסן באַהערשט אַ צאָרן, ער האָט אַ שאַר געטון מיט דער האַנט און צעוואָרפן די קופּע ביינער, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט פעטס און אָדערן. דערזעענדיק די בלויזע ביינער, האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט ערשט איצט פאַרשטאַנען די פאַלשקייט פון פֿראָמעטעאוסן, און ער האָט געזאָגט מיט גרימצאָרן:

— ווייזט אויס, ליבער פריינט, אַז גראָר ווי אַמאָל גייסטו אויף נאָך היינט אין די וועגן פון פאַלשקייט.[1]

און צעאוס האָט באַשלאָסן אָפּצורעכענען זיך מיט פּראָמעטעאוסן און זיך אויך נוקם צו זיין אין די מענטשן, וועלכע פּראָמעטעאוס האָט באַשאַפן. האָט ער צוגענומען ביי די מענטשן דאָס פייער, די לעצטע מתנה, וואָס האָט געזאָלט פאַרבעסערן און פאַרשענערן זייער לעבן.

פּראָמעטעאוס האָט אָבער געזוכט מיטלען, ווי אַזוי זיך קעגנצושטעלן צעאוסן. האָט ער אָפּגעשניטן אַ בינטל רוירן, לאַנגע און פעסטע, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטן. און אַזוי ווי דער זונען-רייטוואָגן איז פאַרבייגעפאָרן פאַר אים, האָט ער אַ שטרעק אויס געגעבן דאָס בינטל רוירן און זיי איינגעטונקט אין די פלאַמען—דאַן איז ער שנעל אַראָפּגעגידערט אויף די ערד, מיט דעם ברענענדיקן פלאַקער אין דער האַנט, און אין עטלעכע מינוט אַרום זענען שוין אויפגעשטיגן פון דער ערד זייַן רויך.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע פייער, וואָס ס'האָבן אָנגעצונדן די מענטשן און וואָס האָט זיך צעפלאַקערט און אויפגעגאַנגען ביז אונטערן הימל...

ווען צעאוס, דער דונער-שליידערער, האָט דערזען די קנוילן רויך, וואָס האָבן זיך געהויבן פון דער ערד, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ העפטיקן צאָרן. נאָר אַזוי ווי ער האָט שוין נישט געקאָנט צוריק אָפּנעמען ביי די מענטשן דאָס פייער, וואָס גיט וואַרעמקייט און לעבן, האָט ער באַשלאָסן צו ברענגען אויף די מענטשן אַ צרה, פון וועלכער זיי זאָלן זיך נישט קאָנען באַפרייען. ער האָט גערופן העפעסטאָסן, דעם הינקעדיקן גאָט פון

---

1) דערמיט וויל צעאוס געבן אָנצוהערן, אַז ער האָט נאָך נישט פאַרגעסן דעם בונט, וואָס ס'האָבן געמאַכט קעגן אים די טיטאַנען, און אַז ער איז אויך איצט חושד פּראָמעטעאוסן אין שלעכטע מחשבות.

פייער, וועלכער האָט געקאָנט שמידן קופּער און אייזן. לויטן באַפעל פון צעאוסן האָט העפעסטאָס אויסגעאַרבעט אין זיין אונטערערדישער שמידעריי אַ שיינע פרויען־פיגור, וועלכע ער האָט געמאַכט לויטן מוסטער פון די אומשטערבליכע געטינס.

דאָס ווערק, וואָס פּראָמעטעאוס האָט באַשאַפן, האָט דערוועקט דעם נייד פון אַטענע. האָט גענומען אַטענע די פרויען־פיגור, וואָס העפעסטאָס האָט געמאַכט, אָנגעקליידט זי אין אַ שיינעם, פּרעכטיקן מאַנטל און פאַרפּוצט איר קאָפּ מיט דעם שענסטן פוץ; זי האָט אָפּגעריסן די שמעקעדיקסטע בלומען און באַצירט מיט זיי די פיגור; אַרום אירע לענדן האָט זי אָנגעגאַרטלט אַ גאָלדענע גאַרטל, אויסגעאַרבעט דורך העפעסטאָסן; אויף דער גאַרטל זענען געווען אויסגעקריצט אַלערליי חיות און עופות, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי לעבעדיקע. הערמעס, דער שליח פון די אומשטערבלעכע געטער, האָט געמאַכט די שטומע געשטאַלט רעדעוודיק, און אַפראָדיטע, די געטין פון שיינקייט, האָט איר צוגעגעבן חן און צויבער.

דאָס מיידל האָבן זיי אָנגערופן פאַנדאָרע, דאָס זאָל באַדייטן: די באַשאָנקענע, ווארום איטליכער פון די אומשטערבליכע געטער האָט באַשאָנקען זי מיט אַ מתנה, דורך וועלכער זי האָט געזאָלט ווערן דאָס אומגליק פון דער מענטשן־פאַמיליע. און אַזוי האָט צעאוס אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד דאָס אומגליק, אין דער געשטאַלט פון שיינקייט און פראַכט, וואָס פאַרבלענדט די אויגן...

פאַנדאָרע איז אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, האַלטנדיק אין האַנד דאָס קעסטל מיט די מתנות, וואָס די געטער האָבן איר געשאָנקען. דערזעענדיק זי, האָבן די מענטשן זי שטאַרק ליב באַקומען צוליב איר שיינקייט; אָבער אויך ביי די געטער־קינדער, וואָס האָבן זיך געחברט מיט די מענטשן און געלעבט צוזאַמען מיט זיי, האָט זי שטאַרק אויסגענומען. פאַנדאָרע האָט געפאַנגען אַלעמענס הערצער, אַלע זענען געווען באַצויבערט פון איר שיינקייט. האָט זיך פאַנדאָרע אַוועקגעלאָזט צום הויז פון דעם לייכטזיניקן

עפּימעטעאוס, דעם ברודער פון פּראָמעטעאוס. עפּימעטעאוס האָט זי באַגעגנט מיט גרויס שמחה. פּראָמעטעאוס האָט אים געוואָרנט און געזאָגט: היט זיך, נעם נישט אַריין אין דיין הויז קיין שום זאַך, וואָס צעאוס שיקט אַראָפּ, וואָרום צעאוס איז נאָר אויסן דאָס שלעכטע און ער שיקט אומגליק פאַר די מענטשן. עפּימעטעאוס האָט אים אָבער נישט געפאָלגט און ער האָט גענומען דאָס שיינע מיידל פאַר אַ פרוי. פּאַנדאָרען האָט זיך פאַרגלוסט אַ קוק צוטון, וואָס פאַר מתנות האָבן עס איר געשאָנקען די געטער, און זי האָט אַן עפן געטון דאָס קעסטל. זענען אַרויס פון אינעווייניק אַלערליי פּלאָג און בייזע אָנשיקעניש, אַלערליי שטרייט און קריגעריי, קנאה און שנאה, און דאָס אַלץ האָט זיך באַהאָפטן מיט די מענטשן, וועלכע האָבן ביז דאַמאָלט נישט געוואוסט פון קיין זאָרג און יאוש, וואָרום זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי דער ערע, וואָס ס'האָט זיי געלערנט זייער באַשיצער פּראָמעטעאוס דערזעענדיק דאָס אומגליק, וואָס זי האָט געבראַכט אויף די מענטשן דורכן עפענען דאָס קעסטל, איז געפאַלן אויף פּאַנדאָרען אַ גרויל און זי האָט שנעל צוריק פאַרמאַכט דאָס קעסטל. נאָר פון אַלע מתנות, וואָס פּאַנדאָרע האָט אַראָפּגעבראַכט פון הימל, איז אין קעסטל פאַרבליבן נישט מער, ווי די האָפנונג — וועלכע האָט דורך דער קורצער צייט, וואָס דאָס קעסטל איז געווען אָפן, נישט באַוויזן אַרויסצופליען און צוריקצוקערן קיין אָלימפּוס. איז די האָפנונג געווען געצוואונגען צו בלייבן ביי די מענטשן און זי וואוינט צווישן זיי ביזן היינטיקן טאָג...

צעאוסעס שלעכטע אָנשיקענישן האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער ערד און זענען אַריינגעדרונגען אויך אין די לופט און אין די טיפענישן פון ים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מגפה: אומבאַקאַנטע קראַנקהייטן האָבן זיך שטילערהייט אונטערגעגנבעט איבעראַל, האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דער ערד, באַלאַגערט די הייזער און אומגעבראַכט פיל מענטשן. אי דער מענטש, אי די בהמה זענען געוואָרן געפּלאָגט פון גיפטיגע חולאתן, און דער טויט, וואָס האָט נאָר אַזוי געלויערט פון ווייטנס, איז געקומען, ווי אַ פייל

פון בויגן.

פונדעסטוועגן האָט זיך נאָך נישט איינגעשטילט צעאוסעס גרימצאָרן, וואָרום ער האָט זיך נאָך נישט נוקם געווען אין זיין פיינט פּראָמעטעאוס. האָט ער אים איבערגעענטפערט אין די הענט פון העפעסטאָס און זיינע דינער קראָטאָס און וויאַ, דאָס זענען: רויב און מאָרד, און האָט זיי באַפוילן, צו פאַרשלעפּן פּראָמעטעאוסן אין די סטעפּעס פון די סקיטן און אים צושמידן צו אַ הויכן פעלז אין די קאַווקאַזער בערג, איבער אַן אונענדלעך-טיפן אָפּגרונט. האָט העפעסטאָס רחמנות געקריגן אויף פּראָמעטעאוסן, דעם זון פון די טיטאַנען, וואָרום ער איז געווען צוגעבונדן צו אים, און זיי האָבן ביידע געשטאַמט פון איין זיידן, אוראַנוס. ער האָט גענומען טרייסטן פּראָמעטעאוסן און רעדן צו אים גוטע רייד, וואָס זאָלן אים באַרויקן און איינשטילן.

אָבער די אַכזריותדיקע דינער פון העפעסטאָסן, קראָטאָס און וויאַ, האָבן זיך קעגנגעשטעלט קעגן זייער האַר און זיי האָבן געכאַפּט פּראָמעטעאוסן, כדי וואָס גיכער אויסצופירן צעאוסעס באַפעל. זיי האָבן געבונדן פּראָמעטעאוסן מיט נייע קייטן און צוגעשמידט אים צו אַ פירכטערליכן פעלז. איז דער מענטש-באַשאַפער געבליבן הענגען איבער אַ שוואַרצן אָפּגרונט, אַזוי, אַז ער האָט אַפילו נישט געקאָנט אַ ריר טון מיט אַ פוס, אָדער פאַרמאַכן די בעלמעס פון אויג...

דאַן האָט העפעסטאָס אויסגערופן: ווי גרויס איז דיין אומגליק, פּראָמעטעאוס, עס צערייסט ביי מיר דאָס האַרץ! פעלזן קאָנען גערירט ווערן פון דיינע זיפצן, אָבער נישט צעאוס מיט זיין שטיינערנעם האַרץ, וועלכער האָט זיך נישט דערבאַרמט אַפילו איבער זיין אייגענעם פאָטער.

צעאוסעס צאָרן איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט באַשלאָסן צו באַשטראָפן פּראָמעטעאוסן מיט אַ שטראָף, וואָס זאָל זיך ציען ביז אין די אייביקייט, אָדער, לכל הפחות, דרייסיק טויזנט יאָר. פּראָמעטעאוסעס יסורים זענען געוואָרן אַלץ שטאַר-

קער, און זיינע קרעכצן האָבן אָפּגעהילכט ווייט אַרום; ער האָט גערופן פאַר עדות דעם ווינט פון די בערג און די רוישנדיקע טייכן, די ערד און אַלע אירע באַשעפענישן, די זון, וואָס קוקט אַראָפּ פון הימל. ער איז אָבער נישט געפאַלן ביי זיך און דער מוט האָט אים נישט פאַרלאָזן. ער האָט זיך געטראַכט: דער



העפעסטאָס.

גאָט, וועלכער האָט קענען געלערנט די הערשאַפט פון צוואַנג, וואָס איז שטאַרקער פון אַלעם, מוז אויך געדולדיק פאַרט אָגן זיין שווערן גורל[1].

---

1) לויט דער אָנשויאונג פון די גריכן איז דער גורל געווען מעכטיקער אַפילו פון די געטער.

דאָס אַלץ איז אָבער נאָך געווען ווינציק פאַר צעאוסן, האָט ער געשיקט אַ פירכטערלעכן רויב־פויגל, וועלכער איז יעדן טאָג אַראָפּגעגנידערט צו פּראָמעטעאוסן, צוריסן אים דאָס לייב מיט די שאַרפע נעגל, געפּיקט און געפרעסן זיין לעבער. אַז עס איז געקומען די נאַכט, איז די לעבער צוריקגעוואַקסן, כדי דער פויגל זאָל זי צומאָרגנס פרעסן אויפסניי. און צעאוס האָט גוזר געווען, אַז פּראָמעטעאוסעס מאַטערנישן זאָלן פריער נישט נעמען קיין ענד, ביז עס וועט קומען אַ מאַן, וואָס וועט מיט זיין אייגענעם לעבן אויסקויפן אים פון די צרות.

מיט דרייסיק יאָר שפּעטער איז פאַרביי דעם פעלז, צו וועלכן פּראָמעטעאוס איז געווען צוגעשמידט, פאַרבייגעגאַנגען הערַאַקלעס, וועלכער האָט זיך אַוועקגעלאָזן רייסן עפּל אינם גאָרטן פון די העספערידען.[1] אויפהויבנדיק די אויגן, האָט ער דערזען דעם אומגליקלעכן, וואָס איז געווען צוגעשמידט מיט שווערע קייטן צום שפּיץ פעלז און איבער וועלכן עס האָט זיך געשטרעקט דער פירכטערלעכער רויב־פויגל, געריסן זיין לייב און געפרעסן זיין לעבער.

האָט זיך צופלאַקערט דער צאָרן פונם גבור, און ער האָט אַ שליידער געטון אויף דר׳ערד זיין שטעקן און די לייבן־פעל, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרהילט. ער האָט אָנגעשטעלט זיין מעכטיקן בויגן, אויסגעשאָסן אַ פייל און אַראָפּגעוואָרפן דעם אַכזריותדיקן פויגל אַראָפּ אין טיפן אָפּגרונט. דאַן איז ער צוגעטרעטן צו פּראָמעטעאוסן, אָנגעכאַפּט די קייטן, אַ רייס־געטון זיי און צעבראָכן. פּראָמעטעאוס איז געווען פריי.

כדי אָבער מקיים צו זיין די גזירה פון צעאוסן, האָט

---

[1] העספערידען זענען געטינס־יונגפרויען, וואָס האָבן געוואוינט אינם מערב־עק פון דער ערד; זיי האָבן געהאַט אַ גאָרטן, אין וועלכן ס׳זענען געוואַקסן גאָלדענע עפּל, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוועלקט, אלס סימבאָל פון אייביקער יונגקייט.

באַשלאָסן דער צענטויר[1] כיראָן צוגעשמידט צו ווערן אויפן אָרט פון פראָמעטעאוסן און אים אויסצוקויפן מיטן פרייז פון זיין אייגענעם לעבן. און אַזוי ווי ער איז געווען פאַרמשפּט צו זיין צוגעשמידט צום פעלז אויף אייביק, האָט פראָמעטעאוס געגאָסן אַן אייזענעם רינג, אַריינגעפּאַסט אין אים אַ שטיין און אים שטענדיק געטראָגן אויפן פינגער

אויף אַזאַ אופן איז באַפרייט געוואָרן פראָמעטעאוס און גלייכצייטיק איז אויך אויסגעפירט געוואָרן די גזירה פון צעאוסן, וועלכער האָט זיך געקאָנט באַרימען, אַז ער האָט צוגעשמידט זיין פיינט צום פעלז ביז אין אַלע אייביקייטן...



[1] דאָס איז געווען אַ באַשעפעניש מיט אַ קאָפּ פון אַ מענטש און אַ לייב פון אַ פערד.

די ערשטע דורות.

נאָכדעם ווי עס זענען באַשאַפן געוואָרן הימל און ערד, האָבן די געטער געזאָגט איינער צום אַנדערן:

„לאָמיר מאַכן אַמענטש, וואָס זאָל הערשן איבער די פיש אין וואַסער, איבער די פויגל אין דער לופט און איבער די באַשעפענישן, וואָס קריכן אויף דער ערד.”

און זיי האָבן געמאַכט אַמענטשן פון ריינעם גאָלד. אין הימל האָט דעמאָלט געהערשט קראָנאָס.[1] די מענטשן זענען מיט אַלעמען געווען ענלעך צו די געטער פון אָלימפּוס, אי מיט זייער אויסזען, אי מיט זייער לעבענס־אַרט. זיי זענען געווען פריי פון וועלכער עס איז אַרבעט, זיי האָבן נישט געוואוסט פון קיין שום קראַנקהייטן און האָבן נישט געפילט דעם טעם פון אַלטקייט. זיי זענען געווען שטענדיק יונג און קרעפטיק, זייער לייב איז געווען ווי אויסגעשמידט, זייער פּנים האָט געשטראַלט פון פרייד.

---

1) קראָנאָס—צעאוסעס פאָטער.

זיי האָבן געלעבט מיט פאַרגעניגן און האָבן געטרונקען פונם בעכער פון גליק.

און די מענטשן האָבן געפונען חן ביי די געטער און זענען געזעגנט געוואָרן מיט כל־טוב. זייערע סטאַדעס האָבן זיך פאַרמערט און געפּאַשעט זיך איבער די ווייטע לאָנקעס; די ערד, כאָטש זי איז נישט געוואָרן פאַראַקערט און פאַרזייט, האָט זי פונדעסטוועגן אַרויסגעגעבן פיל שפּראָצונג. די פיש האָבן זיך פאַרמערט אינם וואַסער, און די חיות און עופות האָבן זיך געפּרוכפּערט אין לאַנד.

די מענטשן פון יענעם דור האָבן געלעבט אַ סך יאָרן, דערנאָך, אַז ס'איז געקומען די צייט און זייער לעבנס־טאָג האָט זיך געענדיקט, זענען זיי איינגעשלאָפן אַ זיסן שלאָף און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גייסטער פון גוטסקייט און גנאָד. די דאָזיקע גייסטער האָבן שטענדיק אַרומגעשוועבט, געהילט אין נעבל, זיי האָבן געבראַכט פיל שפע, געפלאַנצט גערעכטיקייט און פאַרטיידיקט דעם שוואַכערן קעגן דעם שטאַרקערן.

דערנאָך איז אויפגעשטאַנען אויף דער ערד אַ נייער דור, אַ דור, וואָס די געטער האָבן אים געמאַכט פון זילבער. די מענטשן פונם דאָזיקן דור האָבן זיך שוין אונטערשיידט פון די מענטשן פונם פריערדיקן דור אי לויטן בוי פון זייערע קערפּער אי לויט די אייגנשאַפטן פון זייער האַרץ. די קינדער, וואָס זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן, זענען געווען שלאַף און שוואַך און האָבן געמוזט בלייבן הונדערט יאָר אין הויז פון די עלטערן, אונטער דער אויפזיכט פון די מאַמעס און אַמען. דערנאָך, אַז זיי זענען גרויס געוואָרן — איז געקומען דער טויט און געמאַכט אַ סוף צו זייער לעבן.

די מענטשן פון יענעם דור זענען געגאַנגען אין שלעכטע וועגן, זיי האָבן געזינדיקט איינער קעגן דעם אַנדערן, און די ערד איז פול געוואָרן מיט שלעכטס. און נישט בלויז, וואָס זיי האָבן געזינדיקט איינער קעגן אַנדערן, נאָר זיי האָבן אויך ווי־ערגעשפעניקט קעגן די געטער און אויפגעהערט צו ברענגען

פאַר זיי קרבנות. איז געוואָרן דערצערנט אויף זיי דער הער־שער פון הימל און האָט זיי אָפּגעמעקט פון דער ערד, וואָרום ער האָט שוין נישט געקאָנט פאַרטראָגן, זעענדיק, ווי די מענטשן געבן נישט אָפּ די געטער דעם געהעריקן כבוד. ווייל אָבער די דעמאָלטדיקע מענטשן האָבן געטאָן אויך אייניקע גוטע מעשים, זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטערבלעכע דעמאָנען,[1] וואָס האָבן אַרומגעשוועבט איבער דער ערד.

דאַן האָט צעאוס, דער נייער הערשער פון הימל, באַשאַפן אַ דריטן דור און האָט געמאַכט דעם מענטשן פון בראָנז. זענען די מענטשן געווען נאָך ערגער, ווי פריער, זיי האָבן געלעבט בלויז מיט דער שווערד און זייער אייציקע פרייד איז געווען, שלעכטס צו טון אייבער דעם אַנדערן. זיי האָבן פאַרגאָסן פיל בלוט, און די מלחמות האָבן נישט גענומען קיין סוף.

עס איז זיי מיאוס געוואָרן צו עסן געוויקסן, האָבן זיי זיך גענומען שפּייזן מיטן פלייש פון די חיות. זיי זענען געווען גרויס און הויך, ווי די ריזן, זיי האָבן געהאַט פיל כח און האָבן נישט געוואוסט פון קיין רחמנות. זייער געווער האָבן זיי גע־מאַכט פון קופּער, אויך הייזער האָבן זיי געבויט פון קופּער, אַלע זייערע כלים האָבן זיי געמאַכט פון קופּער, ווייל פון אייזן האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט.

נאָר אויך זייער טאָג איז געקומען, און נישט קוקנדיק אויף זייער גרויסן כח, האָבן זיי פונדעסטוועגן נישט געקאָנט ביי־קומען דעם טויט און זיי האָבן זיך געמוזט שיידן מיטן שיין פון דער זון און אַראָפּנידערן אין פינסטערן גרוב, אין וואוינאָרט פון די שאָטנס.

און ווען זיי זענען ענדלעך פאַרלענדט געוואָרן פון דער ערד, האָט צעאוס באַשאַפן אַ פירטן דור. די מענטשן פונם נייעם דור זענען געווען גוט און רעכטפאַרטיק און זיי האָבן געבוירן

---

[1] גוטע גייסטער.

ריזן און העלדן, וועלכע מען האָט גערופן די געטער־קינדער.

נאָר אויך צווישן זיי זענען אויסגעבראָכן קריגערייען און מלחמות. פיל פון זיי זענען אויסגעשטאָרבן פאַר די מויערן פון טהעבען[1]) מיט אירע זיבן טויערן, בעת דער מלחמה מיטן קעניג עדיפ, און פיל זענען געפאַלן אויף די שלאַכטפעלדער פון טראָיאַ[2]), וואוהין זיי זענען געקומען אויף שנעלע שיפלעך צוליב דער שענער העלענע.

דאַן האָט דער הערשער פון הימל געגעבן די מענטשן פון יענעם דור נייע וואוינערטער אין עק פון דער וועלט און ער האָט זיי באַזעצט אויף די גליקלעכע אינזלען, וואָס ליגן אין מיטן דעם אומענדלעכן ים. דאָרט האָבן זיי אָנגענעם פאַרבראַכט זייער לעבן, נישט וויסנדיק פון זאָרג; דריי מאָל אין יאָר גיט דאָרט די ערד תבואה; זיי האָבן געלעבט אין ליכט און פרייד, מיט שפיל און געזאַנג.

דערנאָך, אַז יענער דור איז אויך אויסגעשטאָרבן, ווי עס איז דער גורל פון אַלע שטערבלעכע, איז געקומען אַ נייער דור, דער דור פון אייזן. דער דאָזיקער דור איז געווען אַ שלעכטער און אַ פאַרדאָרבענער, אַ דור, ווען דער זון האָט געשאָלטן דעם פאָטער און גערינגשעצט די מוטער.

דאַן האָט העזיאָד, דער דיכטער פון יענע צייטן, געפלוכט דעם טאָג פון זיין געבוירן ווערן און האָט אויסגערופן מיט ביטערקייט: „ווי איז מיר, וואָס איך לעב אין אַזאַ פאַרדאָרבענער צייט! פאַרוואָס בין איך נישט געשטאָרבן אין דער מוטערס לייב! נאָך וואָס האָב איך דערזען די ליכטיקע שיין.״

און נאָך ווייניק, וואָס זיי האָבן נישט אָפּגעגעבן כבוד

---

1) אַ שטאָדט אין גריכנלאַנד.

2) פאַריס, דער זון פונם טראָיאַנישן קעניג פריאַם, זייענדיק צו גאַסט ביים לאַקעדעמאָנישן קעניג מענעלאַוס, האָט צוגערויבט ביי אים זיין שיינע פרוי העלענע.

זייערע עלטערן, האָבן זיי אויך געפירט מלחמות איינער קעגן אַנדערן, האָבן פאַרגאָסן בלוט און חרוב געמאַכט פיל שטעדט. און עס האָט זיך פאַרמערט די קנאה פון איינעם צום צווייטן, יעדער האָט זיך געפרייט מיט זיין חברס אומגליק, און די הערצער זענען פול געוואָרן מיט האַס.

דערזעענדיק דאָס שלעכטס, וואָס די מענטשן האָבן געטון, האָבן די שענע יונגפרויען, די גנעדיקע געטינס, פאַרשלייערט זייערע געזיכטער מיט ווייסע שלייערן, פאַרלאָזט די מענטשן און אומגעקערט זיך, טרויעריקע און פאַראומערטע, אינם וואוינאָרט פון די אומשטערבלעכע געטער. און אויף דער ערד איז געבליבן דאָס אומגליק, און קיין הילף איז נישט געווען...



3.

דער מבול.

ווען די מענטשן פונם קופּערנעם דור זענען געוואָרן שלעכט און פֿאַרדאָרבן, איז דערפֿון געוואָר געוואָרן צעאוס אין הימל. איז פֿינסטער געוואָרן זיין פּנים און ער האָט געזאָגט: איך וועל אַראָפּנידערן אויף דער ערד און זען, וואָס זיי האָבן אַזעלכעס געטון. ער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מענטשן און איז אַראָפּ־געגנידערט אויף דער ערד. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט געוואוסט אַפֿילו אַ העלפֿט פונם אמת.

אַז עס איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, איז ער אָנגעקומען צום הויז פֿון ליקאַאָן, דעם קעניג פֿון אַרקאַדיען. ליקאַאָן איז געווען אַ האַרטער און זער אַ שלעכטער מענטש און קיין אורח האָט נישט געוואַגט אַריבערצוטרעטן איבער דער שוועל פֿון זיין הויז. די קנעכט פֿונם קעניג האָבן אָבער דערקענט דעם גאַסט און זיי האָבן געוואוסט, אַז ס'איז אַ גאָט, וואָרום צעאוס האָט זיך נישט פֿאַרשטעלט און נישט פֿאַרהוילן פֿאַר קיינעם, ווער ער איז. זע־נען זיי געפֿאַלן אויפֿן פּנים און זיך געבוקט פֿאַר אים. נאָר לי־

קאַאָן האָט געשפּעט פון זיי און געזאָגט: ס׳קומט עמיץ נעכטיקן, האַלט איר אים פאַר אַ גאָט? אויב ער איז אַ גאָט, זאָל ער נאָר באַווייזן זיין געטלעכקייט.״

ליקאַאָן האָט זיך געטראַכט, אַז ביינאַכט, ווען דער גאַסט וועט אַנטשלאָפן ווערן, וועט ער אים הרגענען. דערווייל אָבער האָט ער גענומען אַן ערובניק, וואָס ער האָט באַקומען פון די מולוסען[1], געשחטן אים און צעשניטן אויף פיר שטיקער. די צאַפּלדיקע שטיקער פלייש האָט ער געבראָטן אין אַ פאַן אויפן פייער און האָט די שפּייז דערלאַנגט דעם גאַסט.

דערזעענדיק אַזאַ שוידערלעכקייט, איז צעאוס אַריינגעפאַלן אין אַ ברענענדיקן צאָרן. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און גענומען שלײַדערן זיינע דונערן אויף די קעניגלעכע שטאָט, אַזוי, אַז אינגיכן איז די גאַנצע שטאָט געשטאַנען אין פלאַמען. דאַן איז אַ גרויסער פחד באַפאַלן ליקאַאָנען און נישט וויסנדיק, וואָס צו טון, איז ער איילנדיק אַרויסגעלאָפן אין פעלד אַריין. ער האָט אויפגעהויבן אַ פירכטערלעכע קלאָג, זיינע קליידער זעגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָלטונעוואַטע פעל און די אָרעמס—אין האָריקע לאַפּעס. אַזוי איז געקומען אויף אים גאָטס שטראָף און ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָלף.

דאַן איז צעאוס אַרויפגעשטיגן אויפן שפּיץ פון אָלימפּוס, צוזאַמענגערופן אַלע אומשטערבלעכע און געהאַלטן מיט זיי אַ באַראַטונג. ער האָט זיי דערציילט, ווי פאַרדאָרבן עס איז געוואָרן דער מענטש, און זיי האָבן אַרויסגעטראָגן אַ פּסק, אַז אַלע מוזן ווערן פאַרלענדט. צעאוס האָט באַשלאָסן, שלײַדערן אויף זיי זיינע דונערן און אַראָפּצעשיקן אַ רעגן פון פייער און שוועבל אויף די שטעט און זייערע איינוואוינער, כדי אָפּצומעקן די גאַנצע מענטשהייט פון דער ערד. ער האָט גענומען דעם דונערפייל, וואָס ס׳האָבן אויסגעשמידט די ציקלאָפּען, און שוין געוואָלט

[1]) אַ גריכישער שבט.

אָנהויבן שיסן. ער האָט זיך אָבער באַלד באַזינען און חרטה באַקומען, וואָרום ער האָט מורא געהאַט, אַז פונם פייער זאָל זיך נישט אָנצונדן אויך דער הימלישער עטער[1]) און דער גאַנצער וועלט־אַל זאָל נישט פאַרוואַנזלט ווערן אין שטויב.

דאַן האָט ער געעפנט די פענסטער פון הימל און האָט געבראַכט אַ מבול אויף די ערד. עאָלאָס, דער גאָט פון די ווינטן, האָט שנעל געבונדן דעם צפון־ווינט און אַלע אַנדערע ווינטן, וואָס בלאָזן פונאַנדער און צעשטרייען די וואָלקנס, און האָט זיי אַלעמען איינגעשלאָסן אין אַ פאַרבאָרגענער, אומבאַקאַנטער הייל. פריי געבליבן איז בלויז דער דרום־ווינט; ער האָט פונאַנדערגעשפּרייט זיינע פליגל, אַ פלי־געטון און אַראָפּגענידערט אויף דער ערד. זיין פינסטער פנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ נעבל, שווערע וואָלקנס האָבן זיך אָנגעהויפט אין זיין באָרד, אויך דער שטערן איז אים באַדעקט געוואָרן מיט וואָלקנס, און שטראָמען וואַסער זענען געפלאָסן פון זיינע לאַנגע, ווייסע האָר. איז אים דאָס נאָך ווייניק געווען, האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע ריזיקע הענט, גענומען די וואָלקנס־נעפלען, וואָס זענען געווען אָנגעהאָנגען אָן הימל, און אויסגעקוועטשט זיי מיטן גאַנצן כח. זענען געפלאָסן די וואַסערן, געררוישט, אַזוי ווי דונערן, און האָבן פאַרדאָרבן אַלע שפּראָצונגען פונם פעלד און צו־נישט געמאַכט דעם מענטשנס פראַצע. נאָר צעאוסעס צאָרן האָט זיך אַלץ נאָך נישט געשטילט, און ער האָט גערופן זיין ברודער פּאָסעידאָן, דעם גאָט פון וואַסער. פּאָסעידאָן איז געקומען און פאַרענדיקט דאָס ווערק פון פאַרניכטונג. ער האָט איינגעזאַמלט די גייסטער פון די טייכן און טייכלעך און צו זיי געזאָגט: לאָזט אַרויס אַלע אייערע וואַסערן אויף די פריי, צעשטערט אַלע הייזער, צעברעכט אַלע פאַרצוימונגען.

---

[1]) עטער — זער אַ שיטערער גאַז, וואָס פילט אויס דעם חלל צווישן די שטערן.

די גייסטער האָבן דערפילט דעם באַפעל פון זייער האַר. פאָסעידאָן האָט גענומען זיין דריי־שפיציקן שפיז, אַ שלאָג געטון אין די ערד, איינמאָל און נאָכאַמאָל, צעשפאָלטן זי, געעפנט און אַרויסגעלאָזט די וואַסערן פון זייערע פאַרצוימונגען.

האָבן זיך אַ גאָס־געטון די קוואַלן פון די טיפסטע אָפּגרונדן, אַרויסגעלאָזט זיך און פאַרפלייצט פעלדער און ווייגערטנער, אויס־

געריסן ביימער מיט די וואָרצלען, אומגעוואָרפן טעמפלען און צעשטערט הייזער. עס איז פאַרשוואונדן די גרעניץ צווישן דער יבשה און דעם ים און דאָס וואַסער האָט נישט געהאַט קיין ברעג.

זוכנדיק אַ רעטונג, האָבן זיך טייל מענטשן באַהאַלטן אין

די שטאַלטן פון די פעלזן, טייל האָבן געבויט שיפן און זיך אַריינגעזעצט אין זיי. די שיפן האָבן זיך געטראָגן איבער דער איבערפלאַך פון וואַסער, פאַרטשעפעט זיך אָן דעכער פון הייזער, פאַרפלאָנטערט זיך מיט די וויינשטאָקן, וואָס זענען געוואַקסן אויף די רוקנס פון די בערג. די פיש זענען געבליבן הענגען טויט אין די שפיצן פון די וואַלד-בוימער, עס האָט זיך נישט גערעטעט אַפילו דער פלינק-פיסיקער הערש, אַלע חיות זענען אומגעקומען אין וואַסער.

אַזוי האָט אָפגעמעקט דער מבול אַלץ, וואָס ס׳האָט געלעבט, און די, וואָס זענען נישט געשטאָרבן פון וואַסער, זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער אויף די שפיצן פון די נאַקעטע פעלזן. בלויז די צוויי הייכן פון באַרג פאַרנאַס האָט מען נאָך אַרויסגעזעען פון מיטן דעם אונענדלעכן ים. צום דאָזיקן באַרג איז צוגעשוואומען אַ שיפל, אין וועלכן עס זענען געזעסן דעיקאַליאָן, דער זון פון פראָמעטעאוס, און זיין פרוי פירא; פראָמעטעאוס האָט זיי געוואָרנט אין דער ריכטיקער צייט און האָט זיי אויך געגעבן אַ שיפל, אויף וועלכן זיי זאָלן זיך רעטן. דעיקאַליאָן איז געווען אַ רעכטפאַרטיקער און אַ פרומער, ער האָט אָפגעגעבן כבוד די געטער און פריינדלעך אויפגענומען געסט.

אַראָפקוקנדיק פון הימל אויף די ערד אַראָפ, האָט צעאוס דערזעען דאָס קליינע שיפעלע, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די שטורמישע כוואַליעס. האָט ער באַקומען רחמנות אויף דעיקאַליאָנען און זיין ווייב; ער האָט געגעבן אַ צייכן, און דער שוואַרצער נעפל-שלייער איז מיטאַמאָל צעריסן געוואָרן. דאַן איז אַרויס דער צפון-ווינט און צעשטרייט די שווערע וואָלקנס; און עס האָט זיך באַוויזן דער בלויער הימל און מילד אַראָפגעקוקט אויף דער ערד.

דאַן האָט שוין אויך פאָסעידאָן אַוועקגעוואָרפן זיין דרייַשפיציקן שפיז, און די וואַסערן האָבן זיך איינגעשטילט. דער ים האָט געשטעלט זיין צאָרן און די טייכן זענען צוריק אַריין אין זייערע פריערדיקע געלעגערס. עס האָבן זיך באַוויזן די הייכן

פון די בערג, די שפיצן פון די פעלזן און די קרוינען פון די בוימער. דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן אַלץ מער און מער, ביז די ערד איז אינגאַנצן טרוקן געוואָרן.

אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, האָט דעיקאַליאָן געזעען נישט מער, ווי אַ וויסטן מדבר, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ טויט שטילשווייגן. האָט זיך דעיקאַליאָן פונאַנדערגעוויינט און געזאָגט צו זיין פרוי:

— טייערע פריינדין מיינע! אָט זענען בלויז מיר ביידע געבליבן נאָכן מבול, און פראָמעטעאוס מיין פאָטער האָט מיך נישט אויסגעלערנט, ווי אַזוי צובאַשאַפן אַ מענטשן. עס וועט אונז יעצט אויסקומען צו בלייבן אונזער לעבנלאַנג איינזאַם און אַליין. עס וואָלט דאָך שוין בעסער געווען דער טויט, איידער אַזאַ לעבן.

און זיי האָבן ביידע געוויינט אַ ביטער געוויין.

אויפהויבנדיק די אויגן, האָבן זיי דערזעען די חורבות פון טעמידעס [1]) טעמפעל; זענען זיי געפאַלן אויף די קני און גענומען בעטן:

— דערבאַרעם דיך, אומשטערבלעכע געטין, באַוויז אונז דיין חסד און זאָג אונז, ווי אַזוי זאָלן מיר באַשאַפן אַ מענטשן און ווי אַזוי זאָלן מיר אויסמיידן דעם טויט?

האָט זיי טעמידע געענטפערט:

— גייט אַוועק פון מיין מזבח, באַדעקט אייערע קעפּ מיט שלייערן, בינדט אויף אייערע גאַרטלען און וואַרפט הינטער אייערע רוקנס די ביינער פון אייער מוטער [2])

דערהערנדיק די ווערטער פון דער געטין, זענען דעיקאַליאָן און זיין פרוי געוואָרן פאַרבליפט און האָבן אַ צייט לאַנג נישט

---

[1]) טעמידע—געטין פון גערעכטיקייט ביי די גריכן.

[2]) אז די גריכן פלעגן זיך איבערקלייבן פון איין אָרט אויף אַן אַנדערן פלעגן זיי מיטנעמען מיט זיך די ביינער פון זייערע עלטערן.

געוואוסט, וואָס צו זאָגן. דערנאָך האָט זיך אָנגערופן פּירא:
— זאָלסט נישט נעמען פאַראיבל, אַלמעכטיקע געטין, אויב

דאָס באַשאַפן דעם מענטשן.

איך וועל נישט דערפילן דיין באַפעל. וואָרום ווי אַזוי זאָל איך

לעסטערן דעם כבוד פון מיין מוטער און ווי אַזוי זאָל איך שטערן איר רו ?

דעיקאַליאָן אָבער האָט דערפילט אין זיך אַ געטלעכן גייסט און האָט געזאָגט :

— זאָרג זיך נישט, מיין פרוי, און זאָל נישט פאַלן דיין מוט. וואָרום די געטין האָט אונז נישט געהייסן טון אַזעלכעס, וואָס זאָל פאַרשוועכן דעם כבוד פון די טויטע. אונזער מוטער איז דאָך די ערד און אירע ביינער זענען די שטיינער. לאָמיר נעמען שטיינער און לאָמיר זיי וואַרפן הינטער אונזערע רוקנס, אַזוי ווי די געטין האָט אונז געהייסן.

זיי זענען צוגעגאַנגען צום אָפּהאַנג פון באַרג, האָבן אַרומגעהילט זייערע קעפּ מיט שלייערן, אויפגעבונדן די גאַרטלען און געוואָרפן שטיינער הינטער זייערע רוקנס. האָבן די שטיינער פאַרלוירן זייער פעסטקייט און האָבן נישט מער געהאַט זייער פריערדיקע שטיינערדיקייט ; זיי האָבן גענומען וואַקסן, זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סקעלעטן, און דער שטויב און די פייכטקייט, וואָס האָבן זיך באַהאַפטן אָן די שטיינער, זענען געוואָרן צו פלייש און בלוט. דער שטיין, וואָס דעיקאַליאָן האָט געוואָרפן, איז געוואָרן צו אַ מאַן, און דער שטיין, וואָס פירראַ האָט געוואָרפן, איז געוואָרן צו אַ פרוי. און די מענטשן, וואָס זענען אויף אַזאַ אופן באַשאַפן געוואָרן, זענען געווען אַרבעטסלוסטיק, האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר קיין זאַך און זענען געווען שטאַרק און פעסט, ווי דער פעלז, פון וועלכן זיי האָבן געשטאַמט...



4.

פאַיעטאָן.

אויף פּרעכטיקע קאָלאָנעס האָט זיך שטאָלץ געהויבן אַ בּלענדענדער פּאַלאַץ, דער טעמפּל פון העליאָס,[1] דעם גאָט פון טאָג. זיינע הויכע ווענט זענען געווען באַדעקט מיט ריינעם גאָלד און מיט בּלוט-רויטע טייערע שטיינער, זיינע הויכע טורעמס זענען געווען געשניצט פון העלפאַנד-ביין, און אויף זיינע טירן, וואָס זענען געווען פון ריינעם זילבּער, זענען אויסגעקריצט געווען אין אַ וואונדערבּאַרער שריפט אוראַלטע פּסוקים און סענטענצן פון פאַרצייטנס.

איינמאָל האָט זיך פאַיעטאָן, העליאָסעס זון, אַוועקגעשטעלט אויפן שוועל פון פּאַלאַץ, כּדי זיך צו טרעפן מיט זיין פאָטער. ער האָט זיך אָבער נישט געאיילט צו גענענען צום פאָטער, ווייל

---

1) העליאָס—דער גאָט פון דער זון ביי די גריכן.

דאָס פּנים פון העליאָסן האָט נאָך געבלענדט מיט שטראַלן און ס'איז נישט מעגלעך געווען אין אים אַריינצוקוקן.

העליאָס איז געזעסן אויף זיין קעניגלעכן שטול, געהילט אין פּורפּור, און אין שטול זענען געווען אַריינגעפּאַסט שמאַראַגדען און רובינען און אַלערליי עדלשטיינער. צו זיין רעכטער האַנט און לינקער האַנט זענען געווען אַלע זיינע קנעכט און באַדינער, דאָס זענען: דער טאָג און די נאַכט, דאָס יאָר און דער דור און די האָרען, געטינס פון ציי׳ט. דאָ איז אויך געווען דער פרילינק, געשמיקט מיט בלומען, און דער זומער, אין אַ קרוין פון זאַנגען; עס איז אויך געווען דער הערבסט, מיט רייפע וויינטרויב־שטענגלעך אין די הענט, און אויך דער צאָרניקער ווינטער מיט זיין שניי־ווייסער באָרד.

דער אַלוויסענדער האָט דערזען זיין זון, וואָס איז געשטאַנען פון ווייטנס מיט יראת־הכבוד, האָט ער געזאָגט צו אים מיט צערטלעכקייט:

— וואָס פאַרלאַנגסטו, מיין זון, אין טויער פון מיין טעמפּל? זאָג מיר דיין ווילן, וועל איך אים טון.

— מיין גאָט און פאָטער — האָט געענטפערט פאַיעטאָן, — די באַוואוינער פון דער ערד שפּעטן פון מיר און וואַרפן אַרויף אַ חרפּה אויף מיין מוטער, קלימענע, זאָגנדיק: „ניין, דו שטאַמסט נישט פון געטער, נאָר דו ביסט אַ זון פון אַ פּראָסטן קנעכט.״ דעריבער, פאָטער מיינער, באַווייז דיין חסד פאַר דיין קנעכט דיין זון און גיב אַ צייכן — זאָל די גאַנצע וועלט זען און וויסן, אַז דו ביסט דער פאָטער, וואָס האָט מיך געבוירן.

— אמת האָט געזאָגט דיין מוטער קלימענע! דו ביסט מיין זון, איך האָב דיך געבוירן! און יעצט, זון מיינער, זאָג, וואָס פאַר אַ צייכן זאָל איך דיר געבן, כדי דיך צו באַפרייען פון דיין צווייפל. און איך שווער ביי די וואַסערן פון סטיקס, דעם טייך פון אונטערערדישן מלכות, אַז איך וועל האַלטן מיין וואָרט.

ער האָט קוים אַרויסגעזאָגט די ווערטער, איז דער אומגעדולדיקער יונגל געפאַלן אויף די קני און גענומען בעטן:

— אויב דו ווילסטווירקלעך טון מיין בקשה, גיב מיר איבער דיין באַפֿליגעלטן רייטוואָגן אויף איין טאָג.

איז פינסטער געוואָרן דאָס פנים פונם גאָט, ער האָט געהאַט חרטה און, אַ פאַרזאָרגטער, האָט ער געשאָקלט מיט זיין שטראַלנדיקן קאָפּ און געזאָגט:

—פאַרפלוכט זאָל זיין די רגע, ווען איך האָב אַרויסגעלאָזט פון מויל אַזעלכע אומפאָרזיכטיקע ווערטער! באַזין זיך, זון מיינער, און צי צוריק דיין איבערגעאיילטן פאַרלאַנג, וואָרום דו וועסט נישט האָבן קיין הצלחה אויף דעם דאָזיקן וועג: נישט פאַר אַ שטערבלעכן, זון מיינער, נישט פאַר אַ שטערבלעכן איז צו פירן מיין רייטוואָגן. אַפילו צווישן די געטער געפינט זיך נישט קיינער, וואָס זאָל זיין דרייסט צו נעמען אויף זיך די דאָזיקע אַרבעט. וואָרום זאָלסט וויסן, מיין זון, אַז מיין וועג איז נישט פשוט און פול מיט שטרויכלונגען; עס באַטרעטן אים מיט שוועריקייט די פערד מייגע, נאָכדעם ווי זיי האָבן גערוט אַ גאַנצע נאַכט. און אַז איך מאַך שוין אַ האַלבן וועג און דערגרייך דעם מיטלפונקט פון הימל, און גיב דאַן אַ קוק אַראָפּ אין דעם טיפן אָפּגרונט, וואָס אונטער מיר — נעמט קלאַפּן מיין האַרץ און ס׳ווערן פינסטער מיינע אויגן און איך בין קוים אין שטאַנד צו האַלטן זיך אויף מיין רייטוואָגן. און דאַן, אַז איך לאָז זיך באַרג אַראָפּ, מוז איך מיט אַן אומגעהויערער קראַפט האַלטן די לייצעס, וואָרום דער אָפּהאַנג איז ווי אַ גלייכע וואַנט. דער וועג איז זייער שווער צוליב דעם געשווינדן דריי פון הימל[1] און איך האָב אויסצושטיין פיל מלחמות מיט זיינע תקופות,[2] וואָס קומען איינע נאָך דער אַנדערער מיט דער געשווינדיקייט פון אַ בליץ. היינט ווי אַזוי, זון מיינער, וועסטו באַווייזן גובר צו זיין די אַלע

---

1) אַזוי .ווי אַלע אַלטע פעלקער, האָבן אויך די גריכן געגלייבט, אַז דער הימל דרייט זיך אַרום זײַן אייגענער אַקס.

2) אַ תקופה הייסט אַ גאַנצער אומדריי פון הימל אַרום זײַן אַקס.

שטרויכלונגען, אויב איך וועל דיר איבערגעבן מיין רייטוואָגן? באַזין דיך, מיין זון, וואָרום עס איז מיר אַ שאָד דיינע יונגע יאָרן. בעט ביי מיר, וואָס דו ווילסט נאָר, בעט ביי מיר דאָס טייערסטע, בעט אַלע אוצרות פון דער וועלט — דו באַקומסט אַלץ, איך שווער ביי די וועלן פון סטיקס!

פאַיעטאָן האָט אָבער נישט פאַרנומען די רייד פון זיין פאָטער; ער האָט זיך פאַרעקשנט, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן, אַז ער איז נישט קיין גאָט, נאָר אַ מענטש. זעענדיק די עקשנות פון זון, האָט אים העליאָס אָנגענומען פאַר דער האַנט און אים צוגעפירט צו דעם וואונדערבאַרן זונען־רייטוואָגן. און דער וואָגן איז געווען אַ פראַכט־אַרבעט, געמאַכט דורך העפעסטאָס: דער אַנקסל און די רעדער — פון ריינעם גאָלד, די אַקסן — פון זילבער, איינגעפאַסט מיט די טייערסטע, פאַרשידנפאַרביקע שטיינער. פאַיעטאָן איז געווען איבעראַשט און נישט געקאָנט זיך זאַט־קוקן אין דעם וואונדערבאַרן רייטוואָגן.

דעדוויל האָט זיך אָנגעהויבן צו רויטלען דער מזרח־ראַנד פון הימל. עס איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף דער בלויליך־ראָזיקער מאָרגנשטערן, ברייט געעפנט דאָס פורפורנע טויער און דאָס פאָדערהויז, פול מיט רויזן. עס זענען בלאַס געוואָרן די שטערן און זענען, איינער נאָכן אַנדערן, פאַרשוואונדן פון דער הימלדעק. און געבליבן איז נאָר איין איינציקער שטערן, דער שטערן פון פרימאָרגן, נאָר באַלד איז אויך ער פאַרשוואונדן, און אויך די ליכטיקע לבנה האָט געמאַכט איר וועג און איז אַוועק.

דאַן האָט העליאָס באַפוילן די באַפליגלטע האָרן, זיי זאָלן איינשפּאַנען די לייכט־פיסיקע פערד. זענען זיי געגאַנגען און געבראַכט צו פירן די שטאַרקע פערדלעך פון זייערע מעלטורן, וואו זיי האָבן געגעסן אַמבראָזיע.[1] די פערד האָבן געהאַט אַ פירכטערלעכן אויסזעען, זייער מויל האָט געשפריצט פייער, און אַ רויך

1) אַמבראָזיע—די שפּייז פון די געטער.

איז אויפגעשטיגן פון זייערע נאָזלעכער. די האָרן האָבן אָנגעטון
אויף זיי דאָס געשפאַן, און העליאָס האָט געשמירט זיין זון פאַ-

העליאָסעס רײַטוואָגן.

יעטאָן מיט הייליקן אייל, כדי ער זאָל קאָנען ביישטיין די ברע-

גענדיקע היץ. דאַן האָט העליאָס אַ זיפץ געטון און געוואָרנט זיין זון צום לעצטן מאָל:

— דער עיקר, מיין זון, זאָלסטו היטן דעם טאָרמאַז, און זאָלסט האַלטן פעסט די לייצעס, וואָרום די פערדלעך לויפן ווי אַ שטורם און עס איז זייער שווער צו האַלטן זיי אין יאָך. זע, דער וועג איז נישט קיין פשוטער און קוקט אויס ווי אַ געשטרעקטער בויגן. האַלט זיך אָפּגערוקט פון צפון און פון דרום, דו וועסט שוין דערקענען דעם וועג לויט די שפורן פון די רעדער. זאָלסט נישט פליען צו נידעריק, כדי די ערד זאָל נישט ליידן פונם פייער. זאָלסט זיך אָבער אויך נישט אויפהויבן צו הויך, ווייל דו קאָנסט נאָך אונטערצונדן דעם הימל.

דאָס יונגל איז אָבער שוין געווען זייער אומגעדולדיק, איז ער לייכט אַ שפרונג אַריין געגעבן אין וואָגן אַריין און אָנגעכאַפּט מיט זיינע היציקע הענט די לייצעס, דערבאַ איז זיין האַרץ געווען פול מיט פרייד און ער האָט געשטראַלט פאַר צופרידנהייט. ער האָט געדאַנקט דעם טרויעריקן פאָטער און זיך מיט אים געזעגנט.

די באַפליגלטע זונען־פערדלעך האָבן אַ הירזשע געטון און אַ שלאָג געטון מיט זייערע קאָפּיטעס איבער די אייזערנע פאַרוקערס. טעטיס, די געטין פון ים, האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פון די קאָפּיטעס, האָט זי אַוועקגענומען די פאַרוקערס; דאַן האָט זיך געעפנט פאַר די זונען־פערד די אונענדלעכע ווייטקייט, זיי האָבן גענומען שטייגן אַלץ העכער, העכער און האָבן פונאַנדערגעשפרייט מיט זייערע ברוסטן די מאָרגן־נעפלען.

די פערד האָבן באַלד דערפילט, אַז דער וואָגן ווערט געפירט דורך אַ שוואַכע האַנט און אַז עפעס איז היינט דער יאָך נישט אַזוי ווי שטענדיק. האָט זיך דער רייטוואָגן גענומען וואַקלען, ווי ס'וואַקלט זיך אַ שיף אויף די כוואַליעס פון ים, אויב דער לייכטזיניקער שיף־פירער האָט פאַרגעסן אַרויפצולייגן אויף איר דעם נויטיקן באַלאַסט. דאָ האָט זיך דער וואָגן גענומען הויבן און פליען אויף אַ גוואַלדיקער הויך און דאָ ווידער האָט

ער זיך אַראָפּגעלאָזט גאַנץ נידעריק און געטרייסלט זיך און געשאָקלט.

דערנאָך האָבן שוין די פערד אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט צוים פון מויל און זענען אינגאַנצן אַראָפּ פון וועג. דער רייטוואָגן האָט גענומען בלאָנדזשען און האָט זיך געטראָגן ווי אַ פּעדערל. דאַן איז אַ שרעק און אַ פּחד באַפאַלן דעם יונגן פּאַיעטאָן; ער האָט נישט געקאָנט געפינען מער דעם וועג און האָט אויך נישט געקאָנט איינהאַלטן אויף אַ ווײַלע די צעווילדעוועטע פערדלעך. ער האָט אַ קוק אַראָפּ געגעבן פון דער גוואַלדיקער הימל-הויכקייט און דערזען דעם אָפּגרונד, וואָס ליגט אונטן, אין די פירכטערלעכע טיפענישן פון דער ערד; דאָס האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן און ער האָט געציטערט, ווי ס'ציטערט דאָס בלעטל אויפן בוים בעת אַ שטורם. און ווי ער האָט אַ קוק-געטון אַרויף אין די הויך און דערזען אויבן די געשטאַלטן פון די אַלע משונהדיקע חיות,[1] איז אים שיעור נישט אויסגעגאַנגען די נשמה, די האָר האָבן זיך אים געשטעלט אויפן קאָפּ און די הענט זענען אים אָפּגענומען געוואָרן פון שרעק. ביז צום סוף זענען אים די לייצן אַרויסגעפאַלן פון די הענט און די פערד האָבן זיך געלאָזט אַ ווילדן גאַלאָפּ, איבער וויסטע וועגן, הויבנדיק זיך אַמאָל ביז צו די סאַמע שטערן און דאַן ווידער אַראָפּקייקלענדיק זיך ביז אַראָפּ צו דער ערד.

אַראָפּלאָזנדיק זיך נידעריק, זענען צוגעקומען די פערד ביז צו די ערשטע וואָלקנס און זיי אונטערגעצונדן; דערנאָך, אַראָפּלאָזנדיק זיך נאָך מער, האָט דער רייטוואָגן אָנגעשלאָגן אָן די הויכע בערג און אַרומגעכאַפּט זיי מיט פייער; פעלזן האָבן געפּלאַצט, עס האָבן זיך געבילדעט אין זיי שפּאַלטן און הייל'ן און דאָס גאַנצע ביסל לעבעדיקער זאַפט, וואָס איז אין זיי געווען,

---

[1]) די גריכן האָבן פיל שטערן געהאַלטן פאַר חיות און זיי אָנגערופן: דער לייב, דער קרעפּס, דער עקדיש, און אז. וו.

איז אויסגעטרוקנט געוואָרן: דאָס גראָז איז געוואָרן צו אַש, די באַרג־געוויקסן זענען פאַרדאַרט געוואָרן צו שטויב. דאַן האָבן זיך אויך אָנגעצונדן די וועלדער, וואָס אויף די רוקנס פון די בערג, זענען געוואָרן צו איין גרויסן ים־פייער, און די פלאַמען האָבן אויך גענומען פאַרפלייצן די פעלדער און לאָנקעס און געמאַכט אַ תל פון די תבואות און פונם היי. און דאָס פייער האָט זיך אַלץ מער פאַרשפרייט, איינגעשלונגען בערג און טאָלן, פאַרברענט שטעט און לענדער, מענטשן און בהמות, די טייכן זענען אויס־געטרוקנט געוואָרן, דער אונענדלעכער ים האָט זיך איינגעשרומפן אין זיינע ברעגעס, די אָזערעס זענען געוואָרן צו זאַמד.

פון דער גוואַלדיקער היץ זענען ווייסע מענטשן פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין שוואַרצע נעגערס. וואוהין פאַיעטאָן האָט נאָר געשיקט זיין בליק, אומעטום האָט ער געזען בלויז פייער און פלאַם, טויט און פאַרניכטונג.

און די היץ האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, אַזוי, אַז פאַיעטאָן האָט זי שוין נישט געקאָנט מער פאַרטראָגן און נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, גראָד ווי ער וואָלט זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער, אונטערערדישער שמידעריי. עס זענען אים שוין אָפּגעבריט געוואָרן די פיס און דער רויך האָט אים געשטיקט אין דער קעל. דאַן, אין אַ ווייל ארום, האָבן זיך אָנגעצונדן זיינע געקרייזלטע לאָקן. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון וואָגן און געטראָגן זיך אין דער לופט, ווי אַ ברענענדיקער פלאַקער, אַזוי, ווי די פאַלנדע שטערן, וואָס טראָגן זיך דורך דער בלויער אונענדלעכ־קייט אין די העלע זומער־נעכט.

האָט ערידאָן[1] געעפנט פאַר אים זיין קילן וואַסער־שויס, און די רוישנדע כוואַליעס האָבן אַרומגעשווענקט פאַיעטאָנס אָפּ־

[1] אַזוי האָט געהייסן פאַרצייטנס דער טייך פּאָ, וואָס ליגט אין צפון־אי־טאַליען.

געבריטע געזיכט.[1]

דערזעענדיק דאָס, האָט העליאָס, פאַיעטאָנס פאָטער, פאַר־שטעלט זיך דאָס פנים פאַר צער... און אין יענעם טאָג איז פינ־סטערער געוואָרן די זון און מען האָט נישט מער געזעען, ווי־זיילן רויך און קנוילן פייער, וואָס האָבן באַדעקט די אומבער־פלאַך פון דער ערד....

---

1) פאַיעטאָן איז דערטרונקען געוואָרן אין טייך ערידאַן.



5

די גרינדונג פֿון טהעבען.[1]

אַגענאָר, דער קעניג פֿון צור, האָט געהאַט אַ טאָכטער מיטן נאָמען אייראָפּאַ. אייראָפּאַ איז געווען זער אַ שיינע און אַ רייצנדע. איינמאָל האָט זי דערזעען צעאוס, דער העכסטער פֿון די געטער, האָט ער זי גלייך ליב באַקומען. ער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ אָקס מיט הערנער, אָפּגעהיטן זי אויף איר שפּאַציר-וועג און זי געכאַפּט. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט איר אין אַן אומבאַקאַנט אָרט און האָט זי אַזוי לאַנג צוגערעדט, ביז זי איז געוואָרן זיין ווייב. אַגענאָר האָט זיך עס זער גענומען צום האַרצן, ווייל ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין טאָכטער, האָט ער גערופֿן זיין זון קאַדמאָס און אים געזאָגט: „לאָז דיך אַרויס אין די וועלט אין זוך-אויף מיין טאָכטער; נאָר פֿריער זאָלסטו מיר נישט קומען פֿאַר די אויגן, ביז דו וועסט זי געפֿינען."

---

1) טהעבען — אַ שפּאָט אין גריכנלאַנד.

קאַדמאָס האָט אַדורכגעוואַנדערט איבער פאַרשידענע לענדער און מדינות און האָט אין ערגעץ נישט געפונען זיין שוועסטער. איז ער געוואָרן זער טרויעריק און האָט נישט געוואַגט זיך אומצוקערן אַהיים, וואָרום ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם העפטיקן צאָרן פון זיין פאָטער. ער האָט זיך מישב געווען און זיך אַוועקגעלאָזט קיין דעלפי,[1]) אָנצופרעגן זיך ביים אָראַקול פון אַפּאָללאָ, אין וואָס פאַר אַ וועג ער דאַרף גיין און וואָס ער זאָל טון. האָט אים דער אָראַקול געענטפערט: „לאָז דיך אין וועג אַריין און גיי אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט צוקומען צו אַן איינזאַמען ווײַדע־פלאַץ. דאָרט וועסטו דערזען אַ יונגע קו, וואָס האָט נאָך נישט געטראָגן אויף זיך קיין יאָך. זאָלסטו איר נאָכגיין אַזוי לאַנג, ביז זי וועט זיך נישט אַנידערלייגן אין גראָז. אויפן דאָזיקן אָרט זאָלסטו אויפבויען אַ שטאָט און איר אַ נאָמען געבן טהעבען.”

האָט זיך קאַדמאָס געלאָזט אין וועג אַריין. נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעגאַנגען אַ קליינע שטרעקע, האָט ער דערזען אַ לאָנקע, באַדעקט מיט גרין גראָז. אויף דער לאָנקע איז זיך געגאַנגען שריט באַ שריט אַ יונגע קו, וואָס האָט נאָך נישט געטראָגן אויף זיך קיין יאָך. איז קאַדמאָס געפאַלן אויף די קני, געבוקט זיך צו אַפּאָללאָן און אים נעדאַנקט און געלויבט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט אים באַוויזן. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט פאַמעלעך נאָכגיין נאָך דער קו.

איז קאַדמאָס מיט זיינע קנעכט נאָכגעגאַנגען נאָך דער קו אַ צייט לאַנג, זיי זענען אַדורכגעגאַנגען איבער בערג און טאָלן, איבער הייכן און טיפענישן, איבער פעלדער און ווייַנגערטנער, טייכן און אָזיערעס—און די קו איז אַלץ געגאַנגען ווייטער. פּלוצלינג אָבער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ צום הימל־צו און האָט לאַנג און געצויגן אַ מעטשע געטון.

---

[2]) אין דער שטאָט זעלפּי האָט זיך ג פונען ד ר באַריִמטער אָר קול, ־־ס איז געווען געווידמעט דעם גאָט אַפּאָללאָ.

דערנאָך האָט זי אומגעוועגדט דעם קאָפּ צו קאַדמאָסן און זיך אַוועקגעלייגט אין הויכן גראָז.

דאַן איז קאַדמאָס געפאַלן אויפן פּנים און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט פאַר פרייד. ער האָט מיט גליענדיקע ליפּן געקושט דעם שטויב פון דער ערד, וועלכע איז אָנגעברייט געווען צו ווערן זיין וואוינאָרט. ער האָט באַפוילן זיינע קנעכט, זיי זאָלן ברענגען קוואַל־וואַסער, ווייל ער האָט זיך געטראַכט: „איך וועל אויפברענגען אַ דאַנק־אָפּפער פאַר צעאוסן.” נישט ווייט פון יענעם אָרט איז געשטאַנען אַן אור־וואַלד, וועלכן עס האָט נאָך נישט באַרירט די שאַרף פון אַ האַק. און דאָרטן אין וואַלד, אין אַן אָרט, וואו די בוים־געפלעכטן האָבן זיך פאַרפלאָנטערט מיט די פעלזן־שפּיצן, האָט פון אונטער אַ נידריקן שטיין אַרויסגעפליעסקעט אַ קריסטאָל־ריינער קוואַל. קאַדמאָסעס קנעכט זענען צוגעגאַנגען צו דער הייל, פון וואַנען ס'האָט געשלאָגן דער קוואַל, נישט וויסנדיק, אַז דאָרט איז דאָס וואוינאָרט פון אַ פירכטערלעכן מאָנסטרום. און דאָס מאָנסטרום האָט אָנגעיאָגט אַ שרעקלעכע אימה: אויפן ברייטן שטערן האָט זיך אים אַראָפּגעלאָזט אַ גרזשיווע פון פלאַמען, זיינע בלוטיקע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פונקען, ער האָט כסדר געשפּיגן מיט גיפט, אין זיין קבר־מויל האָבן זיך געוואָרפן דריי שטעכעדיקע צונגען און ער האָט אַזוי הילכיק געקריצט מיט די דריי רייען שאַרפע באַק־ציין, אַז עס האָט פאַר טויבט דאָס אויער. ווי נאָר די קנעכט זענען געקומען טיף אין וואַלד אַריין און אַראָפּגעלאָזט זייערע קריגן אין וואַסער, איז דאָס מאָנסטרום אַ שפּרינג געטון פון זיין הייל אַרויס און פירכטערלעך אַ געשריי געטון. די אומגליקלעכע האָבן אַזש אַרויסגעלאָזט די קריגן און שטאַנגען פון די הענט. עס האָט זיי אַרומגענומען אַזאַ שרעק, אַז זיי זענען געבליבן, ווי צוגענאָגלט צום אָרט און עס האָט זיי פאַרפעלט אָטעם. דאָס מאָנסטרום האָט זיך געקנוילט, געדרייט זיך ווי אין רינגען, זיך אַ הויב־געטון, אַ קוק־געטון אויף די מענטשן און זיך אַ שליידער־געטון אויף זיי, ווי אַ שטורם־ווינט: דעם האָט ער דערהרגעט מיט די נעגל, דעם האָט ער פאַרציקט מיט די ציין; דעם האָט ער אַרומגעקלעמט,

ווי מיט אַ רייף און אים דערשטיקט און דעם האָט ער געטויט מיט זיין גיפטיקן הויך.

קאַדמאָס האָט אַ צייט לאַנג געוואַרט אויף זיינע קנעכט, נאָר אומזיסט. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס׳האָט זיך פאַרלאָפן מיט זיי אַן אומגליק און איז זיי געגאַנגען זוכן. ער האָט זיך אַרומגעהילט מיט דער פעל, וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט אַראָפּגעצויגן פון אַ לייב, האָט אָנגעגאַרטלט די שווערד און אין האַנט אַריין האָט ער גענומען די שפּיז. און געווען איז קאַדמאָס אַ מענטש אַ מוטיקער, אַ דרייסטער, וואָס האָט זיך נישט געשראָקן פאַר קיין שום זאַך.

ווי נאָר ער איז איבערגעטרעטן דעם ראַנד פון וואַלד, האָט ער דערזען, ווי דאָס שרעקלעכע מאָנסטרום קנוילט זיך און ווינדעט זיך איבער די לייבער פון זיינע צעניזוקטע קנעכט און לעקט לוסטיק זייער וואַרעם בלוט. האָט קאַדמאָס רחמנות געקריגן אויף זיינע טרייע קנעכט און האָט אויסגעשריגן מיט גרימצאָרן:

—מיינע ליבע, טייערע פריינט! איך וועל נקמה נעמען פאַר אייער בלוט, אָדער כ׳וועל אומקומען צוזאַמען מיט אייך!

ער האָט גענומען אַ גרויסן שטיין און אַ שליידער געטון אויפן מאָנסטרום, אַז מויערן האָבן געציטערט און טורעמס האָבן זיך געטרייסלט פונם קלאַפּ. דעם מאָנסטרום האָט עס אָבער גאָרנישט געשאַדט, ווייל די דיקע פעל האָט אים געשיצט ווי אַ פאַנצער. דאַן איז דער העלד אָנגעפאַלן אויף אים מיט זיין שפּיז, האָט אים אַדורכגעשטאָכן די שיפּן אויף דער פעל און אַריינגעשטעקט אים די שפּיז טיף, טיף אין לייב אַריין. האָט דאָס מאָנסטרום אַרויסגעלאָזט אַ גרויסן, ביטערן ווײ־געשריי, האָט זיך געקאָלערט פאַר שמערץ און צאָרן, געשפּריצט מיט שוים און גיפט, געשפּרונגען אין דער לופטן און געקריצט מיט די ציין. און ווי עס האָט זיך אַזוי געקנוילט און געוואונדן, איז דאָס הענטל פון שפּיז צעבראָכן געוואָרן אויף פיצלעך, די שאַרף אָבער איז אַריינגעדרונגען אַ,ך טיפער און טיפער אין זיין לייב אַריין.

און קאַדמאָס, דער קעניגלעכער זון, האָט נישט פאַרלוירן דעם מוט און זיך פאַר גאָרנישט געשראָקן, וואָרום די לייבן־פעל האָט אים געשיצט ווי אַ פּאַנצער, און די ציין פונם מאָנטסרום האָט ער שוין געהאַט אַרויסגעשלאָגן מיט דער שפּיז. צום סוף האָט ער אויפגעהויבן זיין שווערד און געגעבן אַזאַ פעסטן קלאַפּ, אַז די שווערד איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ דעמב און דאָס מאָנסטרום איז מיט אַ שרעקלעכער קראַפט צוגעשלאָגן געוואָרן צום בוים; דער בוים האָט זיך אַזש אַ בויג־געטון אונטער דער שווערער משא און אַרויסגעלאָזט שטילע זיפצן, וואָרו דאָס מאָנסטרום האָט אים געשלאָגן מיט זיין מעכטיקן ווידל. אַזוי האָט קאַדמאָס נקמה גענומען פאַרן טויט פון זיינע קנעכט.

קאַדמאָס האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין געטרייער שווערד און זיך אָפּגערוט פונם שווערן קאַמף. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און פּלוצלונג דערזען פאַר זיך פּאַלאַס אַטענע. אַטענע האָט זיך אָנגערופן צו קאַדמאָסן און געזאָגט: „דו ביסט מיר געפעלן געוואָרן, דעריבער בין איך אַראָפּגענידערט צו דיר פון אָלימפּוס, כדי דיר צו קומען צו הילף. און יעצט, קאַדמאָס, האָרך מיין עצה, רייס אויס די שאַרפע ציין פונם מאָנסטרום און טו זיי פאַרזייען אין דער ערד.״

קאַדמאָס האָט נישט פאַרזוימט צו דערפילן דעם באַפעל פון דער געטין, האָט אויסגעריסן די ציין פונם מאָנסטרום, פונאַנדערגעשפּרייט זיי איבער דער ערד און פאַראַקערט די ערד מיט אַן אַקעראייזן.

עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ קורצע צייט, האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד שפּיזן, דערנאָך היטלען, באַפּוצטע מיט פעדערן, נאָך די היטלען זענען אַרויסגעקומען פון דער ערד קעפּ און באַוואָפנטע קערפּער, אַזוי זענען אַרויסגעשפּראָצט און ערשינען פון קאָפּ ביז פיס פּופציק העלדן, וואָס האָבן געבילדעט אַ מעכטיקע, פירכטעוודיקע אַרמעע.

דערזעענדיק דאָס באַוואָפנטע מיליטער, האָט קאַדמאָס מורא באַקומען און זיך געגרייט צו אַ נייער מלחמה. נאָר איינער פון די ערד־געוואַקסענע העלדן האָט זיך אָנגערופן צו אים און געזאָגט:

„הויב נישט דיין שווערד און זאָלסט זיך נישט אַריינמישן אין אונזער שטרייט.‟ און ער איז גלייך אָנגעפאַלן מיט צאָרן און האַסט אויף זיין שכן און אים דערהרגעט, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַליין זיך אויך שוין געקאָלערט אין בלוט. און ס'האָט זיך צעפלאַקערט אַ מלחמה, עס זענען געפאַלן קעפּ פון רעכטס און פון לינקס, אַזוי, אַז פון דער גאַנצער אַרמעע זענען געבליבן נישט מער, ווי פינף מענטשן. פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט אַ שטים: „שטעלט זיך אָפּ!‟ און זיי האָבן דערזען פאַר זיך די געטין אַטענע. דאַן האָבן זיי אַוועקגעשליידערט זייער געווער און געשלאָסן צווישן זיך אַ בונד. אַטענע האָט באַפוילן די פינף מענער, זיי זאָלן דינען קאַדמאָסן ערלעך און געטריי. האָט קאַדמאָס מיט די פינף מענער אויפגעבויט אויף יענעם אָרט אַ שטאָט אַ פעסטונג און איר אַ נאָמען געגעבן טהעבען, אַזוי ווי דער אָראַקול האָט באַפוילן.



6.

פּענטעאוס.

ווען קאַדמאָס איז אַלט געוואָרן, די אויגן זענען אים געוואָרן טונקל, ער האָט זיך נישט געקאָנט באַווייזן מער פאַרן פאָלק און פירן די אָנגעלעגנהייטן פון דער מלוכה—האָט ער געלאָזט בּרענגען פאַר זיך פּענטעאוסן, דעם זון פון זיין טאָכטער אַגאַווע,•דער פרוי פון עכיאָן—איינעם פון די פינף מענער, וואָס זענען אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד. און קאַדמאָס האָט געזאָגט צו זיין אייניקל: איך בּין שוין אַלט און שוואַך און איך קאָן נישט מער קומען פאַרן פאָלק און איבּער אים רעגירן. גיבּ איך איבּער די מלוכה דיר, מיין אייניקל, ווייל איך האָבּ נישט קיין אַנדערן יורש אויסער דיר. פּענטעאוס האָט פאַרנומען די רייד פון זיין זיידן און געוואָרן קעניג אין טהעבּען.

אַגאַווע האָט געהאַט אַ שוועסטער מיטן נאָמען סעמעלע. די דאָזיקע סעמעלע איז געווען אַן אויסערגעווענלעכע שענקייט. איינמאָל האָט זי דערזעען צעאוס, האָט ער זי ליבּ געקריגן און

ענומען זי צו זיך. זי האָט אים געבוירן דיאָניזאָסן, וועלכן די יומער רופן באַקכוס — דאָס איז דער גאָט פון וויין און פון פרוכטבאַרקייט. צעאוס האָט אָבער מורא געהאַט פאַר דער נקמה פון פענטעאוסן, האָט ער אַוועקגעפירט זיין זון קיין אינדיען און אים איבערגעגעבן צו די נימפען, די געטינס פון וואַסער, זיי זאָלן אים דערציען און אָפּהיטן אים פון שלעכטס. ווען דיאָניזאָס איז אויפגעוואַקסן, איז ער געווען זער אַ שיינער; ער האָט פאַרלאָזט זיינע דערציערינס און זיך אַרויסגעלאָזט וואַנדערן. ער האָט געפריזט איבער פאַרשידענע לענדער און אומעטום, וואו ער איז געקומען, האָט ער געפאָדערט, מען זאָל אים אָפּגעבן כבוד ווי אַ גאָט. ער האָט געלערנט די מענטשן צו פלאַנצן וויינגערטנער, טרעטן די ווייַנטרויבן און אַרויסציען פון זיי דעם זאַפט, וואָס דערפרייט גאָט און מענטש. ער האָט געטון חסד מיט זיינע אָנהענגער, די געגנער אָבער האָט ער גערודפט און באַשטראָפט מיט האַרבע שטראָפן.

דיאָניזאָס איז גיך באַרימט געוואָרן אין אַלע שטעט פון גריכנלאַנד. מען האָט גענומען רעדן וועגן אים אויך אין זיין געבורטס-שטאָט טהעבען, און אויך פענטעאוס האָט שוין וועגן אים געהערט. פענטעאוס איז געווען אַ מענטש אַ האַרטהערציקער, זער אַ שלעכטער, ער האָט געשפעט פון די געטער, פאַרשעמט זיי און געזידלט און מער פון אַלעמען האָט ער אָפּגעשפעט פון דיאָניזאָסן.

דערווייל האָט זיך דער נייער גאָט דערנענטערט צו די טויערן פון טהעבען, אַרומגערינגלט מיט אַ פריילעכן המון אונמיט אַ מחנה זינגענדיקע באַקכאַנקעס, מיט פויקן אין די הענט. די מענער האָבן געבלאָזן אין טראָמפּייטן און געשפילט אויף האַרפן, די פרויען האָבן געטאַנצט און אָנגעפילט די לופט מיט פריידגעשרייען. אַלע איינוואוינער פון טהעבען זענען אַרויסגעגאַנגען מקבל-פּנים זיין דיאָניזאָסן. דערזעענדיק דאָס, האָט זיך צופלאַקערט דער צאָרן פון פענטעאוסן, און ער האָט גענומען שרייען און שעלטן:

—וואָס האָט איר זיך צונויפגעקליבן, איר טהעבּאַנער, קינ־
דער פונם מאָנסטרום? צי זענט איר פאַרדרייט געוואָרן, צי האָבּן

דיאָניזאָס.

בּאַ אייך די געטער אַוועקגענומען דעם שכל? איר האָט זיך

דאָך נישט געשראָקן קיינמאָל פאַר דער שאַרפער שווערד און פאַרן שטורם פון מלחמות — און דאָ פּלוצלונג, דערזעענדיק אַ מחנה אָפּגעריסענע נאַראָנים און זינגענדיקע מיידלעך, שפּרינגט איר פון דער הויט און פאַרלירט די קעפּ? און איר, קינדער פון טירוס, באַרימטע ים־רייזנדער, וואָס איר האָט אויפגעבויט די ריאָזיקע שטאָט אין נאָמען פון אייערע געטער? צי האָט איר פאַרגעסן אייער הויכע אָפּשטאַמונג, אייערע אבות די העלדן? צי וועט איר האָבן דעם מוט איבערצוענטפערן די שטאָט אין די הענט פון דעם דאָזיקן יונגל, וואָס די מילך ליגט אים נאָך אויף די ליפּן און וואָס האָט נאָך קיינמאָל אין זיין האַנט קיין שווערד נישט געהאַלטן? ער פּירט זיך נאָך אינגאַנצן, ווי אַ פרוי: זיינע קליידער זענען פון גאָלד און פּורפּור, דער קאָפּ איז ביי אים געשמירט מיט אייל און באַצירט מיט וויינשטאָק־בלעטער; ער האָט דאָך מורא פאַר געווער, אויף אַ פערד קאָן ער נישט רייטן, מלחמה האָט ער פיינט און ער קאָן נישט פאַרטראָגן דעם קריגס־טראָמפּייט. און צו אַזאַ איינעם וועט איר זיך בוקן?

און פּענטעאוס האָט באַפוילן זיינע קנעכט, זיי זאָלן כאַפּן דעם אָנפירער פון דער פריילעכער מחנה, שמידן אים אין קייטן און ברענגען אים אַ לעבעדיקן. ווען פּענטעאוסעס אָנהענגער און מקורבים זענען געוואָר געוואָרן וועגן דעם באַפעל, האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן; אויך דער זיידע זיינער, קאַדמאָס, האָט געליספּעלט מיט די ליפּן און גענומען שאָקלען מיט זיין גרייזגרויען קאָפּ און זיך געגעבן מי אָפּצעווענדן אים פון זיין בייזער מחשבה. נאָר דאָס אַלץ האָט נאָך פאַרגרעסערט פּענטעאוסעס גרימצאָרן, וואָס איז אַריבער אַלע גרענעצן, ווי אַ טייך, וואָס צעגיסט זיך איבער די ברעגעס.

נאָר אָט זענען צוריקגעקומען זיינע קנעכט, מיט פאַרוואונדעטע קעפּ און צעבלוטיקטע פּנימער.

— צי האָט איר געזעען באַקכוסן? — האָט געשריען דער קעניג.

— אים אַליין האָבן מיר נישט געזעען — האָבן געענטפערט

די קנעכט — נאָר מיר האָבן געפאַנגען איינעם פון זיינע באַגלייטער, וועלכער, ווי עס ווייזט אויס, איז ערשט נישט לאַנג צוגעשטאַנען צו דער פרייַלעכער חברותא.

האָט פענטעאוס אַדורכגענומען מיט די אויגן דעם געפאַנגענעם און צאָרניק אַ געשריי געטון :

— אַ טויט אויף דיר ! זאָלן אַנדערע זען דיין טויט און אַראָפּנעמען זיך אַ מוסר ! און יעצט זאָג מיר, ווער ביסטו און ווער איז דיין פאָטער ? וואָס האָט דיך געבראַכט צו באַהעפטן זיך מיט דער דאָזיקער חברה שכורים ?

דער געפאַנגענער האָט זיך נישט דערשראָקן, זיין שטים האָט נישט קיין ציטער געטון און זיין פּנים האָט זיך נישט געענדערט. ער האָט זיך גלייכגעשטעלט און געענטפערט :

—איך הייס אַקעטעס און מיין געבורטס-שטאָט איז מעאָניען. איך שטאַם פון די אָרימסטע שיכטן פון פאָלק, מיינע עלטערן האָבן מיר נישט איבערגעלאָזט קיין פעלדער און וויינגערטנער און נישט קיין סטאַדעס שאָף און רינדער. מיין פאָטער איז געווען אַ פישער און ער האָט אויך מיך אויסגעלערנט כאַפּן פיש מיט אַ ווענטקע. אַז איך בין גרויס געוואָרן, האָב איך מיך אויסגעלערנט פאָרן מיט אַ שיף און געפינען דעם וועג אין די אונענדלעכקייטן פון די ימים. איך האָב מיך אויסגעלערנט לעזן אין הימל, ווי אין אַ בוך, און איך האָב געקאָנט אַלע ערטער, וואו די שיף קאָן געפינען אַ שוץ קעגן די ווינטן אויפן ים.

איינמאָל בין איך אָפּגעשווימען מיט מיין שיף צו דעם אינזל דעלאָס. דער ווינט האָט אָבער פאַרטראָגן די שיף צו אַ פרעמדן ברעג, אויף וועלכן מיין פוס איז נאָך קיינמאָל נישט געשטאַנען. איך האָב אָפּגעשטעלט די שיף, אַראָפּגעשפּרונגען אויף די יבשה און זיך אַוועקגעלעגט נעכטיקן אויף דעם פייכטן זאַמד אויפן ברעג. אַז ס'איז געקומען דער פרימאָרגן, בין איך אַרויפגעשטיגן אויפן שפּיץ פון אַ בערגל, געוואָר צו ווערן צי דער ווינט איז גינסטיק אויף צו פאָרן ווייטער.

דערווייל האָבן אויך מיינע חברים פאַרלאָזט די שיף און

אַראָפּ אויף דער יבשה. פּלוצלונג האָב איך דערזעען, ווי זיי שלעפּן עפּעס איינעם אַ יונג, וואָס זיי האָבן געפונען אויף דעם וויסטן ברעג און וואָס איז לויט זיין שיינקייט געווען ענלעך צו אַ מיידל. ער האָט אויסגעזען, ווי שכור, ווי באַרוישט פון וויין, ווי פאַרזונקען אין שלאָף, און, נאָכגייענדיק נאָך מיינע שיף־לייט, האָט ער זיך געוואַקלט און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

אַז איך בין צוגעגאַנגען צו זיי און געוואָרפן אַ בליק אויפן יונגל, בין איך איבערראַשט געוואָרן — איך האָב דערקענט אין אים אַ קינד פון די געטער. האָב איך מיך געווענדעט צו מיינע פריינט און געזאָגט: „איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ גאָט עס האָט זיך אויסגעווײלט פאַר אַ וואוינוואָרט דעם קערפּער פון דעם דאָזיקן יונגל, נאָר איך בין זיכער, אַז דאָס איז אַן אומשטערבלעכער."

און איך האָב מיך צו אים געבוקט און געזאָגט: „נעם נישט פאַר אומגוט, געטלעכער זון! גיב אונז דיין ברכה און זיי מוחל די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן נישט־ווילנדיק דערנידריקט דיין כבוד."

— צי ביסטו פאַרבלענדט? — האָט אויסגערופן איינער פון מיינע חברים — עס איז נישט קיין גאָט און ער וועט נישט פאַרנעמען דיין תפלה.

און אויך די איבעריקע שיף־לייט האָבן געשפּעט פון דעם יונגל, געמאַכט פון אים ליצנות און האָבן אים געשלעפּט כסדר ווייטער צו דער שיף. איך האָב געפּרובט זיי איבעררעדן, זיי זאָלן אים אָפּלאָזן, נאָר זיי האָבן זיך געמאַכט נישט־הערעוודיק. און נאָך ווינציק, וואָס זיי האָבן געמאַכט צו־שפּאָט אַ זון פון די געטער, איז נאָך אַרויסגעטרעטן איינער פון זיי, אַ טיראַנער,[1] אַ פאַררויבער, פאַרברעכערישער מענטש, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין שטאָט צוליב אַ מאָרד, דער יונגסטער און שטאַרקסטער צווישן די

1) פון אָרט טיראַן אין גריכנלאַנד.

שיף־לייט, אָנגעפאַלן אויף מיר, אַרומגעכאַפּט מיך ביים האַלז, גענומען מיך שטיקן און געשלעפּט מיך, ווי מען שלעפּט אַ שטיק האָלץ, ביז צום סאַמע ברעג. אויב איך וואָלט מיך נישט אָנגעכאַפּט אָן די שטריק פון דער שיף, וואָלט איך אַריינגעפאַלן אין וואַסער און דערטרונקען געוואָרן. אַריינקומענדיק אין שיף, האָב איך דערזען, אַז דאָס יונגל ליגט אויסגעצויגן, פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. פּלוצלונג אָבער האָט ער זיך אויפגעשטעלט, ווי ס'וואָלט אים אויפגעוועקט אונזער אָנקומען, דערנענטערט זיך צו די שיף־לייט און געזאָגט:

— וואָס איז דאָ פאַר אַ טומל? וואו בין איך ערגעץ? וואָס ווילט איר מאַכן מיט מיר?

— זאָרג זיך נישט, קליינער — האָט אים איינער פון די שיף־לייט געענטפערט מיט פאַלשקייט — זאָג אונז נאָר, וואוהין דו ווילסט קומען, וועלן מיר דיך גלייך פירן אַהינצו און דיך אָפּשטעלן אויפן ברעג, וואָרום מיר וועלן טון אַלץ, וואָס דו וועסט אונז הייסן.

— אויב אַזוי, פירט מיך צו מיין געבורטס־אָרט, דער אינזל נאַקסאָס — האָט געזאָגט דאָס יונגל.

האָבן זיי געשוואוירן, אַז זיי וועלן דערפילן זיין באַפעל, און האָבן מיך געהייסן אויסשפּרייטן די זעגלען. די אינזל נאַקסאָס האָט זיך געפונען פון דער רעכטער זייט; ווי נאָר אָבער איך האָב געשפּרייט די זעגל אויף רעכטס, האָבן זיי מיר געווונקען מיט די אויגן און געגעבן צייכנס מיט די הענט:

— וואָס טוסטו, משוגענער... אויף לינקס, לינקס...

איך האָב מיך זער געוואונדערט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי ווילן. ביז איך האָב צום סוף געזאָגט:

— אויב אייך געפעלט נישט מיין אַרבעט, זאָל אַן אַנדערער שפּרייטן די זעגל.

איז צוגעגאַנגען צו מיר איינער פון די שיף־לייט, אַוועקגעשטופּט מיך אין אַ זייט און פאַרקערעוועט די שיף אויף לינקס מיר האָבן געלאָזט די אינזעל נאַקסאָס פון דער רעכטער זייט,

און די זעגעל האָבן גענומען טראָגן די שיף גאָר אין אַן אַנדערער ריכטונג. דאָס יונגל האָט זיך מיט אַ שפּאָטישן שמייכל איינגעקוקט אין די כוואַליעס, ווי ער וואָלט ערשט יעצט פֿאַרשטאַנען די פֿאַלשקייט פֿון די מענטשן, צו וועלכע ער איז אַרייַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. ער האָט זיך געמאַכט ווייַנען און איז צוגעגאַנגען צו זיי און געזאָגט:

— ווי איז מיר, מיינע אויגן וועלן נישע זעען דעם ברעג פֿון דער אינזעל, צו וועלכער עס גלוסט אַזוי מיין האַרץ. צי פּאַסט עס פֿאַר גרויסע מענטשן, אָפּצושפּעטן פֿון אַ שוואַך יונגל?

האָבן זיך די שיף־לייט הילכיק פֿונאַנדערגעלאַכט, גענומען שפּאַסן פֿון די טרערן פֿונם יונגל און אויך פֿון מיינע טרערן און האָבן אַלץ שנעלער באַוועגט מיט די רודערס. פּלוצלונג האָט די שיף אָנגעטראָפֿן אויף אַ זאַמד און איז געבליבן שטעקן אין מיטן ים. די שיף־לייט האָבן אַראָפּגענומען די זעגל, געאַרבעט מיט די רודערס, אָנגעשטרענגט זיך אַראָפּצורוקן די שיף פֿונם זאַמד — נאָר זייער מי איז געווען אומזיסט.

אַז זיי זענען שוין מיד געוואָרן פֿון דער אַרבעט, האָבן זיי זיך אומגעקוקט און פּלוצלונג דערזעען, אַז דאָס פּנים פֿונם יונגל האָט זיך געענדערט און איז געוואָרן מערקווירדיק שיין. ער איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן, זיין קאָפּ איז באַקרוינט געוואָרן מיט העגנלעך וויינטרויבן, און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ טירסוס[1]), באַפֿלאָכטן מיט וויינשטאָק־צווייגן, און ווי ער האָט אַ ריר געטון מיט דעם טירסוס, זענען אַרום און אַרום אַרויסגעשפּראָצט צווייגן פֿון ווילדן וויין, מיט גרויסע, גרינע בלעטער, באַדעקט די רודערס און די גאַנצע שיף פֿון אַלע זייטן, ביז אַרויף צו די זעגל־בוימער און די לייוונטער.

דעמאָלט האָבן ערשט פֿאַרשטאַנען די שיפֿלייט, אַז דאָס יונגל, פֿון וועלכן זיי האָבן געשפּעט, איז נישט קיין מענטש, נאָר

1) אַ שטעקן, באַפֿלאָכטן מיט ווייַנטרויב־צווייגן, ווי עס האָבן געטראָגן די באַקכאַנקעס.

דאָס איז דיאָניזאָס בכבודו ובעצמו. זענען זיי דערציטערט געוואָרן און געוואָלט נעמען בעטן באַ אים רחמים און דערבאַרמונג אויף זייער לעבן. נאָר אַזוי ווי איטלעכער פון זיי האָט געעפנט דאָס מויל, איז אים דאָס מויל געוואָרן אַלץ שמעלער און שמעלער, די נאָז און די ליפּן זענען אים איינגעשרומפּן געוואָרן און אָנגענומען די פאָרם, ווי באַ אַ פיש. און איידער נאָך די שיפלייט זענען צו זיך געקומען פון זייער גרויסער איבעראַשונג, זענען שוין אַלע פאַרוואַנדלט געווען אין פיש. זיי זענען געוואָרן גאַנץ נידריק, זייער לייב איז באַדעקט געוואָרן מיט שיפּן, פון די הענט איז געוואָרן פלוס־פעדערן און זייערע פיס זענען זיך צונויפגעוואַקסן און געבילדעט אַ לאַנגן עק. און זיי זענען, איינער נאָכן אַנדערן, אַראָפּגעשפרונגען פון שיף, אַראָפּגעלאָזט זיך אין וואַסער אַריין און אַוועקגעשווימען. איך אַליין בין געבליבן אויפן שיף, מיט אַ ציטעריק האַרץ... נאָר דער גאָט האָט זיך געווענדעט צו מיר און געזאָגט מיט דערבאַרמונג:

—איך קען דיין גוט האַרץ און דיינע גוטע מחשבות, איך ווייס, אַז דו האָסט געוואָלט טון מיט מיר גוטס. דעריבער זאָלסטו זיך נישט שרעקן, זיי רויק, שפּייט אויס די זעגלען און נעם דעם וועג אין דער ריכטונג פון נאַקסאָס.

ווען מיר זענען צוגעשוואומען צום ברעג און בשלום אַראָפּ אויף די יבשה, האָט מיך דיאָניזאָס אַריינגעפירט אין זיין טעמפּל און באַשטימט מיך פאַר זיין פּריסטער.

אויסהערנדיק די אַלע רייד פונם געפאַנגענעם, איז פענטעאוס אַריינגעפאַלן אין אַ העפטיקן צאָרן און האָט אויסגערופן:

—ווי לאַנג נאָך וועסטו מיר דולן אַ קאָפּ מיט דיינע פלוידערייען? הע, קנעכט! נעמט אים, פאַרשפּאַרט אים אין תפיסה און מאַטערט אים אַזוי לאַנג, ביז ער וועט בלייבן אַ טויטער.

האָבן אים אָנגעכאַפּט די קנעכט פון קעניג, געבונדן אים די הענט און די פיס מיט קייטן און אַריינגעוואָרפן אים אין אַ פינסטערן קעלער. נאָר אַזוי ווי זיי האָבן אים געוואָרפן, האָבן זיך אויפגעלעזט די קייטן פון זיינע הענט און פיס, און ער איז

ט געוואָרן. פענטעאוס האָט עס זיך אָבער נישט גענומען צום האַרצן, ער איז זיך רויק אַהיימגעגאַנגען און זיך גאָרנישט געמאַכט פונם גאַנצן געשעעניש.

און פענטעאוס האָט אָנגעהויבן צו רודפן די פאַרערער פון דעם נייעם גאָט. איינמאָל איז ער געוואָר געוואָרן, אַז אויך זיין מוטער אַגאַווע און אירע שוועסטערן זענען אויך צוגעשטאַנען צו דיאָניזאָסן און האַלטן אים פאַר אַ גאָט. האָט זיך צעפלאַקערט זיין צאָרן ווי אַ פלאַם פייער, און ער האָט באַפוילן צו כאַפן זיי און פאַרשפאַרן אין תפוסה. נאָר עפּעס אַ פאַרבאָרגענע האַנט האָט צעבראָכן אויף זיי די קייטן און אַרויסגעלאָזט זיי אויף די פרייהייט. דאַן זענען זיי אַרויס מיט טאַנץ און געזאַנג, זענען געלאָפן איבער פעלדער און וועלדער, פויקנדיק אין פויקן און שפּילנדיק לידער לכבוד דיאָניזאָסן.

פענטעאוס האָט אָבער ווידער אַרויסגעשיקט זיינע קנעכט, צו נאָכיאָגן דיאָניזאָסן. זענען די קנעכט אַרויס פון דער שטאָט און צוגעקומען צו דער פריילעכער מחנה. פלוצלינג האָבן זיי דערזען, אַז דיאָניזאָס גייט זיי אַקעגן. האָבן זיי אים גענומען, געפּענטעט אים די הענט מיט טאָפּלטע שטריק און אָנגעלייגט אים קייטן אויף די פיס, כדי ער זאָל נישט קאָנען אַנטקומען. דערבאַ האָבן זיך אָבער די קנעכט אַליין שטאַרק געוואונדערט און ס'האָט זיי אַרומגענומען אַ שרעק. ענדלעך האָבן זיי געבראַכט דעם געפאַנגענעם פאַרן קעניג. דערזעענדיק דאָס יונגל און די געטלעכע הערלעכקייט, וואָס האָט געשטראַלט פון זיין פּנים, איז דער קעניג איבעראַשט געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט זיך זיין צאָרן נישט געשטילט, וואָרום די געטער האָבן געוואָרפן אויף אים אַ פאַרבלענדעניש, און ער האָט געהייסן אַריינוואַרפן דיאָניזאָסן אין אַ פינסטערן קעלער. נאָר באַלד האָבן זיך פאַר דיאָניזאָסן ברייט פונאַנדערגעשפּרייט די טויערן פון זיין תפיסה, עס זענען אים אַראָפּגעפאַלן די שטריק פון די הענט און די קייטן פון די פיס, ער איז געוואָרן זיבנפאַך שענער און עס איז ערשינען פאַר אים אַ מחנה פאַרערער. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געלאָזט

נאָך אים, פּייפנדיק מיט פייפלעך און פאַרהילכנדיק די לופט מיט פרייד־געשרייען, אַז די ערד האָט געציטערט. און אַגאַווע מיט אירע שוועסטערן מיט אַלע אַנדערע פרויען זענען אַרויס מיט טאַנץ און געזאַנג, מיט פּויקן און שפּיל־אינסטרומענטן. אַגאַווע האָט אַ שלאָג געטון מיט איר שטעקן אין אַ פעלז, האָט געגומען ריזלען פון שטיין אַ קריסטאָלענער קוואַל, אָדער כוואַליעס ווײַן האָבן אַ גאָס געטון מיט אַ גערויש. אַז זי האָט אַ הויב געטון איר האַנט איבער אַ טײַך, איז דאָס וואַסער געוואָרן צו מילך, און אַז זי האָט אָנגערירט אַ בוים, האָבן די בלעטער געגומען טריפן האָניק. זענען אַוועק די קעניגלעכע קנעכט און דערציילט זייער האַר וועגן די אַלע וואונדער, וואָס זיי האָבן געזעען, און האָבן אויסגעגאָסן פאַר אים זייער געבעט, ער זאָל שוין ענדלעך אויפהערן און זיך אונטערוואַרפן דעם גרויסן גאָט. פּענטעאוס האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון די אַלע וואונדער, און ער איז אַלץ געבליבן פאַרעקשנט. ער האָט געהייסן איינזאַמלען דאָס גאַנצע חיל און אַרויסגיין קעגן די באַקכאַנקעס פון דיאָניזאָסן, כדי זיי אַלעמען אומצוברענגען און נישט איבערלאָזן פון זיי קיין שריד ופליט.

דאַן האָט דיאָניזאָס געשיקט שליחים צו פּענטעאוסן און געהייסן אים זאָגן:

— וואָס טויג דיר דאָס פירן מלחמה מיט מיר, דו וועסט דאָך דעם שטרייט נישט געווינען. מאַך שלום מיט מיר — וועל איך הייסן מײַנע באַקכאַנקעס אויסטון דאָס געווער און כ׳וועל זיי ברענגען צו דיר. נאָר טו אויס פריער דײַנע מענער־קליידער און טו אָן קליידער פון אַ פרוי, כדי די באַקכאַנקעס זאָלן דיך נישט דערהרגענען.

דעם קעניג איז אָבער נישט געפעלן דיאָניזאָסעס פאָרשלאַג. דאָך איז אים באַפאַלן אַ שרעק און ער האָט זיך אָנגעטון אין פרויען־קליידער און זיך אַרויסגעלאָזט צו דיאָניזאָסן. ווי נאָר ער איז אַרויס פון די טויערן פון שטאָט, האָט דיאָניזאָס געוואָרפן אויף אים אַ פאַרבלענדעניש. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס

שיינען צוויי זונען אין הימל און אַז אויפן אָרט פון טהעבען שטייען צוויי שטעט. איטלעכע זאַך איז אים געוואָרן טאָפּלט אין די אויגן. דיאָניזאָסן אַליין האָט ער אָנגענומען פאַר אַן אָקס מיט הערנער. און אַזוי איז דער קעניג אַראָפּ פון זינען און איז געלאָפן, שפּרינגענדיק און טאַנצענדיק, ווי אַ משוגענער.

דערנאָך האָט אים דיאָניזאָס געשטראָפט מיט בלינדקייט, אַזוי, אַז ער האָט אינגאַנצן נישט געזעען די גרויסע מחנה באַקכאַנקעס, איף וועלכע ס'האָט גערוט דער גייסט פון די געטער. ער האָט אַלץ כסדר געטאַנצט און געשפּרונגען, ביז ער איז געקומען אין אַ געדיכטן וואַלד אַריין. דאַן האָט דיאָניזאָס אָנגעכאַפּט די קרוין פון אַ הויכן טאָפּאָל, אַ בויג־געטון אים, ווי אַ דין צווייגל, און אַרויפגעזעצט אויף אים דעם משוגענעם פּענטעאוס.

—הערט מיך אויס, איר יונגפרויען! פאַרנעמט מיינע רייד, איר ווייבער! אָט דאָס איז דער פיינט, וואָס האָט אייך אַזוי פיל שלעכטס געטון און וואָס האָט אַזויפיל געלעסטערט אונזערע הייליקייטן. איצט קאָנט איר טון מיט אים לויט ווי ער האָט זיך פאַרדינט.

האָט זיך איינגעשטעלט אַ טיפע שטילקייט: קיין שום בלאַט האָט זיך נישט קיין ריר געטון, קיין שום חיה האָט נישט געלאָזט הערן איר שטים. דאַן האָבן זיך פלוצלונג די באַקכאַנקעס אַ ריס געטון פון זייערע ערטער און האָבן גענומען שנעל לויפן דורך טייכן און טריקענישן, איבערשפּרינגענדיק די טיפסטע אָפּגרונדן. און זיי זענען אַלע געקומען אין וואַלד און האָבן אַרומגערינגלט דעם טאָפּאָל. זיי האָבן צוזאַמענגענומען שטיינער, צונויפגעקליבן טרוקענע צווייגן און גענומען וואַרפן אויף פּענטעאוסן. די שטיינער און די צווייגן האָבן אים אָבער נישט געקאָנט טון קיין שלעכטס, ווייל ער איז געזעסן הויך אויף דער קרוין פונם טאָפּאָל. האָבן גענומען די באַקכאַנקעס שטאַרקע הילצערנע שטאַנגען, אַרומגעגראָבן דעם טאָפּאָל, אויסגעגראָבן די וואָרצלען און אויסגעריסן דעם בוים. דער טאָפּאָל איז אומגעפאַלן, און פּענטעאוס איז געפאַלן אויף דער ערד אַראָפּ, אַרויסלאָזנדיק ביטערע

ווי־געשרייען.

דיאָניזאָס האָט געוואָרפן אַ פאַרבלענדעניש אויף פענטעאוסעס מוטער, אַזוי אַז זי האָט נישט דערקענט איר זון און זי אַליין האָט אים געהייסן דערהרגענען. דעמאָלט ערשט האָט זיך פענטעאוס אויסגעניכטערט פון זיין משוגעת און ער האָט גענומען שרייען מיט פאַרצווייפלונג:

—מוטער, דו דערקענסט מיך נישט? איך בין דאָך פענטעאוס, דיין אייגענער זון! זיי מיר מוחל מיינע זינד און לאָז מיך נישט טייטן!

אַגאַווע האָט אים פונדעסטוועגן נישט דערקענט און ער האָט איר אויסגעוויזן, ווי אַ פאַרציקנדער לייב, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון וואַלד נאָך רויב. דאַן זענען אָנגעפאַלן אויף אים די באַקכאַנקעס און אים צעריסן אויף שטיקער. אַגאַווע האָט אויפגעשטעקט פענטעאוסעס קאָפּ אויף אַ שטאַנג—זי האָט געמיינט, אַז ס'איז אַ לייבן־קאָפּ — און אים געטראָגן אָן דער שפּיץ פון דער מחנה באַקכאַנקעס, מיט שאַלנדע געשרייען און מיט טראָמפּייטן־קלאַנג. אַזוי האָט דיאָניזאָס באַשטראָפט זיין פיינט, וואָס האָט אויסגעל‸כט די הייליקע מנהגים...

ז'

פּערסעאוס.

באַ אַכריזיוס, דעם קעניג פון אַרגאָלידע, איז געבוירן געוואָרן אַטאָכטער, וועלכער ער האָט אַ נאָמען געגעבן דאַנאַאַ. באַלד נאָך איר געבוירן ווערן איז אַכריזיוס אַוועק צום אָראַקול, געוואָר צו ווערן וועגן איר גורל. האָט אים דער אָראַקול געזאָגט:

— זיי וויסן, אַז דאָס אייניקל, וואָס וועט דיר געבוירן ווערן פון דיין טאָכטער, וועט דיך טויטן און קיניגן אויף דיין אָרט.

האָט זיך דער קעניג זער דערשראָקן און האָט עס זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן. אין אָנהויב האָט ער געוואָלט טויטן זיין טאָכטער, באַלד אָבער האָט ער דערויף חרטה געקריגן, ווייל דאָס רחמנות האָט אים איבערגענומען. האָט ער באַפוילן צו באַזעצן דיין טאָכטער אין אַ קופּערנעם טורעם, וואָס איז געווען פאַר-

שלאָסן און אָפּגעשפּאַרט פון דער גאַנצער וועלט, און האָט איז אַריינגעגעבן אַהין אַמען און דערציערנס, קעכינס און באַדינערינס, וואָס זאָלן זי באַדינען און היטן איר, ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער האָט באַשטימט האַרינס, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו דערנערן דאַנאַאַן און אירע דינערינס און צושטעלן פאַר זיי אַלדאָס נויטיקע. ער האָט גערופן די האַרינס און די דינערנס און זיי אָנגעזאָגט:

— איך גיב אייך איבער מיין טאָכטער, כדי איר זאָלט זי היטן, האָבן זי שטענדיק אויפן אויג און טון איר ווילן. נאָר זייט געוואָרנט, נישט אַריינצולאָזן קיין שום מאַן צו איר אין טורעם. טאָמער וועט אַ מאַן אַריבערטרעטן די שוועל פון איר צימער, וועט איר ווערן געטויט.

האָבן די פרויען באַקומען פורכט און גוט געדענקט דעם באַפעל פון קעניג.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ צייט, איז דאַנאַאַ גרויס־געוואַקסן און זי איז געוואָרן זער אַ שיינע. זי האָט געהאַט אַ הויכן וואוקס און די האָר אירע זענען געווען גערדיכט, ווי דאָס געבלעטער פונם וויינשטאָק. די דינערינס האָבן דערפילט איר קלענסטן וואונש, בלויז איין זאַך האָבן זיי נישט דערלאָזט — אַז זי זאָל אַרויסגיין אויף אַ ווײַלע פון איר צימער אין טורעם, וואָרום זיי האָבן היי־ליק אָפּגעהיט דעם באַפעל פון קעניג. אויף אַזאַ אופן איז דאַ־נאַאַ שטענדיק געווען אַרומגערינגלט בלויז מיט פרויען, און קיין איין־איינציקער מאַן האָט זיך נישט געפונען נישט אין טורעם און נישט אין דער אַרומיקער געגנט, ווייל דער קעניג האָט זיך גע־טראַכט: טאָמער וועט זי דערזעען אַ מאַן, קאָן זי אים ליב באַ־קומען, ווערן זיין ווייב און געבוירן אַ זון.

איז דאַנאַאַ אָפּגעזעסן אַ לאַנגע צייט, אַ פאַרשפּאַרטע אין טורעם. זי איז זער טרויעריק געוואָרן, ווייל זי האָט געהאַט לוסט אַרויסצוגיין אַמאָל אויף אַ שפּאַציר, באַזוכן די שטאָט און זיך צוקוקן צום לעבן פון די מענטשן.

צעאוס, דער באַשעפער פון דער וועלט, האָט געזעען איר

פיין, האָט ער זיך דערבאַרעמט איבער איר און זי איז אים אויך זער געפעלן געוואָרן. האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גאָלד־רעגן, אַריינגעדרונגען אין טורעם דורכן בעליק און זיך געשפּריייט פאַר דאַנאַאַס פיס. דאַנאַאַ האָט דערזען דאָס גאָלד, וואָס פאַלט פון בעליק, האָט זי עס איילִיק צונויפגעקליבן און געהאַלטן עס אין שויס. באַלד איז אָבער דאָס גאָלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יונגענמאַן מיט שיינע אויגן, מיט אַ געטלעכער הערלעכקייט אויפן פּנים. האָט זי אים זער ליב באַקומען און איז געוואָרן זיין ווייב. דאַנאַאַ האָט געבוירן אַ זון, וועלכן זי האָט אַ נאָמען געגעבן פּערסעאוס.

ווען אַכריזיאוס איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם, האָט ער באַפוילן צו טויטן אַלע שטוב־מיידלעך און דינערינס פון זיין טאָכטער און דאַנאַאַן אַליין מיט איר ניי־געבוירענעם זון האָט ער געהייסן פאַרשלוסן אין אַ הילצערן קעסטל און אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין. איז זיך דאָס קעסטל אַרומגעשווימען איבערן וואַסער, אַזוי ווי אַ שפּענדל צווישן שטורמישע כוואַליעס. נאָר צעאוס האָט עס געפירט און אָפּגעהיט עס פון שלעכטס. ענדלעך איז דאָס קעסטל צוגעשווימען בשלום צו די ברעגעס פון דער אינזל סעריף. אויף דער דאָזיקער אינזל האָבן דעמאָלט געהערשט דיקטיס און פּאָלידעקטעס.

איינמאָל איז דיקטיס געקומען צום ברעג כאַפּן פיש. ער האָט דערזען דאָס קעסטל, האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט און עס אַרויסגעצויגן אויפן ברעג. עפנדיק דאָס קעסטל, האָט ער דערזען דאַנאַאַן און איר זון, ביידע געזונטע און אומבאַשעדיקטע, האָט ער זיי האַרצלעך צוגענומען און זיך מיט זיי זער געפרייט. דאַנאַאַ איז זער געפעלן געוואָרן דיקטיסן, ווייל זי איז געווען זער אַן איידעלע און אַ צאַרטע, האָט ער זי גענומען פאַר אַ פרוי, און פּערסעאוסן, צעאוסעס זון, האָט ער געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם זון.

ווען פּערסעאוס איז גרויס געוואָרן, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער דרייסטקייט, מוטיקייט און אומדערשראָקנ-

קייט. ער האָט געשטרעבט צו גרויסע טאַטן, ער האָט געוואָלט אַדורכוואַנדערן פאַרשידענע לענדער און באַווייזן גבורות. ער האָט געהאַלטן אַן עצה מיט דיקטיסן, וועלכער האָט אים ליב געהאַט, ווי אַן אייגענעם זון, האָט אים דיקטיס געזאָגט:

— לאָז דיך אַוועק, מיין זון, אין קיניגרייך פון פּאָרקוס, דעם פאָטער פון אַלערליי שוידערהאַפטע מאָנסטרומס, דאָרט וועסטו געפינען זיין טאָכטער מעדוזע. האַק איר אָפּ דעם קאָפּ און ברענג אים צו מיר.

האָט פּערסעאוס געפאָלגט דעם פאָטער, ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט פון דערהיים, אַדורכגעוואַנדערט פאַרשידענע לענדער און איז ענדלעך אָנגעקומען אין לאַנד פון פּאָרקוס. ווי נאָר ער האָט געשטעלט דעם ערשטן שריט אין דאָזיקן לאַנד, האָט ער גלייך באַגעגנט די גרייען, די דריי טעכטער פון פּאָרקוסן. די גרייען האָבן געהאַט גרויע האָר פון געבוירנהייט אָן, און אַלע דריי האָבן געהאַט איין בשותפותדיק אויג און איין בשותפותדיקן צאָן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין אַ זעקל. אַז איינע פון זיי האָט געוואָלט עפּעס זעען, האָט זי אַרויסגענומען דאָס אויג פונם זעקל, אַריינגעשטעלט עס אינם לאָך, וואָס זי האָט געהאַט אונטערן שטערן, און זיך איינגעקוקט; און אַז זי האָט געוואָלט עסן, האָט זי אַריינגעשטעלט דעם צאָן אין מויל, צעקייעט און צעמאָלן דאָס עסן און דערנאָך צוריק אַוועקגעלייגט דעם צאָן אין זעקל אַריין. אַזוי האָבן זיי געטון זייער לעבנלאַנג, און זיי האָבן דערפון געהאַט בלויז צער און פּיין. ווען פּערסעאוס האָט זיי דערזען, איז ער אָנגעפאַלן אויף זיי און צוגערויבט ביי זיי דאָס אויג און דעם צאָן. האָבן זיך די דריי גרייען גענומען בעטן ביי אים און האָבן אים באַשוואוירן אין נאָמען פון די געטער, ער זאָל נישט צורויבן ביי זיי די איינציקע הילף אין זייער פּיין־פולן לעבן און נישט פאַרגרעסערן נאָך זייערע שטענדיקע ליידן. האָט זיי פּערסעאוס געענטפערט: איך וועל אייך אָפּגעבן אי דאָס אויג, אי דעם צאָן, נאָר דערפאַר מוזט איר מיר ווייזן דעם וועג, וואָס פירט צום וואוינאָרט פון די נימפן.

די דריי גרייען האָבן געהאַט אַ היטל אַ זעקל און באַפליגלטע שיך. אַז אַ מענטש האָט אָנגעטון דאָס היטל, איז ער געוואָרן אַ רואה ואינו נראה, און אַז ער האָט אָנגעטון די שיך, האָבן די שיך אויסגעשפּרייט זייערע פליגל, אַ הויב געטון דעם מענטש פון דער ערד און אים געטראָגן און דער לופטן.

האָבן אים די גרייען געפירט אין געוויזן דעם וועג, וואָס ברענגט אין לאַנד פון די נימפן. דאַן האָט זיי פּערסעאוס צוריקגעגעבן דאָס אויג און דעם צאָן. די גרייען האָבן זיך זער דערפרייט און האָבן אים געגעבן דאָס היטל, דאָס זעקל און די שיך. פּערסעאוס האָט אָנגעטון דאָס היטל אויפן קאָפּ, די שיך אויף די פיס און דאָס זעקל האָט ער געטראָגן אויף די פּלייצעס. ער איז געוואָרן אַ רואה ואינו נראה און ער האָט גענומען שוועבן אין דער לופט; און ווייל ער האָט אָפּגעגעבן כבוד צו די געטער און האָט אויפגעבּרענגט פאַר זיי קרבנות, האָט צעאוס אָנגעזאָגט אַלע איינוואוינער פון אָלימפּוס, זיי זאָלן אים באַשיצן אויף זיין וועג. אַטענע האָט געגעבן פּערסעאוסן אַ פּאַנצער, וואָס האָט געפינקלט, ווי אַ שפּיגל, און הערמעס[1] האָט אים געגעבן אַ שווערט, אויסגעאַרבעט פון דימענטשטיין.

האָט זיך פּערסעאוס געטראָגן אין דער לופטן און איז צוגעפלויגן צום ברעג פון אָקעאַן, צום אָרט, וואו ס'האָבן געוואוינט די דריי גאָרגאָנעס, שוועסטערן פון די גרייען און פּאָרקוסעס טעכטער. פון די דריי גאָרגאָנעס זענען בלויז צוויי געווען אומשטערבלעך, די דריטע אָבער, מעדוזע, איז געווען שטערבלעך — דאָס איז געווען די מעדוזע, וואָס פּערסעאוס האָט געדאַרפט אָפּהאַקן איר קאָפּ. די גאָרגאָנעס זענען געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף און זענען געלעגן, נישט געבנדיק

---

1) הערמעס (ביי די רוימער: מערקור), איז געווען דער שליח פון די געטער.

קיין ריר מיט זייערע פליגל; אויף זייערע קעפּ האָבן זיך געקנויט סווישטשענדיקע שלאַנגען; זייער הויט איז געווען באַדעקט מיט שיפּן, פונם מויל האָבן אַרויסגעשטייגט ביי זיי לאַנגע ציין, זייערע הענט זענען געווען געמאַכט פון בראָנז און זייערע פליגל פון לויטער גאָלד.

צעאוס האָט נאָך פריער אָנגעזאָגט זיין זון: זאָלסט זיין געוואָרנט און נישט וואַרפן קיין בליק אויף די גאָרגאָנעס, וואָרום דער מענטש, וואָס וואַרפט אויף זיי אַ בליק, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין. צעאוס האָט אויך געגעבן פּערסעאוסן סמנים, לויט וועלכע ער האָט געקאָנט וויסן, וועלכע ס׳איז מעדוזע און וועלכע עס זענען די אַנדערע צוויי שוועסטערן. און דעריבער, ווען פּערסעאוס האָט זיך דערנענטערט צום אָרט, וואו ס׳זענען געלעגן די גאָרגאָנעס, האָט ער אָפּגעווענדט זיין פּנים און אָנגעשטעלט קעגן זיי זיין פּאַנצער. די גאָרגאָנעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם פינקלדיקן פּאַנצער, און פּערסעאוס, דערזעענדיק אויף אַזאַ אופן זייער געשטאַלט, האָט גלייך דערקענט מעדוזען לויט די צייכנס, וואָס צעאוס האָט אים געגעבן. דאַן האָט פּערסעאוס אויפגעהויבן זיין האַנט, אַ שלאָג געטאָן מיט דער שווערד און ריכטיק געטראָפן, וואָרום פּאַלאַס-אַטענע האָט געלענקט זיין האַנט. ער האָט אָפּגעהאַקט מיט איין קלאַפּ מעדוזעס קאָפּ. דער קאָפּ איז געפאַלן אויף דער ערד און זיך גענומען קאָלערן אין זאַמד, וואָס איז געווען אויפן ברעג פון ים, און פון מעדוזעס לייב איז אַרויסגעשפּרונגען פּעגאַס, דאָס באַפליגלטע פערד, וועלכעס האָט גלייך אַ שפּרייט געטון די פליגל און געפליגן אין הימל אַריין. פּערסעאוס האָט גענומען דאָס בינטל שלאַנגען, וואָס איז געווען אויף דעם אָפּגעשניטענעם קאָפּ פון מעדוזען, און אַריינגעלייגט עס צו זיך אין זעקל. דאַן האָט ער זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטן פּאַנצער, כדי ער זאָל נישט זען די שוידערהאַפטע גאָרגאָנעס, און זיך געלאָזט ווייטער.

ווען די לעבנגעבליבענע גאָרגאָנעס זענען אויפגעקומען

פונם שלאָף און ־ערזעען דעם קערפּער פון זייער טויטע
שוועסטער, האָבן זיי אויסגעשפּרייט זייערע גאָלדענע פליגל.



פּערסעאוס ערמאָרדעט מעדוזען.

אויפגעהויבן זיך הויך אין דער לופט און גענומען נאָכיאָגן פער־

סעאוסן, כדי צו נעמען פון אים נקמה. זיי זענען אָבער פאַר-
באַגעפלויגן פאַר אים און אים נישט געזעען, וואָרום ער האָט
געטראָגן דאָס צויבער-היטל אויפן קאָפּ און איז דעריבער גע-
ווען אַ רואה ואיגו נראה. דאַן האָט פּערסעאוס אָנגעטון זיינע
שיך און אויפגעהייבן זיך פון דער ערד, כּדי זיך אומצעקערן
אַהיים. נאָר פלוצלונג איז אויסגעבראָכן אַן אויסערגעוויינלעכער
שטורמווינט, וועלכער האָט אים געטראָגן ווי אַ שטויבעלע און
אים פאַרוואָרפן אין די מדבר ליביען. פון דעם אָפּגעשניטענעם
קאָפּ וואָס איז געלעגן אין זאַק, האָט געטריפט בלוט, דאָס בלוט
האָט אַדורכגעטרענקט דעם זאַק, באַנעצט דאָס זאַמד פון דער
מדבר און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גיפטיקע שלאַנגען. די
שלאַנגען האָבן זיך גענומען פּרוכפּערן און מערן, זענען זיך פו-
נאַנדערגעקראָכן אויף אַלע זייטן און וואוינען אין מדבר ביזן
היינטיקן טאָג. דאַן האָט דער ווינט פאַרטראָגן פּערסעאוסן קיין
דרום און אים געבראַכט אין קיניגרייך פון אַטלאַס. אַז דער
אַז דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט, האָט זיך פּערסעאוס
אַראָבגעלאָזט אויף דר ערד, כּדי זיך אָפּצורוען אַ ביסל. אַטלאַס
האָט געהאַט אַ וואונדער־וואַלד, אין וועלכן ס'זענען געוואַקסן
ביימער, וואָס האָבן געטראָגן גאָלדענע פירות. אַ פירכטער-
לעך מאָנסטרום האָט געהיטן דעם וואַלד בײַטאָג און בײַנאַכט,
וואָרום דער קעניג האָט זיך געזאָרגט פאַר די גאָלדענע פירות
און האָט דעריבער נישט אַריינגעלאָזט אין זיין הויז קיין געסט.
פּערסעאוס האָט זיך גענומען בעטן ביי אים, ער זאָל אים
אַריינלאָזן אין זיין הויז, געבן אים ברויט צום עסן און אַ גע-
לעגער אויף בײַנאַכט. דער קעניג האָט זיך אָבער געמאַכט נישט
הערנדיק און געהייסן זיינע קנעכט, זיי זאָלן אים אַרויסטרייבן.
איז פּערסעאוס אַריינגעפאַלן אין צאָרן און האָט אויסגערופן:
אויב דו ווילסט נישט אַריינלאָזן מיך אין דיין הויז און שענ-
קען מיר אַ שטיקל ברויט — וועסטו באַקומען אַ מתנה פון מיר.
ער האָט אַרויסגענומען פון זעקל דעם קאָפּ פון מעדוזען,
אָפּגעווענדט דאָס פּנים, און אַ ווייז געטון דעם קעניג...

איז אַטלאַס גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיין און עס איז געוואָרן פון אים אַ הויכער באַרג.

דער רוקן, די אַקסלען און די פיס זענען געוואָרן פעלזן, די באָרד און די האָר זענען געוואָרן אַ געדיכטער וואַלד, און דער קאָפּ זיינער האָט זיך געהויבן ביז אַרויף צו די וואָלקנס.

דאַן האָט פערסעאוס ווידער אָנגעטאָן דאָס צויבער-היטל און די שיך, אַריינגעלאָזט דעם קאָפּ פון מעדוזע אין זעקל, אַ הויב געטון זיך פון דער ערד און גענומען פליען ווייטער, ביז ער איז געקומען צו די ברעגעס פון לאַנד עטיאָפּיען. אין דעם דאָזיקן לאַנד האָט דעמאָלט געהערשט דער קעניג צעפעאוס. אויפהויבנדיק די אויגן, האָט פערסעאוס דערזען, אַז צום שפּיץ פון אַ הויכן פעלז, וואָס איז געוואָרן געשווענקט און צעבראָקלט דורך די כוואַליעס, וואָס האָבן אים געשלאָגן אָן אויפהער, איז אָנגעבונדן אַ וואונדערשיינע יונגפרוי. אַ לייכט ווינטל האָט גע-קרייזלט אירע האָר, און פון אירע שיינע אויגן זענען געפלאָסן טרערן. אין אָנהויב האָט פערסעאוס געמיינט, אַז דאָס איז אַ פיגור פון מאַרמאָר. נאָר, זעענדיק די באַוועגונגען פון איר שיי-נעם קערפּער און די טרערן, וואָס זענען גערינען פון אירע טויבן-אויגן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין טוי-טער שטיין, נאָר אַ לעבעדיקע פרוי, אין דער שענסטער צייט פון איר יוגנט. ער איז געווען אַזוי איבערראַשט, אַז ער איז שיעור נישט געפאַלן אין ים אַריין, וואָרום פאַר גרויס התפּעלות איז אים שווער געווען צו האַלטן זיך אין דער לופט.

דאַן האָט זיך פערסעאוס געווענדעט צו דער יונגפרוי און געזאָגט צו איר מיט אַ ליבער שטים:

— זאָג מיר, מיין שיינע, וואו געפין איך מיך, און ווי איז דיין נאָמען. זאָג מיר אויך, וואָס באַדייטן די קייטן, וואָס דו טראָגסט אויף דיין לייב.

האָט די יונגפרוי שטיל געשוויגן, וואָרום זי האָט זיך גע-שעמט צו רעדן מיט אַ פרעמדן מאַן. זי האָט זיך געוואָלט פאַר-שטעלן דאָס פּנים מיט די הענט, זי האָט עס אָבער נישט גע-

קאָנט טון, ווייל די קייטן האָבן איר געשטערט, און זי האָט גענומען וויינען אַ ביטער געוויין. דאַן איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דער פרעמדער קאָן נאָך מיינען, דאָס זי איז באַשטראָפט געוואָרן פאַר [illegible]עס אַ זינד; זי האָט זיך דערשראָקן נאָך דעם דאָזיקן געדאַנק און זיך געווענדעט צו פּערסעאוסן און געזאָגט:

— איך הייס אַנדראָמידע און איך בין די טאָכטער פון צעפעאוס, דעם קעניג פון לאַנד עטיאָפּיען, אין וועלכן דו געפינסט זיך. מיין מוטער איז אַ באַרימטע שיינקייט. איינמאָל האָט זיך מיין מוטער גערימט מיט איר שיינקייט פאַר די נימפן פון ים און געזאָגט מיט שטאָלץ, אַז זי איז שענער פון די וואַסער-פרויען. די נימפן האָבן דאָס דערהערט, האָט זיך צעפלאַקערט זייער צאָרן און זיי האָבן דורכאויס פאַרלאַנגט פון זייער פאָטער, ער זאָל שווער באַשטראָפן מיין מוטער פאַר איר חוצפה. זיי האָבן אים אַזוי לאַנג געפּייניקט, ביז ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און ער האָט געבראַכט אַ פאַרפלייצונג אויף אונזערע פעלדער און האָט צו-נישט געמאַכט דאָס גאַנצע גערעטעניש. דערנאָך האָט ער נאָך אָנגעשיקט אויף אונז פון ים אַ פירכטערלעכע חיה, וואָס האָט אַלץ פאַרציקט און צעריסן. מיין פאָטער האָט דערזען, אַז ס'איז געקומען אַן אומגליק אויף זיין לאַנד, האָט ער עס זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן און איז אַוועק האַלטן אַן עצה מיטן אָראַקול, האָט אים דער אָראַקול געענטפערט און אַזוי געזאָגט: די זינד פון דער מלכה קאָן גאָר דאַן אויסגעקויפט ווערן, אויב דו וועסט אַוועקגעבן דעם לייב פון דיין אייגענער טאָכטער פאַר אַ שפּייז פאַר דעם שוידערהאַפטן מאָנסטרום. דער קעניג האָט נישט געוואָלט טון אַזאַ שרעקלעכע זאַך, נאָר דאָס פאָלק האָט עס פון אים געפאָדערט. און מיין פאָטער האָט צום סוף מיט צער און שמערץ איינגעוויליגט צוצובינדן מיך צום פעלז און איינצושטילן אויף אַזאַ אופן דעם צאָרן פון די באַליידיגטע נימפן.

ווי זי האָט אַזוי גערעדט, האָט פּלוצלונג דער ים זע־
נומען זידן, די כוואַליעס האָבן גענומען שפּריצן מיט שוים



און פון דער טיפעניש פון וואַסער האָט אויפגעטורכט אַ שרעק־
לעך מאָנסטרום. די שענע בת־מלכה האָט אַרויסגעלאָזט אַ האַרץ־

רייסענד ווײ-געשריי, און אירע עלטערן, דער מלך און די
מלכה, זענען שנעל געקומען צו לויפן צום ברעג, כדי באַ
צו=זיין בײ די לעצטע מינוטן פון זייער איינציגער טאָכטער.
זיי זענען געווען אַזוי אַדורכגענומען מיט צער, אַז זיי האָבן
נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט, און דער קוואַל פון
טרערן איז אויסגעטרוקנט געוואָרן אין זייערע אויגן. זיי זענען
ביידע געשטאַנען נידערגעשלאָגן און צעבראָכן, מיט אַ האַרץ
פול פערצווייפלונג.

פּערסעאוס האָט באַקומען רחמנות אויף דעם קעניג צע-
פעאוס און זיין פרוי, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי, געבוקט זיך
און געזאָגט:

— הערט מיך אויס, קעניג און קעניגין, און דערפאַר
ווען איך אויסהערן די אייביקע געטער. איך בין פּערסעאוס,
דער זון פון צעאוס און פון דער קעניג-טאָכטער דאַנאַאַ.
דער גאָט פון די געטער איז מיר באַגעשטאַנען און מיר גע-
שאָנקען כח, איך האָב געשלאָגן די גאָרגאָנעס און זיי באַ-
געקומען און איך האָב צויבער-פליגל, וואָס טראָגן מיך אין
דער לופט. זייט ניט מיאש, פאַרלירט נישט דעם מוט,
וואָרום איך בין אָנגעברייט מציל צו זיין אייער טאָכטער פון
דעם מאָנסטרום. איך פאַרלאָז מיך אויף צעאוס, דעם דונער-שליי-
דערער, אַז ער וועט מיר באַשטיין און איך וועל מלחמה
האַלטן מיטן מאָנסטרום און אים באַזיגן. נאָר דאָס איינע
פאָדער איך פון אייך: איר זאָלט מיר געבן אייער טאָכטער
פאַר אַ פרוי. איר האָט אויסגעהערט מיינע רייד און איצט
איילט זיך און גיט מיר אייער ענטפער, וואָרום די צייט איז
קורץ.

האָבן זיך דער קעניג און די קעניגין שטאַרק דערפרייט,
האָבן אים גענומען האַלזן און קושן און האָבן געשוואוירן,
אַז זיי וועלן אים געבן די טאָכטער פאַר אַ פרוי און וועלן
אים באַשענקען מיט פיל טייערע מתנות.

ווי זיי רעדן אַזוי, האָט זיך גענומען דערנענטערן דאָס

מאָנסטרום, וועלכע איז געווען ענלעך צו אַ שיף. וואָס טראָגט זיך גיך איבערן וואַסער, און די רודערס פּאַטשן פון אַלע זייטן. דאַן איז אויפגעשפּרונגען דער יונגער גבור, האָט זיך אַ הויב געטון פון דער ערד און גענומען שוועבן איבער די כוואַליעס פון ים. זיין שאָטן איז געפאַלן אויפן וואַסער, און דאָס מאָנסטרום, דערזעענדיק דעם שאָטן, האָט ער אים אָנגענומען פאַר אַ פיינט, וואָס וויל צונעמען ביי אים זיין רויב. האָט זיך דאָס טאָנסטרום אַ וואָרף געטון אויפן שאָטן, ווי אַ שטורמווינט, פון זיינע נאָזלעכער האָט געזעצט אַ רויך און אַ שוים האָט אים אַרויסגעשלאָגן פון מויל. דאַן איז דער יונגער גבור אַראָפּגענידערט, ווי אַן אָדלער, אויפן רוקן פונם מאָנסטרום, אַרויסגעכאַפּט די שווערט, מיט וועלכער ער האָט דערהרגעט מעדוזען, אַריינגעשטעקט זי ביז צום הענטל אין קאַרק פון מאָנסטרום און באַלד זי צוריק אַרויסגעצויגן.

דאָס מאָגסטרום האָט העפטיק אַ שפּרונג געטון פון וואַסער אַרויס און זיך באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט אין די טיפעניש. ער האָט זיך ווידעראַמאָל באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך, האָט זיך געקרומט און געקנוילט, געוואָרפן זיך אין וואַסער, ווי אַ הונגעריקער וואָלף, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט הינט. פּערסעאוס איז אָבער כסדר געפלויגן אַרום דעם מאָנסטרום, נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג און אים כסדר ווידער געשלאָגן מיט זיין שאַרפער שווערט, אַז דער ים איז אַזש רויט געוואָרן פון בלוט. ענדלעך איז שוין דער יונגער גבור מיד געוואָרן, ער האָט זיך שוין קוים געקאָנט האַלטן אין דער לופט און איז געווען אין געפאַר אַריינצופאַלן אין ים אַריין און פאַרציקט צו ווערן דורך די שוידערהאַפטע חיה — נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט צעאוס געעפנט די אויגן פון זיין זון, און ער האָט דערזעען אַ פעלז, וואָס הייבט זיך פון וואַסער אַרויס. פּערסעאוס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק, מיט דער לינקער האַנט אָנגעכאַפּט זיך פאַרן פעלז און מיט דער רעכטער האַנט צום לעצטן מאָל אַ קלאַפּ געטון דעם מאָנסטרום.

האָט זיך דאָס מאָנסטרום אַ וואָרף געטון, אַ שלאָג געטרי= דאָס וואַסער, אַז די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן ביז אין הימל אַריין. און ער איז ענדלעך געבליבן טויט, און די כוואַליעס האָבן אים געטראָגן, ווי אַ שטיק האָלץ. דאַן איז פּערסעאוס שנעל אַרויפגעשפּרונגען אויפן ברעג, אַרויפגעקלעטערט אויפן פעלז, צו וועלכן די בת־מלכה איז געווען צוגעבונדן, און באַפרייט זי פון די שטריק. אַנדראָמידע האָט אויפגענומען מיט שמחה איר חתן און רעטער, און, צוזאַמען מיט די עלטערן, זענען זיי אַלע אַוועק אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, צו פייערן אַ פרייליכע חתונה.

דער קעניג האָט געמאַכט אַ גרויסע מאָלצייט פאַר אַלע זיינע שרים; אַלע האָבן געגעסן, געטרונקען און זיך משמח געווען. דערבײַ האָבן אַלע מיט טרערן פון פרייד דערמאָנט די אומגליקן, וואָס זיי זענען בשלום איבערגעקומען, און האָבן געלויבט זייער רעטער פּערסעאוס און געזונגען פאַר אים לויב־געזאַנגען.

זיי האָבן נאָך געהאַלטן אין מיטן דער רעכטער סעודה, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אינם הויף פון פּאַלאַץ אַ בריקן פון פערד און דער שאַל פון מלחמה־טראָמפּייטן, און אָט האָט זיך שוין פינעאוס, דעם קעניגס ברודער, אַריינגעריסן אין פּאַלאַץ אַריין מיט זיין חיל. פינעאוס האָט הייס ליב געהאַט זיין ברודערן־טאָכטער אַנדראָמידע און זיך געשדכנט צו איר. נאָר ווען דאָס מאָנסטרום האָט זיך באַוויזן פון וואַסער, אָנגעפאַלן אויף די שטאָט, פאַרצוקט און צעריסן אירע איינוואוינער, האָט ער זיך דערשראָקן און זיך געהאַלטן פון ווייטנס. נישט נאָר, וואָס ער איז נישט געקומען צו הילף דעם אומגליקלעכן פאָלק, נאָר ער האָט אויך פאַרלאָזט זיין געליבטע און נישט געהאַט קיין מוט, צו רעטן זי פונם מאָנסטרום. איצט אָבער, אַז דאָס מאָנסטרום איז דערהרגעט געוואָרן, האָט ער צוזאַמענגענומען זיין חיל, אָנגעפאַלן אויף די רויקע, זאָרגלאָזע שטאָט, אַריינגעדרונגען אינם קעניגלעכן פּאַלאַץ און גענומען פאָדערן, מען זאָל אים געבן אַנ= דר[illegible]ען פאַר אַ כּלה. פינעאוס האָט געוואָרפן אַ שרעק אויפן

מלך און איז געלאָפן פון איין צימער אין אַנדערן, זוכנדיק אַנ־דראָמידען. און ווי ער האָט דערזעען, אַז פּערסעאוס זיצט נעבן זיין ברודערן־טאָכטער און רעדט צו איר ליבהאַרציקע רייד, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ העפטיקן צאָרן, האָט אַ שטרעק געטון זיין שפּיז און אויסגערופן:

— איך וועל דיר ווייזן, דו שלעפּער, וואָס עס הייסט אַזעלכעס צונעמען ביי מיר מיין כלה! איך וועל ריינוואַשן מיין שאַנדע מיט דיין בלוט! און פּרוב נאָר שרייען צו דיין פאָטער צעאוס, צי ער וועט דיך הערן און דיר קומען העלפן!

פינעאוס האָט שוין געוואָלט אַ שליידער טון אויף פּערסע־אוסן זיין שפּיז, נאָר דאָ איז דער קעניג אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און אַ געשריי געטון:

— פאַרדאָרבענער, פאַרברעכערישער מענטש! צי האָסטו נאָך ווינציק געזינדיקט ביז איצט און ווילסט באַגיין אַ ניי פאַרברעכן? פּערסעאוס האָט דאָך נישט צוגערויבט בא דיר דיין געליבטע, נאָר דו האָסט זי אַליין פאַרלאָזט, ווען זי איז געווען אין דער גרעסטער געפאַר. וואו ביסטו געווען, ווען מען האָט זי געשמיד אין קייטן און צוגעבונדן צום שפּיץ פעלז? דו האָסט געדאַרפט זיין איר רעטער — פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען מיט דער שווערט באַווייזן דיין גבורה? פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען מלחמה האַלטן מיט דער פירכטערלעכער חיה, באַשיצן דיין כלה און נע־מען זי אַלס באַלוינונג פאַר אַ פּרוי? וואָס פאַר אַ טענות קאָנסטו יעצט האָבן צו דעם יונגע העלד, וואָס האָט מיך געטרייסט אויף מיינע אַלטע יאָרן?

האָט פינעאוס שטיל געשוויגן און נישט געענטפערט קיין וואָרט. זיין צאָרן האָט זיך אָבער אַלץ מער פונאַנדערגעפלאַקערט, זיינע אויגן האָבן געברענט, ווי די פלאַקערן, ער האָט געוואָרפן בלוטדורשטיקע בליקן אַמאָל אויף פּערסעאוסן, אַמאָל אויפן ברו־דער, ווי ער וואָלט זיך איבערלייגן, אויף וועמען ער זאָל אָנ־פאַלן צוערשט. דאַן האָט ער פּלוצלונג אַ שליידער געטון זיין

שפּיז אויף פּערסעאוסן, ער האָט אָבער שלעכט געטראָפן, און די שפּיז איז געבליבן שטעקן אין דער וואַנט.

פּערסעאוס איז אַריינגעפאַלן אין צאָרן, אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און געוואָרפן זיך מיט דער שווערט צו פינעאוסן. האָט זיך פינעאוס דערשראָקן און איז אַנטלאָפן און באַהאַלטן זיך אין טעמפּל ביים אַלטאַר. דערווייל איז פינעאוסעס חיל אַלץ מער און מער אַריינגעדרונגען אין פּאַלאַץ אַריין. דעם קעניגס געסט האָבן זיך געכאַפּט צום געווער, און עס איז אַנטשטאַנען אַ שווערער קאַמף. פּערסעאוס האָט באַוויזן גבורות, ער האָט געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס און דערהרגעט פיל פיינט. פינעאוסעס מיליטער איז אָבער געווען אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז פּערסעאוס האָט געצווייפלט, צי ער וועט קענען בייקומען זיי אַלעמען מיט דער שווערט. פּלוצלונג האָט ער זיך אָבער דערמאָנט וועגן דעם קאָפּ פון מעדוזען, וועלכן ער האָט געהאַט אין זעקל, און ער האָט אויסגערופן :

— הערט מיך אויס, איר מענטשן פון אונרעכט ! גייט זיך אייער וועג כּל זמן עס איז נאָך צייט, וואָרום איך האָב אַ געטרייען פריינט, וואָס וועט מיר שטענדיק ביישטיין און וועט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן ! אַ קלאָג וועט זיין צו אייך, אויב איך וועל אים רופן צו הילף, איר וועט דאַן שלעכט אָפּשניידן ! איר אָבער, מיינע פריינט, ווענדט אָפּ אייערע אויגן, כּדי איר זאָלט נישט ליידן צוליב די זינד פון די דאָזיקע רשעים !

באַ די דאָזיקע ווערטער האָט ער גענומען דאָס זעקל, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן אויפן אַקסל, אויפגעבונדן עס, אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון מעדוזען און געהאַלטן אים אַנטקייגן דעם מאַן, וואָס האָט אים געוואָלט באַפאַלן.

—אומזיסט דיינע רייד ! — האָט דער מאַן אויסגערופן מיט שפּאָט—מיר וועלן זיך נישט דערשרעקן פאַר דיין כּשוף!

און ער האָט אַ הויב געטון די האַנט, כּדי צדורכצושלאָגן פּערסעאוסן מיט זיין שפּיז — נאָר אין דער זעלבער רגע איז ער

פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין. דערנאָך איז אַ צווייטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין, דערנאָך אַ דריטער, איינער נאָכן אַנדערן. איטלעכער איז פאַרשטיינערט געוואָרן אין דער פּאָזע, אין וועלכער ער האָט זיך גראָד געפונען: איינער מיט אַן אויפגעהויבענער שווערע, אַן אַנדערער מיט אַ געשפּאַנטן פייַלנבויגן. פיננעאוסעס חיל איז געוואָרן וואָס אַמאָל ווינציקער אין דער צאָל. אַזוי, אַז עס זענען שוין מער נישט געבליבן, ווי אַ צוואַנציק מאַן. פּערסעאוס האָט שוין געוואָלט מיט זיי שלום מאַכן, נאָר די רשעים האָבן זיך אַלץ נאָך געעקשנט און זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. האָט פּערסעאוס ווידער אַ הויב געטון דעם קאָפּ פון מעדוזען און פאַרשטיינערט אויך די לעצטע מענטשן פון פיננעאוסעס חיל. אַז פיננעאוס איז געוואָר געוואָרן וועגן שרעקלעכן טויט פון זיינע לייט, האָט אים באַהערשט אַ גרויסער פּחד און ער האָט חרטה געהאַט אויף זיינע שלעכטע מעשים. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון זיין באַהעלטעניש, צוגעלאָפן צו די פאַרשטיינערטע מענער, אָנגעכאַפּט זיי בײַ די הענט און אָנגערופן בײַ די נעמען, וואָרום ער האָט געמיינט, אַז האָס נאַרן אים זייַנע אייגענע אויגן. זיי זענען אָבער נישט אויפגעקומען און נישט געענטפערט אויף זיין רוף, וואָרום זיי זענען אַלע געווען פיגורן פון מאַרמאָר. דעמאָלט ערשט האָט פיננעאוסן פאַרלאָזט זיין שטאָלץ, און ער האָט גענומען בעטן זיך ביי פּערסעאוסן:

— זיי מיר מוחל, מיין האַר, באַווייז מיר דיין חסד און וואַרף מיך נישט אין פינסטערן גרוב אַריין. איך שווער דיר בײַ די אייביקע געטער אַז איך וועל גלייך פאַרלאָזן דאָס לאַנד און נישט דערמאָנען מער אַנדראָמידעס נאָמען.

און ער האָט אָפּגעווענדט זיין פּנים, כדי נישט צו זען דעם שרעקלעכן קאָפּ פון מעדוזען. אַרומקוקנדיק זיך אָבער און זעענדיק די טויטע, פאַרבלוטיקטע קערפּער פון זיינע פריינט, וואָס זענען געפאַלן אין שטרייט, האָט פּערסעאוס אויסגערופן מיט צאָרן:

— אַ טויט דיר, פאַלשער, נידערטרעכטיקער מענטש! ניין,

איך וועל דיר נישט מוחל זיין, איך וועל זייר באַצאָלן פאַר דיי־
נע מעשים!

ער האָט אָנגעכאַפּט פינעאוסן, אויסגעדרייט אים צום קאָפּ פון דער מעדוזע און אים פאַרשטיינערט. און אַזוי ווי פינעאוס האָט זיך פאַרן טויט דערנידריקט פאַר פּערסעאוסן, האָט די שטיין־פיגור, אין וועלכע ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן, פאַרגע־ שטעלט מיט זיך אַ מענטש אַן אונטערטעניגן, מיט אַ געבויגענעם רוקן און מיט דערשראָקענע אויגן, ווי בײַ אַ גרינגגעשעצטן קנעכט.

צום סוף האָבן זיך פּערסעאוס און זיין פרוי געזעגנט מיטן קעניג און מיט דער קעניגין, אַוועקגעלאָזט זיך צו דער אינזל סעריף און אַהינגעקומען בשלום.

דאַנאַאַ און איר מאַן האָבן זיך זער דערפרייט מיט זייער קומען. זיי האָבן געוואוינט [illegible] צוזאַמען און געלעבט אַ גליקליך, צופרידן לעבן.

איינמאָל האָט זיך פּערסעאוס אַוועקגעלאָזט אין לאַנד פון די פעלאַסגען[1] כדי זיך צו באַטייליגן אין די שפּילן, וואָס זע־ נען דאָרט פאָרגעקומען יעדעס יאָר. אַלע קעניגע פון גריכנלאַנד זענען געקומען צו נעמען אָנטייל אין די שפּילן, און צווישן די געקומענע איז אויך געווען אַכריזיאוס. שיסנדיק אין ציל, האָט פּערסעאוס שלעכט געטראָפן, און זיין פייל האָט דערהרגעט אַכרי־ זיאוסן. אויף אַזאַ אופן איז מקוים געוואָרן די נבואה פונם אָראַ־ טול, אַז אַכריזיאוס וועט געטויט ווערן דורך זיין אייניקל. אַז פּערסעאוס איז געוואָר געוואָרן, דאָס ער האָט דורך אַ פאַרזעען דערהרגעט זיין זיידן, האָט ער אים באַוויינט און באַקלאָגט, באַ־ גראָבן אים מיט גרויס כבוד, און דאָס לאַנד, וואָס ער האָט פון אים איבערגענומען בירושה, האָט ער פאַרטוישט אויף אַן אַנדער לאַנד.

---

[1]) אַ גריכישער שבט.

ווען די טרויער־טעג זענען אַריבער, האָט פּערסעאוס אומגעקערט זיך צו זיין פרוי, און זיי האָבן געלעבט פיל יאָרן גליקלעך און צופרידן. זיי האָבן געהאַט זין העלדן, וואָס אויך האָבן באַוויזן גבורות און נישט פאַרשוועכט דעם רום פון זייער פאָטער



ג.



8.

יאָן.

אין דער שטאָט אַטען האָט געקיניגט אַ קעניג מיטן נאָמען ערעכטעאוס. די מלכה האָט אים געבוירן אַ טאָכטער, וועלכער זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן קרייזע. דאָס מיידל איז געוואַקסן און שיין געוואָרן; ווער עס האָט זי איינמאָל געזעען, האָט זי שוין מער נישט געקאָנט פאַרגעסן. איינמאָל איז קרייזע אַרויסגעגאַנגען פון פאָטערס פּאַלאַץ, שפּאַצירן אַביסל אין פעלד. אַפּאָללאָ, דער גאָט פון געזאַנג, האָט זי דערזעען, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שיינעם יונגענמאַן און פאַרפירט מיט איר אַ געשפּרעך. ער איז איר זער געפעלן געוואָרן, און זי איז געוואָרן זיין פרוי, נישט נעמענדיק קיין ערלויבניש ביים פאָטער. האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן ערעכטעאוסן, ער האָט אַרויסגעטריבן די טאָכטער פון זיין הויז און איר געזאָגט: גיי דיר, וואוהין דו ווילסט, און זאָלסט

דיך נישט מער באַווייזן פאַר מיינע אויגן, אויב נישט—וועל איך דיך לאָזן טויטן. קרייזע האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פון איר פאָטער, באַזעצט זיך הינטער דער שטאָט, אין אַ געצעלט פון אַ פאַסטוך, און זיך געטרייסט מיט דער ליבע פון איר מאַן.

אין אַ יאָר אַרום האָט קרייזע געבוירן אַ זון. האָט מען צווישן געגעבן ערעכטעאוסן און אים געזאָגט: דיין טאָכטער האָט געבוירן אַ זון פון אַפּאָללאָן. ערעכטעאוס איז אַריינגעפאַלן אין אַ העפטיקן צאָרן און אויסגערופן: איך שווער ביי צעאוסן, אַז דאָס קינד וועט נישט דערלעבן ביז מאָרגן אין דערפרי! און ער האָט אונטערגעשיקט מענטשן, זיי זאָלן צורויבן דאָס קינד און עס דערהרגענען. ווען קרייזע איז געוואָרן וועגן דעם, האָט זי גענומען אַ געפלאָכטן קערבל, אויסגעבעט עס מיט עגיפּטישן שטאָף און אַריינגעלייגט דערין דאָס קינד. זי האָט אַוועקגעטראָגן דאָס קערבל מיטן קינד אויפן שפּיץ פון אַ הויכן באַרג און אַוועקגעלייגט עס אין אַ שפּאַלט פון פעלז. און זי איז געפאַלן אויף די קני, אויסגעשפּרייט די הענט קעגן הימל און געבעטן: גוטע, דערבאַרעמדיקע געטער! באַשיצט מיין זון פון מיין פאָטערס צאָרן! וואָרום צי דאַרף דען דאָס קינד ליידן פאַר מיינע זינד?

ווען זי האָט געענדיקט איר געבעט, האָט זי אַרויסגענומען דאָס קינד פון קאָרב און אים אָנגעטון דאָס גאָלדענע העמדל, וואָס זי האָט געטראָגן אין דער קינדהייט, כדי זי זאָל אים דערקענען, ווען ער וועט אויפוואַקסן.

אויך אַפּאָללאָ האָט זיך געשראָקן פאַרן גורל פון זיין זון. האָט ער גערופן זיין באַפליגלטן ברודער, הערמעס, וועלכער האָט אַרומגעשוועבט אָן אויפהער צווישן הימל און ערד, אויספירנדיק פאַרשידענע שליחותן פון די געטער.

און אַפּאָללאָ האָט געזאָגט צו זיין ברודער:

— ברודער! קרייזע, די טאָכטער פון ערעכטעאוס, דעם קעניג פון אַטען, אַ מענטשן-קינד, האָט געבוירן פאַר מיר אַ זון.

און איר פֿאָטער האָט געשוואוירן אים צו טויטן. באַווייז מיר, ברודער, דיין חסד און באַשערעם מיין זון פון זיינע פאַרפאָל·

הערמעס.

גער. פלי אַוועק צום באַרג, וואָס שטייט נעבן אַטען, וועסטו

אד

דאָרט אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלז געפינען מיין זון, שלאָפנדיק אין אַ קאָרב. זאָלסטו אים נעמען, ברענגען אים אין די שטאָט דעלפי און אַוועקלייגן אים ביים איינגאַנג פון דעם אָראַקול־טעמפל, וועל איך אים שוין אָפּהיטן.

הערמעס האָט געשפּרייט זיינע פליגל און אַוועקגעפלויגן. ער איז געקומען קיין אַטען, אויפגעזוכט דעם שפּאַלט אין פעלז, גענומען דעם קאָרב מיטן קינד און אַוועקגעטראָגן אין די שטאָט דעלפי. הערמעס איז אָנגעקומען קיין דעלפי אין דער צייט, ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און די שאָטנס האָבן באַדעקט די ערד. האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס קערבל ביים איינגאַנג פון אָראַקול־טעמפּעל און דאָס דעקל האָט ער אַראָפּגענומען, כדי די פאַרבייגייער זאָלן דערזען דאָס קינד.

די נאַכט איז פאַריבער, עס איז אויפגעגאַנגען די זון, און די פּריסטערין פונם אָראַקול איז געגאַנגען אין טעמפּעל אַריין, דערפילן איר הייליקע דינסט. דערזעענדיק ביים איינגאַנג אַ קאָרב מיט אַ שלאָפנדיק קינד, האָט זי אויסגעשטרעקט איר פוס, כדי אַוועקצורוקן דעם קאָרב פון דער שוועל פונם טעמפּעל. נאָר איינקוקנדיק זיך אין קינד און דערזעענדיק די געטלעכע הערלעכקייט, וואָס האָט גערוט אויף זיין פּנים, האָט זי צו אים ליבהאַרציק אַ שמייכל געטון און איר האַרץ איז פול געוואָרן מיט רחמנות. זי האָט צוגענומען דאָס קינד צו זיך און איז געוואָרן פאַר אים אַ מוטער. זי האָט אים אויפגעצויגן, געלערנט אים מוסר, און ער איז אויפגעוואַקסן פאַר גאָט און פאַר לייט. ער איז געוואָרן אַ שיינער יונגערמאַן און האָט געדינט אינם טעמפּעל פון אַפּאָללאָ. די איינוואוינער פון דעלפי האָבן אים באַשטימט אַלס שאַצמייסטער פונם טעמפּעל.

עס איז אַדורך אַ לאַנגע צייט, און אַפּאָללאָ איז נישט געקומען צו זיין פרוי. האָט זיך קרייזע געטראַכט: ס'ווייזט אויס, מיין מאַן האָט מיך פאַרגעסן און פאַרלאָזט. זי האָט עס זיך גענומען צום האַרצן און זער טרויעריק געוואָרן, וואָרום זי איז געבליבן איינזאַם אַליין, אָן מאַן און קינד. ווען ערעכטעאוס איז

געוואָר געוואָרן וועגן דעם, איז ער געוואָרן מילדער און האָט זי

אפּאָללאָ.

צוריק אַרייננעגנומען אין זיין פּאַלאַץ. האָט קרייזע געוואוינט אין

איר פאָטערס הויז, אַלעבעדיקע אַלמנה, אַן איינזאַמע און פאַרלאָזענע.

אין יענער צייט איז געווען אַ מלחמה צווישן די אַטענער און די איינוואוינער פון דער אינזל עבעאַ. די מלחמה איז געווען אַ שווערע און האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, ווייל די איינוואוינער פון דער אינזל זענען געווען קריגסלייט, געניט אין קאַמף און אומדערשראָקן. זיי האָבן אָנגעטון פיל צרות די איינוואוינער פון אַטען.

ווען די אַטענער האָבן איינגעזען, אַז זיי שטייען שלעכט, האָבן זיי אויסגערופן אַ פאַסט-טאָג און געבעטן צו די געטער פון אָלימפּוס, זיי זאָלן זיי בייַשטיין אינם אומגליק. און זיי האָבן אַרויסגעשיקט אַ שליח, ער זאָל אויסרופן אין יעדער שטאָט: דער קעניג לאָזט וויסן: דער מאַן, וואָס וועט בייקומען די עבעער, וועט באַלוינט ווערן מיט אַ גרויס עשירות און וועט באַקומען פאַר אַ ווייב דעם קעניגס טאָכטער, קרייזע. איז געקומען קסוטוס, דער זון פון עאָל[1]) און אייניקל פון צעאוס, וועלכער האָט ערשט נישט לאַנג פאַרלאָזט אַכעאַ און זיך באַזעצט אין אַטען, געשטעלט זיך פאַרן קעניג און געשוואוירן: זאָל מיך צעאוס באַשטראָפן, אויב איך וועל נישט שלאָגן דיינע פיינט און זיי אונטערטעניק מאַכן צו דיר.

קסוטוס האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון קעניגס מיליטער, אַרויסגעלאָזט זיך קעגן די עבעער, צעשלאָגן זיי און זיי צעיאָגט אויף אַלע זייטן.

דער קעניג האָט מקיים געווען זיין צוזאָג, געשאָנקען קרוטוסן פיל גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער און געגעבן אים קרייזען פאַר אַ פרוי. קרייזע האָט נישט אויסגעזאָגט קסוטוסן, אַז אַפּאָללאָ איז איר מאַן און אַז זי האָט געהאַט פון אים אַ זון, וואָרום אַזוי האָט איר באַפוילן דער פּטור.

---

[1]) דער גאָט פון די ווינטן.

מיט דער צייט האָט קרייזע פאַרגעסן אַפּאָלאָן און ליב געקריגן איר מאַן קסוטוס. האָט דאָס פאַרדראָסן אַפּאָלאָן און ער האָט געמאַכט, זי זאָל נישט האָבן קיין קינדער. קרייזע איז געגאַנגען האַלטן אַן עצה מיט די געטער, וואָרום זי האָט זיך געטראַכט: אויב איך האָב נישט קיין קינדער, וואָס טויג מיר דאָס לעבן? האָבן איר די געטער געענטפערט: גיי קיין דעלפי צום אָראַקול פון אַפּאָלאָ, ברענג אויף פאַר אים אַ קרבן, וועט ער דיר געבן אַ זון. קרייזע האָט צוגערעדט איר מאַן, ער זאָל גיין מיט איר קיין דעלפי, אויפברענגען קרבנות אויפן אַלטאַר פון אַפּאָלאָ, אפשר וועט זי געבוירן קינדער. האָט איר קסוטוס געפאָלגט און איז אַוועק מיט איר אין די שטאָט דעלפי.

אויפן וועג קיין דעלפי האָט קסוטוס אָפּגעטרעטן אין הויז פון טראָפאָניוס[1]) כדי צו האַלטן אַן עצה מיט זיין אָראַקול. אַלע זייערע באַגלייטער און קנעכט זענען מיטגעגאַנגען מיט קסוטוסן,

---

1) טראָפאָניוס און זיין ברודער אַגאַמעדעס זענען געווען צוויי באַרימטע בוימייסטער, וואָס האָבן געבויט די שאַצקאַמער פון עריוס, דעם קעניג פון דעלפי. אין איינער פון די ווענט פון דער געביידע האָבן זיי מיט אַ כיוון אַריינגעזעצט אַ שטיין, וועלכער האָט זיך געלאָזט אַרויסרוקן, און זיי האָבן זיך דערמיט באַנוצט, כדי פון צייט צו צייט אַריינצוגנבענען זיך אין פּאַלאַץ, און האָבן צוגענומען פיל גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער. עריוס האָט געהייסן אַריינשטעלן אין שאַצקאַמער אַ נעץ, און אַגאַמעדעס איז געפאַנגען געוואָרן. דערזעענדיק, אַז ער וועט זיך שוין נישט קאָנען ראַטן, האָט ער געבעטן דעם ברודער, ער זאָל אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ. און טראָפאָניוס האָט אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז טראָפאָניוס איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד, און אויף דעם זעלבן אָרט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אָראַקול-טעמפּל. אין דעם דאָזיקן טעמפּל האָט מען געמוזט אַריין און אַרויסגיין דורך אַ שמאָלע הייל, קריכנדיק אויפן בויך. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז די, וואָס האָבן געהאַלטן אַן עצה מיט טראָפאָניוסעס אָראַקול — זענען אויף שטענדיק געבליבן טרויעריק.

אַזוי אַז קרייזע איז געבליבן איינע אַליין. פּלוצלונג האָט זי דער־זעען איינעם אַ יונגעמאַן, וואָס איז איר געקומען אַ קעגן; ער איז געווען אַ שיינער, אַ שלאַנקער און געהאַלטן אין האַנט אַ בינטל לאָרבער־צווייגן, וועלכע ער האָט טאָג־טעגלעך אָפּגעריסן, כדי צו באַפּוצן מיט זיי די זיילן פון טעמפּל.

דער זון פון אַפּאָלאָ האָט דערזעען אַן אָנשטענדיקע פרוי, וועלכע גייט צו צום טעמפּל, וויינענדיק מיט טרערן, האָט ער רחמנות געהאַט און זי געפרעגט:

— נעם מיר נישט פאַר אומגוט, אויב איך וועל מיר דער־לויבן צו שטעלן דיר אַ פראַגע: זאָג מיר, וואָס איז די סבה פון דיין וויינען?

האָט קרייזע אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— ווייַן מיט מיר, מיין טייערער, וואָרום מיין אומגליק איז אומענדלעך ווי דער ים, און די געטער ווילן נישט אויסהערן מיין געבעט.

האָט דער בחור ווידעראַמאָל געפרעגט:

— זאָג מיר, חשובע פרוי, ווער ביסטו און ווי איז דיין נאָ־מען?

קרייזע האָט געענטפערט:

— איך בין קרייזע, די טאָכטער פון ערעכטעאוס, דעם קעניג פון אַטען.

דאַן האָט דער בחור אויסגערופן מיט פרייד:

— זיי געבענטשט און געבענטשט זאָל זיין דיין קומען אין טעמפּעל, טאָכטער פון ערעכטעאוס. דיין לאַנד איז דאָך די קרוין פון אַלע לענדער, דיין פאָטער איז באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט און דיין שטאַם איז אַ ברכה פאַר אַלע פעלקער. און יעצט, חשובע פרוי, זיי מיר מוחל פאַר מיינע פראַגן: צי איז אמת דאָס אַלץ, וואָס דאָס פאָלק דערציילט וועגן דיין משפחה? איך האָב דאָך געהערט זאָגן, אַז דיין זיידע איז אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד, אַזוי ווי ס'וואַקסט אַרויס גראָז; און אַז פּאַלאַס אַטענע

האָט אים גענומען אַלס קינד, אַריינגעזעצט אים אין אַ קעסטל און באַשטימט צוויי מאָנסטרומס, זיי זאָלן אים היטן; דאָס קעסטל האָט זי איבערגעגעבן צו די טעכטער פון קעקראָפּס,[1] און האָט זיי באַפוילן, זיי זאָלן עס היטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ און עס קיינמאָל נישט עפענען. די מיידלעך זענען אָבער געווען זער ניי־געריק, האָבן זיי געעפנט דאָס קעסטל. זיי זענען משוגע געוואָרן און זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דעם שפּיץ פעלז, אויף וועלכן זייער געבורטשטאָט איז געשטאַנען, אַראָפּ אין אַ טיפן אָפּגרונט. צי איז אמת דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געהערט?

קרייזע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און האָט שטיל געשוויגן, וואָרום די מעשה וועגן איר זיידן האָט איר דערמאָנט אָן איר אייגענעם זון און דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט איר שמערץ. דערבאַ איז איר אָבער נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס רעדט זי מיט איר אייגענעם זון.

און דער יונגערמאַן האָט נאָך ווייטער געפרעגט:

— זאָל דיך נישט פאַרדריסן, חשובע פרוי, וואָס איך פרעג אַזויפיל: צי איז עס אמת, אַז דיין פאָטער ערעכטעאוס האָט פאַרן אַרויסלאָזן זיך מלחמה האַלטן מיט די פיינט, אַ נדר געטון, מקריב צו זיין זיינע טעכטער צו די געטער, אויב זיי וועלן אים

---

1) קעקראָפּס איז געווען אַן עגיפּטער, וואָס איז געקומען קיין גריכנלאַנד. ער איז געווען דער גרינדער און געזעצגעבער פון קעניגרייך אַטען. ער האָט אויסגעלערנט די גריכן צו דינען די געטער, ער האָט אויסגעפיינט זייערע זיטן און אָפּגעשאַפט מענטשלעכע קרבנות. ער האָט געהאַט דריי טעכטער: אַלגאָראַ, האָרסאַ און פאַנדראָזאַ. הערמעס, דער שליח פון די געטער, האָט געוואָלט באַקומען האָרסאַן. האָט ער צוגעזאָגט אַלגאָראַן אַ מתנה, אויב זי וועט אים איבערגעבן די שוועסטער. אַלגאָראַ האָט איינגעשטימט און מיט דער הילף פון פאַנדראָזאַן האָט זי אויסגעפירט די שלעכטע טאַט. דאָס האָט פאַרדראָסן פאַלאַס אַטענע, און זי האָט געשוואוירן זיך נוקם צו זיין אין זיי. זי האָט איר שבועה געהאַלטן.

העלפן בייקומען די שונאים? און ווי אַזוי דאָס ביסטו גערעטעט געוואָרן?

— איך בין נאָך געווען קליין — האָט קרייזע געענטפערט — און די מאַמע האָט מיך נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון אירע אָרעמס.

האָט דעו בחו, ווייטער געזאָגט

— איך פרעג שוין אַזויפיל, וועל איך פרעגן נאָך עפעס:

איז עס אמת, אַז פּאָסעידאָן האָט מיט זיין דריי־שפּיציקן שפּיז בייגעקומען דיין פאָטער, און די ערד האָט געעפנט איר שויס און דיין פאָטער איינגעשלונגען? צי איז עס אמת, אַז נעבן דעם אָרט, וואו דיין פאָטער איז איינגעזונקען געוואָרן, איז פאַראַן אַ פעלז, וואָס איז באַזונדערס באַליבט ביי אַפּאָללאָן?

— איך בעט דיך, פרעמדער, הער אויף! — האָט אים קרייזע איבערגעשלאָגן — רעד נישט וועגן דעם פעלז, ווייל ער דערמאָנט מיר וועגן אַ פאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אַמאָל אויף אים.

און ביידע האָבן געשוויגן אַ ווייל. דערנאָך, ווען דער יונגערמאַן האָט איר דערציילט, אַז ער איז אַ פּריסטער אין טעמפּל, איז זי אויך געוואָרן אָפנהערציקער און אויסגעזאָגט, אַז זי איז די פרוי פון קסוטוס און אַז זי איז געקומען מיט איר מאַן קיין דעלפי, כדי צו בעטן ביי אַפּאָללאָן אויף קינדער.

— צי האָסטו קיין קינדער נישט? — האָט געפרעגט דער יונגערמאַן מיט גרויס מיטלייד.

— ניין — האָט קרייזע געענטפערט — הלואי וואָלט איך גע־האַט אַזאַ זון, ווי דו, וואָלט איך געווען די גליקלעכסטע צווישן די פרויען. זאָג מיר דעם נאָמען פון דיין מוטער וועל איך איר שיקן אַ געשאַנק.

— אַך, — חשובע פרוי! — האָט דער יונגערמאַן אויסגערופן מיט טרויער — איך ווייס נישט, ווער מיין פאָטער איז און איך קען נישט מיין מוטער, איך ווייס אַפילו נישט, ווי אַזוי איך בין געקומען אַהער. איך בין אַ געפונען קינד. די פּריסטערין פון טעמפּל האָט מיך געפונען, דערבאַרעמט זיך איבער מיר, אַריינגענומען מיך

אין איר הויז און מיך אויפגעצויגן. אַזוי איז דער טעמפּל געוואָרן מיין היים, און אַפּאָלאָ — מיין גאָט און באַשיצער.

האָט דאָס שטאַרק פאַרוואונדערט קרייזען, און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן. זי האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן און געזאָגט:

—איך קען אַ פרוי, וואָס דער גורל פון איר זון איז ענלעך צו דיין גורל. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מיין שטאָט, איז געקומען צו מיר די פרוי און מיך געבעטן, איך זאָל מיך ווענדן פאַר איר צום אָראַקול. פאַר דיר האָב איך נישט קיין מורא אויסצוזאָגן איר סוד, וואָרום דו דינסט דאָך ביים גאָט; נאָר היט זיך און זאָלסט עס נישט אויסזאָגן פאַר איר מאַן, וואָס איז יעצט געגאַנגען צום אָראַקול פון טראָפאָניוס,—ווייל דאָס גייט אין איר לעבן.

—און יעצט—האָט קרייזע ווייטער געזאָגט—הערך אויס, וואָס די פרוי האָט מיר דערציילט. זי האָט מיר געזאָגט אַזוי: ווען איך בין אַלט געווען אַכצען יאָר, האָט זיך צו מיר באַוויזן אַפּאָלאָ. איך האָב אים ליב געקריגן און בין געוואָרן זיין פרוי, נישט פרעגנדיק ביי מיין פאָטער. אין אַ יאָר אַרום האָב איך אים געבוירן אַ זון. אַזוי ווי איך האָב מיך געשראָקן פאַרן צאָרן פון מיין פאָטער, האָב איך באַהאַלטן מיין זון אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלז. פון יענעם טאָג אָן ווייס איך גאָרנישט וועגן אים, איך ווייס נישט, צי ער לעבט, צי נישט. אויב דו ווילסט טון מיט מיר אַ חסד, פרעג זיך אָן ביים אָראַקול פון אַפּאָלאָ וועגן גורל פון מיין זון

—צי האָט דאָס פּאַסירט מיט אַ לאַנגע צייט צוריק?

—אויב ער לעבט, וועט ער זיין אין דיינע יאָרן.

דער יונגערמאַן איז בלאַס געוואָרן און געזאָגט:

—ריכטיק! מיין גורל איז ענלעך צום גורל פון דער פרוי, וועגן וועלכן דו רעדסט. זי זוכט איר זון און איך זוך מיין מוטער. די זאַך האָט אָבער פּאַסירט אין אַ ווייט לאַנד. איך בין איר פרעמד. און דו זאָלסט נישט מיינען, חשובע פרוי, אַז אַפּאָלאָ וועט דיר ענטפערן אויף דיין פראַגע. דו וועסט אים דאָך

דערמאָנען מיט דיין פראַגע וועגן דעם פעררעט, וואָס ער איז באַנאַנגען קעגן זיין פרוי, און צי וועט ער וועלן משפטן זיך אַליין?

האָט קרייזע אָנגעשריגן אויף אים און געזאָגט:

— הער אויף צו ריידן אַזעלכע רייד! זאָלסט נישט ריידן שלעכטס וועגן די געטער!

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דאָס בריקן פון פערד. קרייזע האָט זיך אומגעקוקט: דאָס איז אָנגעקומען קסוטוס מיט זיינע באַגלייטער. האָט קרייזע געזאָגט צום יונגענמאַן: אָט דערנענטערט זיך צו אונז דער מאַן פון דער פרוי. נאָר זאָלסט זיין געהיטן און געוואָרנט, נישט אויסצוזאָגן אים דעם סוד פון זיין אומגליקלעכער פרוי.

דערווייל איז צוגעקומען קסוטוס, אַ פרייילעכער און אַ לוסטיקער, און אויסגערופן מיט שמחה:

— פריי זיך, מיין פרוי, וואָרום איך ברענג דיר אַ גוטע בשורה! די פריסטערין פונם אָראַקול האָט מיר געזאָגט אַזוי: דו וועסט שוין נישט בלייבן אַליין, אָן קינדער.

דערזעענדיק דעם יונגענמאַן, האָט קסוטוס געפרעגט:

— ווער איז דער דאָזיקער יונגער מענטש, וואָס עס רוט אויף אים אַ געטלעכע הערלעכקייט? צי איז ער אַ פּריסטער ביי גאָט?

דער יונגערמאַן האָט זיך חנעוודיק פאַרנייגט און געזאָגט:

— איך בין נישט קיין פריסטער, נאָר איך בין אַ באַדינער אין אַפּאָללאָס טעמפּל און יעצט, האַר קעניג, גיי שנעל אַריין אין קדשי-קדשים, וואָרום אַלע שרים און חשובע לייט פון דעלפי האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט אַרום דעם דרייפיס-בענקעלע[1], און די

---

[1]) די פריסטערין פון אַפּאָללאָס אָראַקול, פיטיאַ, וועלכע האָט נביאות געזאָגט וועגן דער צוקונפט, איז בעת איר דינסט געזעסן אויף אַ דרייפיסיק בענקלע.

פריסטערין טרעט־צו צו טון איר הייליקע דינסט.

דערהערנדיק דאָס, האָט קסוטוס געהייסן זיין פרוי אָנצירן זיך מיט פרישע צווייגלעך, אַזוי ווי ס׳האָבן געטון אַלע מתפּלל׳ים, און צוטרעטן צו אַפּאָללאָס אַלטאַר. דער אַלטאַר איז געשטאַנען אין הויף פון טעמפּל, אונטערן פרייען הימל, און איז געווען באַדעקט אַרום און אַרום מיט לאָרבער־בלעטער. קרייזע איז צוגעגאַנגען צום אַלטאַר, אויסגיסן איר געבעט פאַר אַפּאָללאָן, ער זאָל זיך דערבאַרמען איבער איר און געבן איר קינדער. קסוטוס אָבער איז אַריין אין טעמפּעל. און דער יונגערמאַן איז געשטאַנען אויף זיין שטענדיקן אָרט, ביים איינגאַנג פון הייליקן הויז.

פּלוצלונג האָט זיך די טיר פון טעמפּל אָן עפן געטון מיט שטורם. דער יונגערמאַן האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזעען, ווי קסוטוס לויפט־צו צו אים מיט געשפּרייטע אָרעמס. און קסוטוס האָט גענומען האַלזן און קושן דעם יונגענמאַן און צודריקן אים צום האַרצן און האָט גערופן: מיין טייערער זון! דער יונגערמאַן האָט געמיינט, אַז דער קעניג איז אַראָפּ פון זינען, און האָט געפּרובט אים צו באַרויקן.

נאָר דער קעניג האָט הויך אויסגערופן:

— אַפּאָללאָ האָט מיר געזאָגט אַזוי: דעם ערשטן מענטשן, וועלכן דו וועסט באַגעגנען, אַרויסגייענדיק פון מיין טעמפּל, זאָלסטו נעמען פאַר אַ זון, ווארום די געטער האָבן דיר אים געגעבן. און צי קאָן איך טון אַנדערש, ווי אַפּאָללאָ האָט באַפוילן? ער איז דאָך אַ גאָט, און זיין ווילן איז הייליג.

האָט זיך אויך דער יונגערמאַן דערפרייט, אַרומגעהאַלזט זיין פאָטער און זיך דערבאַ געטראַכט: וואו ביזטו, מוטער מיינע? ווי דערלעב איך שוין צו זען דיינע זיסע אויגן. דערנאָך ווידער איז ער געוואָרן אומרויק, ווייל ער האָט זיך געטראַכט: זיין פרוי איז דאָך אַן עקרה, צי וועט זי מיך וועלן אָננעמען פאַר אַ זון? און צי וועלן איינווויליקן די איינוואוינער פון אַטען, אַז נאָכן טויט פון קסוטוס זאָל איך איבערנעמען די מלוכה?

קסוטוס האָט באַמערקט דעם טרויער פון זיין זון, האָט ער אים געזאָגט:

— איך ווייס, פאַרוואָס דו שרעקסט זיך. נאָר זיי רויק, מיין זון, און הער אויף צו טרויערן, וואָרום איך וועל גאָרנישט זאָגן פאַר מיין פרוי און דינער, ביז איך וועל צוטראַכטן עפּעס אַן עצה. זאָלן זיי דיך האַלטן דערווייל פאַר אַ פרעמדן. און מיר וועלן שוין זען, וואָס מיר האָבן צו טון.

און קסוטוס האָט אָנגעזאָגט די דינער און דינערינס, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט: אויב איר וועט דערציילן מיין פרוי, וואָס איר האָט דאָ געזעען, וועט איר ווערן געטויט.

די זאַך האָט זער פאַרדראָסן די דינער און דינערינס פון קסוטוסן, ווייל זיי האָבן זער געליבט און געשעצט זייער האַרין קרייזע, און זיי האָבן באַשלאָסן נישט צו רעכנען זיך מיט גאָרנישט און אויסצוזאָגן קרייזען, וואָס זיי האָבן געזעען.

קרייזע איז דערווייל געשטאַנען אויף די קני פאַרן אַלטאַר פון אַפּאָללאָ, געוויינט און הייס געבעטן. פּלוצלונג האָט זי דערהערט ראַשע טריט הינטער זיך. זי האָט זיך אומגעקוקט, האָט זי דערזעען די דינערינס, וועלכע זענען צוגעלאָפן צו איר, האַלטנדיק די הענט אויפן קאָפּ און וויינענדיק און כליפּנדיק:

— ווי צו אונז, האַרין, דיין האָפנונג צו האָבן אַ זון איז פאַרלוירן, וואָרום אָט האָט אַפּאָללאָ אומגעקערט צו דיין מאַן דעם זון, וואָס איז אים געבוירן געוואָרן מן־הסתם מיט פיל יאָרן צוריק. דער מלך האָט זיך זער געפרייט, האָט אָנגערופן זיין זון מיטן נאָמען יאָן און זיך אַוועקגעלאָזט מיט אים אין טעמפּעל פון דיאָניזאָס, צו ברענגען אים אַ דאַנק־אָפּפער פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט אים באַוויזן, העלפנדיק אים צו געפינען זיין זון. און דו, אומגליקלעכע און פאַרשטויסענע האַרין־קעניגין, וועסט נעבעך בלייבן איינזאַם און פאַרלאָזן ביזן לעצטן טאָג פון דיין לעבן.

דאָס נייע אומגליק האָט געטראָפן קרייזען, ווי אַ דונער, זי איז פאַרזונקען אין אומעטיקע געדאַנקען און האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין דאָס וואונדערלעכע רעטעניש.

דאַן האָט קרייזע געפרעגט אירע דינערינס:

—ווער איז דער זון, וואָס אַפּאָללאָ האָט צוריקגעגעבן צו מיין מאַן, און ווי הייסט זיין מוטער?

— ער איז דער וועכטער פונם טעמפּעל, מיט וועלכן דו האָסט גערעדט מיט אַ קורצע צייט צוריק, און זיין מוטער קענען מיר נישט.

און פון צווישן די פיל קנעכט, וואָס זענען אויך צוגעגאַנגען צו קרייזען, איז אַרויסגעטרעטן איינער אַן אַלטער מאַן, דער שר המשקים פונם קעניג און אַ געטרייער דינער צו דער פאַמיליע פון ערעכטעאוסן, און געזאָגט:

— האַרין! דער קעניג איז באַגאַנגען קעגן דיר אַ שרעקלעכן פאַרראַט און אַ גרויסע זינד. אויב דו וועסט גאָרנישט האָבן קעגן דעם, וועל איך געבן דעם זון פון דיין מאַן אויסצוטרינקען סם, און זאָל ער באַקומען זיין שטראָף.

האָט קרייזע נישט געפונען, וואָס צו זאָגן, און האָט איינגעשטימט צום פאָרשלאַג פון קנעכט.

דערווייל זענען קסוטוס און יאָן אַרויסגעקומען פון אַפּאָללאָס טעמפּעל און זענען אַוועק אויפן טאָפּעלטן שפּיץ פון פּאַרנאַס, צו באַטייליקן זיך אין די שפּילן, וואָס די איינוואוינער פון דעלפי האָבן דאָרט איינגעאָרדנט לכבוד דיאָניזאָסן. קסוטוס האָט אויפגעבערענגט צו דיאָניזאָסן אַ דאַנק־אָפּפער און באַגאָסן דעם קרבן מיט וויין. און די קנעכט האָבן געשפּרייט אַ פּרעכטיק געצעלט, באַצירט אים מיט טעפּיכן, וועלכע זיי האָבן געבערענגט פון אַפּאָללאָס טעמפּעל, און געגרייט טישן.

און דער קעניג האָט געמאַכט אַ גרויסע מאָלצייט פאַר אַלע איינוואוינער פון דעלפי. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגיין.

ווען די געסט האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט וויין, האָט דער שר המשקים געהייסן די טראָמפּייטער בלאָזן אין טראָמפּייטן, און די קנעכט האָט ער געהייסן אַראָפּנעמען די גלעזער פון טיש און אַרויפשטעלן אָנשטאָט זיי גאָלדענע און זילבערנע שאָלן. די טיי־

ערסטע שאָל האָט ער אָנגעגאָסן מיט ווײַן און אַרײַנגעשיט דע רין סם. דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צו יאָנען, געבוקט זיך פֿאַר אים, אָפּגעגאָסן עטלעכע טראָפּן ווײַן לכבוד די געטער און דערלאַנגט דעם יונגענמאַן די שאָל. אין דער זעלבער צײַט האָט איין קנעכט אָן אַ כיוון אַ שטויס געטון אַ צווייטן קנעכט, און זיי האָבן גענומען שעלטן איינער דעם אַנדערן.

יאָן אָבער, וועלכער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין גאָטס הויז, האָט דערין געזעען אַ וואָרנונג פֿון די געטער, האָט ער שנעל אויסגעגאָסן דעם ווײַן אויף דער ערד אַראָפּ. ער האָט געגעבן אַ צייכן צו אַן אַנדערן קנעכט, ער זאָל ברענגען אַן אַנדערע שאָל ווײַן. דער קנעכט האָט אַזוי געטון. האָט יאָן גענומען דעם ווײַן און אים געגאָסן אַלס אָפּפער פֿאַר די געטער. די געסט האָבן דאָס געזעען, האָבן זיי אויך אַזוי געטון, האָבן אַלע געגאָסן ווײַן און געלויבט די געטער.

פֿלוצלונג איז געקומען צו פֿליען אין געצעלט אַרײַן די סטייע הייליקע טויבן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין טעמפּל פֿון אַפּאָללאָ. זיי זענען אַראָפּגעפֿידערט אויף דער ערד און אויסגעזופּט מיט זייערע שנאָבלען דעם זיסן ווײַן.

אַלע טויבן האָבן געטרונקען דעם ווײַן און ס'האָט זיי נישט פּאַסירט קיין שלעכטס, איינע אָבער האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די פֿליגל און צו צאַפּלען מיטן גאַנצן לײַב, וואָרום זי האָט געטרונקען פֿון דעם פֿאַרסמטן ווײַן. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי אַנידערגעפֿאַלן טויט, וואָס ס'האָט שטאַרק איבערראַשט יאָנען און אַלע געסט. יאָן איז אויפגעשפּרונגען פֿון זײַן אָרט, אָנגעכאַפּט דעם שר-המשקים און געשריגן:

— זאָג מיר, אַלטער, פֿאַרוואָס האָסטו מיך געוואָלט אומברענגען? ווער האָט דיך אָנגערעדט, מיך צו פֿאַרגיפֿטן?

האָט זיך דער קנעכט מודה געווען, אַז ער האָט דאָס געטון לויטן באַפֿעל פֿון קרייזען.

דאַן איז יאָן שנעל אַרויס פֿין געצעלט, אַלע געסט זענען מיטגעגאַנגען מיט אים, און זיי האָבן דערבאַ געזידלט און גע-

שאָלטן קרייזען, יאָן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אונטערן פרייען היכל, אויפגעהויבן די הענט און אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע איינוואוינער פון דעלפי האָט ער אָפּגעגעבן אַ שבועה:

— איך נעם פאַר עדות היכל און ערד, אַז די טאָכטער פון ערעכטעאוס האָט מיך געוואָלט אומברענגען און געהייסן אַרייַנ־שיטן סם אין מיין בעכער.

און אַלע געסט האָבן אויסגערופן אין איין קול:

— מיר וועלן פאַרשטיינען די מרשעת מיט שטיינער און אָפּמעקן איר אָנדענקן פון דער ערד!

און זיי זענען אַלע אַוועק, מיט יאָנען אָן דער שפּיץ, זיך נוקם צו זיין אָן קרייזען. קסוטוס אַליין איז אויך מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן פאָלק.

קרייזע איז דערווייל געשטאַנען ביים אַלטאַר פון אַפּאָללאָ און געוואַרט אויף אַ ידיעה, צי די מאָרד־טאַט איז געלונגען. דער־זעענדיק דעם צאָרנדיקן עולם, וואָס האָט זיך דערנענט צו איר, מיט יאָנען אָן דער שפּיץ, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דער פּלאַן איז ענטדעקט געוואָרן און אַז דאָס וויל מען זיך נוקם זיין אָן איר. האָט זיך קרייזע פעסט אָנגעהאַלטן אָן די קאַנטן פונ־אַלטאַר. יאָן האָט געוואָלט נעמען קרייזען און אַראָפּוואַרפן זי פון אַ הויכן פעלז אין טיפן אָפּגרונט; נאָר אַפּאָללאָ האָט גע־לאָזט הערן זיין שטים צו דער פּריסטערין פון זיין טעמפּל און האָט צו איר געזאָגט: גיי שנעל צום אַלטאַר און זאָלסט מציל זיין קרייזען פון די הענט פון איר זון יאָן, וואָס זי האָט פאַר מיר געבוירן.

איז די פּריסטערין שנעל געגאַנגען, גענומען דעם קאָרב, אין וועלכן זי האָט געפונען דאָס קינד, און געבראַכט צום אַלטאַר.

דערזעענדיק די פּריסטערין, איז יאָן צוגעגאַנגען צו איר און דערציילט איר די גאַנצע געשעעניש.

און די געסט האָבן געהאַלטן אין איין שרייען: אַ טויט דער מרשעת.

נאָר די פּריסטערין האָט געזאָגט:

— הערט אויף, באַשמוצט נישט אייערע הענט מיט בלוט! און דו, מיין זון, קוק אָן דעם קאָרב, וועלכן איך האַלט אין דער האַנט: אין דעם דאָזיקן קאָרב האָב איך דיך געפונען מיט פיל יאָרן צוריק, און ער וועט דיר אויסזאָגן, ווער עס איז דיין מוטער.

דערזעענדיק דעם קאָרב, איז קרייזע צוגעלאָפן צו יאָנען, גענומען אים האַלזן און קושן, און זי האָט גערופן: מיין זון, מיין טייערער זון! און זי האָט געוויינט פאַר פרייד. יאָן איז געבליבן, ווי צוגעשמידט צום אָרט און האָט איר נישט געוואָלט גלויבן.

קרייזע אָבער האָט געזאָגט:

— זאָלן עדות זאָגן די וויקעלעך, וואָס געפינען זיך אין קאָרב, אַז איך בין דיין מוטער. איך האָב דאָך זיי אַליין געשטריקט און אַליין באַפּוצט און באַצירט. נעם אַרויס די וויקעלעך און שפּרייט זיי אויס, וועסטו זעען אויסגעשטריקט אויף זיי דעם קאָפּ פון אַ גאָרגאָנע מיט שלאַנגען.

יאָן האָט אויסגעשפּרייט די וויקעלעך, האָט ער איינגעזען, אַז ס'איז טאַקי אַזוי, ווי קרייזע האָט געזאָגט.

און קרייזע האָט נאָך צוגעגעבן:

— זוך נאָך אין קאָרב, וועסטו געפינען די גאָלדענע שרעקן־חיהלעך, וואָס איך האָב אָנגעהאָנגען דעם קינד אויפן האַלז, כדי אים צו היטן פון שלעכטס, ווייל אַזוי איז מען זיך נוהג אין אונדזערע ערטער, צום אָנדענקען פון די מאָנסטרומס, וואָס האָבן געהיטן ערעכטעאוסן.

יאָן האָט גענומען זוכן מיט אומגעדולד און האָט געפונען די גאָלדענע שרעקן־חיהלעך.

צום סוף האָט נאָך קרייזע געזאָגט:

— נאָך אַ סימן וועל איך דיר געבן. איך האָב אָנגעטון דעם קינד אויפן קאָפּ אַ קרענצל פון איילבירטן־צווייגלעך, וואָס ווערן קיינמאָל נישט פאַרוועלקט, וואָרום איך האָב זיי אָפּגעשניטן פונם בוים, וואָס אַטענע האָט איינגעפלאַנצט מיט אירע אייגענע

הענט.

אַז יאָן האָט געפונען דאָס קרענצל אויך, האָט ער שוין אויפגעהערט צו צווייפלען און האָט זיך זער דערפרייט. זיין שמחה איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַפּאָללאָס זון.

און די מוטער מיטן זון זענען צוגעפאַלן איינער צום אַנדערן, אַרומגעהאַלזט זיך און געדאַנקט די געטער פאַר זייער גנאָד.

דאַן האָט די פּריסטערין געבענטשט יאָנען מיט די ווערטער:

— מיין זון! זאָלסט געבוירן אַ צאָלרייך, מעכטיק פאָלק און זאָלסט זיין דער שטאַם-פאָטער פון שבט יאָניער.

און צו קסוטוסן און קרייזען האָט זי געזאָגט:

—זאָל אויף אייך קומען די ברכה פון די געטער! עס וועט געבוירן ווערן ביי אייך נאָך אַ זון, וועלכן איר וועט אַ נאָמען געבן דאָר—פון אים וועט אַרויסקומען דער שבט דאָריער.

נאָכדעם זענען קסוטוס, קרייזע און יאָן אַוועק קיין אַטען, און די דעלפיער האָבן זיי אָפּגעגעבן פיל כבוד און זיך מיט זיי האַרצלעך געזעגנט.





9.

איקאַר און דעדאַל.

אין דער שטאָט אַטען האָט געלעבט איינער אַ מאַן פון ערעכטעאוסעס משפחה, מיטן נאָמען דעדאַל. דער מאַן איז געווען זער געניט אין אַלערליי קונסט-אַרבעט און ס׳איז נישט געווען די זאַך, וואָס ער זאָל נישט קענען מאַכן. ער איז געווען באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט. פון אַלע מדינות זענען געקומען מענטשן, צו זען זיינע אַרבעטן. אָנקוקנדיק די פיגורן, וואָס דעדאַל האָט אויסגעהאַקט פון שטיין, האָט איטלעכער אויסגערופן, אַ פאַרוואונדערטער: דאָס זענען דאָך נישט קיין שטיין-פיגורן, נאָר לעבעדיקע וועזנס. און ווירקלעך, דעדאַל האָט אין זיינע ווערק אַריינגעגעבן דעם גייסט פון לעבן, אַזוי אַז זיי האָבן געזען מיט די אויגן, געגאַנגען מיט די פיס און געטון מיט די הענט אַלערליי אַרבעט. קיין שום אַנדערע סקולפּטאָרן אין אַטען האָבן אים נישט געקאָנט נאָכמאַכן: זייערע

פיגורן זענען געווען טויט און נישט געקאָנט רירן מיט קיין שום גליד.

מיט דער צייט איז דעדאַל געוואָרן אַלץ מער גע־ניט. נאָר צוזאַמען דערמיט איז אויך געוואַקסן זיין גאווה און ער האָט זיך געטראַכט : איך בין איינער און ווייטער קיי־נער.

דעדאַל האָט געהאַט אַ שוועסטער, וועלכע האָט געהאַט אַ זון מיטן נאָמען טאַלאָס. די שוועסטער האָט איבערגעגעבן דעם זון צו דעדאַלן, ער זאָל אים דערציען און אויסלערנען זיין קונסט. טאַלאָס איז געווען זער אַ פלייסיקער און אַ פעיקער און האָט אינגיכן איבערגעשטיגן דעם לערער. נאָך אַלס יונגל, האָט ער ערפונדן דאָס טעפער־ראָד. איינמאָל האָט טאַלאָס גע־פונען אַ באַק פון אַ שלאַנג ; ער האָט געפרובט צוזעגן מיט די שאַרפע ציין פון דער שלאַנג אַ דין שטיקל האָלץ ; ווען דאָס איז אים געלונגען, האָט ער געמאַכט פון אייזן אַ באַק, וואָס האָט אויסגעזען, ווי די באַק פון אַ שלאַנג, האָט אויסגעשניצט דערין שאַרפע ציין און די אייזערנע באַק האָט ער אָנגערופן „זעג״. די זעג האָט פאַרלייכטערט די מענטשן זייער אַרבעט, און טאַלאָס איז פון אַלעמען געוואָרן געשעצט און געבענטשט. דערנאָך האָט נאָך טאַלאָס ערפונדן דאָס טאָקער־ראָד, די האַק און פיל אַנדערע כלים, וואָס זענען נוצלעך פאַרן מענטש.

דעדאַל האָט מקנא געווען זיין שוועסטערן־זון, זיין שטאָלץ האָט זער געליטן, און ער האָט געטראַכט אומצוברענגען טאַ־לאָסן. איינמאָל איז דעדאַל פאַרבייגעגאַנגען צוזאַמען מיט טאַ־לאָסן פאַר אַ טיפן אָפּגרונט. האָט דעדאַל אַ שטויס געטון דאָס זאָרגלאָזע יונגל און אים אַראָפּגעשליידערט אין אָפּגרונט. טאַ־לאָס איז צעשמעטערט געוואָרן. דעדאַל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אָפּגרונט און צוזאַמענגעקליבן די גלידער פון טאַלאָסעס קער־פּער, כדי זיי צו באַגראָבן און אָפּצומעקן די שפּורן פונם מאָרד.

די פאַרבאַייער האָבן באַמערקט, אַז דעדאַל גראָבט אַ

גרוב אין טאָל, האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: דאָס
איז דאָך דעדאַל, דער באַרימטער סקולפּטאָר,—וואָס טוט ער
דאָרט זאונטן?

איינקוקנדיק זיך, האָבן זיי דערזעען, אַז דעדאַל באַגראָבט
אין גרוב ביינער פון אַ מענטש. האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז ער
האָט דערהרגעט זיין שוועסטערן-זון, און זיי האָבן אים געוואָלט
כאַפּן און איבערגעבן אין די הענט פון די ריכטער. איז דע-
דאַל אַנטלאָפן קיין אַטיקאַ און איז אַ לאַנגע צייט געווען נע
ונד. אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך באַזעצט אויף דער אינזל
קרעטאַ. מינאָס, דער קעניג פון קרעטאַ, האָט געהערט וועגן
אים, האָט ער אים פריינטלעך אויפגענומען און פאַרבעטן צו
זיך. אין יענער צייט האָט געוואוינט אויף רער אינזל אַ שרעקן
לעך מאָנסטרום—מינאָטויר, וואָס האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַ אָקס
און אַ לייב פון אַ מענטש. מינאָטויר איז געווען זער בלוטדור-
שטיק, ער האָט פאַרצוקט חיות און מענטשן און אָנגעטון דער
באַפעלקערונג פיל צרות. האָבן די קרעטער זיך געווענדעט צו
זייער קעניג, ער זאָל זיי באַשיצן פונם מאָנסטרום. מינאָס האָט
געלאָזט רופן דעדאַלן און אים געזאָגט: איך האָב געהערט,
אַז דו ביסט זער אַ קלוגער. העלף מיר אַרויס פונם אומגליק
און בוי-אויף אַ הויז, אין וועלכן איך זאָל קענען פאַרשפאַרן
מינאָטוירן. אויב דו וועסט דאָס טון, וועל איך דיר געבן אַ
גרויס עשירות.

האָט דעדאַל אויפגעבויט אַ גרויסן פּאַלאַץ, מיט זער פיל
צימערן און מיט גאַלעריעס, קאָרידאָרן און דורכגענג אָן אַ
צאָל. אַז מען איז אַריינגעגאַנגען אין פּאַלאַץ, איז שוין נישט
מעגלעך געווען צו געפינען קיין אַרויסגאַנג. דעדאַל האָט אָנ-
גערופן דעם פּאַלאַץ — לאַבירינט. דער קעניג האָט אַריינגע-
בראַכט מינאָטוירן אין מיטעלסטן צימער פונם לאַבירינט; דאָס
מאָנסטרום האָט גענומען בלאָנדזשען איבער די צימערן און
קאָרידאָרן, געזוכט אַן אויסגאַנג און נישט געפונען. אויף אַזאַ
אופן איז ער געבליבן פאַרשפאַרט. זיין שפּייז איז באַשטאַנען

פון זיבן בחורים און זיבן מיידלעך, וואָס די אַטענער האָבן געשיקט יעדעס יאָר אַלס מס פאַרן קעניג פון קרעטאַ.

מיט דער צייט האָט זיך דעדאַל פאַרבענקט צו זיין פאָטערלאַנד, איז ער געקומען צום קעניג און געבעטן, אָפּלאָזן אים אַהיים. דער קעניג האָט אים געזאָגט: בלייב דאָ נאָך אַ יאָר אָדער צוויי און איך וועל עס דיר פאַרגילטן. נאָר אַז דעדאַל האָט זיך איינגעשפּאַרט און דוקא געוואָלט אַהיים, האָט זיך דער קעניג צעבייזערט און איינגעזעצט אים אין תפיסה.

זיצנדיק אין תפיסה, האָט דעדאַל לאַנג נאָכגעטראַכט, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אויפצובויען אַ לופט-באַלאָן, וואָרום ער האָט זיך געקלערט: מינאָס איז אַ מעכטיקער קעניג, ער הערשט איבער דער יבשה און איבערן ים, איבער דער לופט אָבער האָט ער נישט קיין שליטה.

און דעדאַל האָט אָנגעהויבן צו טון זיין פאַרבאָרגענע אַרבעט. ער האָט צונויפגעקליבן פיל פעדערן און זיי אויסגעסדרט אין אַ ריי, אָנהויבנדיק פון די קליינע און ענדיקנדיק מיט די גרויסע. ער האָט באַהאָפטן די פעדערן מיט דיקע פאָדעמס און צוזאַמענגעקלעפּט זיי מיט וואַקס, אַזוי, אַז זיי האָבן באַקומען די געשטאַלט פון אַ פליגל.

דעדאַל האָט געהאַט אַ זון מיטן נאָמען איקאַר; דער דאָזיקער איקאַר האָט צוגעהאָלפן דעם פאָטער ביי דער אַרבעט. ער האָט געקנעטן וואַקס, דערלאַנגט דעם פאָטער די פעדערן און זיך דערבאַ געפרייט, ווי אַ קינד פרייט זיך מיט זיינע שפּילזאַכן. דעדאַל האָט אים נישט געשטערט אין דער שפּילעריי, כאָטש דער קליינער האָט טיילמאָל קאַליע געמאַכט זיין מלאכה. נאָכדעם ווי דעדאַל האָט פאַרענדיקט זיין שווערע אַרבעט, האָט ער זיך אָנגעבונדן די פליגל אָן די אַקסלען און געפּרובט אויפהויבן זיך אין דער לופט. ער האָט גענומען פליען ווי אַ פויגל און איז באַלד פאַרשוואונדן צווישן די וואָלקנס.

צופרידן פון זיין אויפטו, האָט זיך דעדאַל צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, גענומען דאָס צווייטע פּאָר פליגל, וואָס

ער האָט געמאַכט פאַר איקאַרן, און געלערנט זיין זון פליען, דערבאַ האָט ער אים אָבער אָנגעזאָגט:

— הערך אויס, מיין זון, מיינע ווערטער, קריך זיי דיר איין אין זכרון, כדי עס זאָל דיר נישט פאַסירן קיין שלעכטס. אַז דו וועסט פליען אין דער לופט, זאָלסטו שטענדיק אויסוויילן דעם מיטן-וועג. זאָלסט נישט פליען צו נידעריק, כדי דיינע פליגל זאָלן נישט באַרירן די אויבערפלאַך פון ים און נישט איינזאַפּן אין זיך קיין וואַסער, וואָרום זיי וועלן דאַן ווערן שווער און דו וועסט אַראָפּפאַלן אין ים אַריין. זאָלסט אָבער אויך נישט פליען צו הויך, וואָרום די פעדערן קענען פאַרברענט ווערן פון דער זון און דער וואַקס קאָן צעגיין פון היץ און דו וועסט דאַן האָבן אַ ביטערן סוף.

נאָך דעם דאָזיקן אָנזאָג האָט ער צוגעבונדן די פליגל צו איקאַרס אַקסלען. דערבאַ האָבן אים געציטערט די הענט, ווי ער וואָלט געהאַט עפּעס אַ שלעכטן פאָרגעפיל. ער האָט אַרומגעהאַלזט דעם זון, אים אַ קוש געטון, און אַ הייסע טרער איז אים געפלאָסן איבער דער באַק.

און דאָס איז געווען דער לעצטער קוש, וואָס ער האָט געגעבן זיין זון.

זיי האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן אין דער לופט. דער פאָטער איז געפלויגן פאָרויס און איז געווען דער וועגווייזער. פון צייט צו צייט האָט ער אומגעווענדט דעם קאָפּ און זיך אומגעקוקט מיט אַ קלאַפּעדוק האַרץ; ער איז געווען ענלעך צום פויגל, וואָס לאָזט צום ערשטן מאָל אַרויס זיינע קינדערלעך אין די אומבאַקאַנטע ווייטקייטן. דערבאַ האָט ער כסדר באַוועגט און געקלאַפּט מיט די פליגל, כדי דער זון זאָל זיך אַראָפּנעמען פון אים אַ ביישפּיל.

און איקאַר איז געפלויגן נאָכן פאָטער און האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט אין וועג.

אויף אַזאַ אופן זענען זיי בשלום אַ דורך די אינזל סאַ-

מאָס, דערנאָך די אינזלען דעלאָס און פּאַראָס. זיי זענען געפלויגן דורך פאַרשידענע לענדער און נישט מיד געוואָרן. איקאַרן איז אָבער מיאוס געוואָרן צו פליען כסדר נאָכן פאָטער, ווייל אים האָבן געצויגן די הויכקייטן פון הימל און ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע לוסט אַ קוק צו טון, ווי עס זעט אויס פון דער נאָענט די שטראַלנדע זון. ער האָט פאַרגעסן דעם אָנזאָג פון פאָטער און זיך אַ הויב געטון הויך אַרויף.

וואָס העכער ער איז געפלויגן, אַלץ שטאַרקער האָט גע-וואַרעמט די זון. איקאַר האָט זיך אָבער גאָרנישט געמאַכט דער-פון, ווייל ער איז געווען ענטציקט פון די פרעכטיקע זונען-שטראַלן. די היץ האָט זיך געשטאַרקט וואָס אַמאָל מער, ביז ס'איז ענדלעך צעשמאָלצן געוואָרן דער וואַקס, מיט וועלכן עס זענען געווען צוזאַמענגעקלעבט די פעדערן, און די פליגל זענען אומעכטיק געבליבן הענגען אַרום זיינע אַקסלען. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, ווידעראַמאָל אַ שפּרייט צו טון די פליגל און צע-שניידן די לופט-כוואַליעס, נאָר דאָס האָט זיך אים נישט איינ-געגעבן און ער האָט גענומען שרייען נאָך הילף צום פאָטער. ווי נאָר אָבער ער האָט געעפנט דאָס מויל, איז ער אַראָפּגעפאַלן פון דער שרעקלעכער הויך אַראָפּ אין אָפּגרונט און איז דער-טרונקען געוואָרן אין ים. דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי שנעל, אַז דעדאַל האָט עס גאָרנישט באַמערקט. פלוצלונג, אומווענדענדיק זיך צום זון—זעט ער, אַז איקאַר איז נישטאָ. ער איז דערציטערט געוואָרן און גענומען רופן:

— איקאַר! איקאַר! וואו ביזטו?

ער האָט גענומען אַראָפּקוקן אין די אומענדלעכע טיפענישׁ, וואָס האָט זיך געשפּרייט אונטער אים, האָט ער דערזעען, אַז אויף דער אויבערפלאַך פון ים שווימען אַרום פעדערן. דאַן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אַראָפּגענומען פון זיך די פליג-לען און, וואַנדערנדיק איבערן ברעג, האָט ער כסדר גערופן:

—איקאַר! איקאַר! וואו ביזטו?

פלוצלונג האָט ער דערזעען דעם טויטן קערפּער פון זיין זון, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן ברעג, וואוהין די כוואַליעס האָבן אים אַרויסגעוואָרפן.

אַזוי האָבן די געטער נקמה גענומען פון דעדאַלן פאַר זיין ערמאָרדן טאַלאָסן.

דעדאַל האָט לאַנג באַקלאָגט זיין זון, און זיין שמערץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין טרייסט. פלוצלונג האָט ער דערהערט דאָס פּאַטשן פון פליגל. ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזעען אַ שפּאַרבער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קערפּער פון זיין זון. דעדאַל האָט נישט געוואָלט, אַז זיין זון זאָל ווערן אויפגעפרעסן פון די פויגל, האָט ער פאַריאָגט דעם שפּאַרבער, אויסגעגראָבן אַ גרוב און באַגראָבן דערין דעם טויטן. דאָס לאַנד, וואו איקאַר איז באַגראָבן געוואָרן, איז געווען אַן אינזל, נישט ווייט פון גריכנלאַנד. דעדאַל האָט אָנגערופן די אינזל — איקאַריאַ, לויטן נאָמען פון זיין זון, און אַזוי הייסט די אינזל ביזן הייַנטיקן טאָג.

דעדאַל האָט פאַרלאָזט די אינזל איקאַריאַ און גענומען פליען ווייטער. ער איז אַדורכגעפלויגן פאַרשידענע לענדער און מדינות, בערג און טאָלן, ימים און טייכן, שטעט און דערפער, ביז ער איז געקומען אויף די אינזל סיציליען און זיך אויף איר אַראָפּגעלאָזט. דער קעניג פון סיציליען איז געוואָר געוואָרן, אַז דעדאַל איז געקומען אין זיין לאַנד, האָט ער זיך זער געפרייט, ווייל ער האָט שוין געהערט וועגן דעדאַלס גרויסע חכמה. דער קעניג האָט געשיקט צו דעדאַלן זיינע גרעסטע שרים און געהייסן אים זאָגן:

—איך האָב געהערט וועגן אַלע דיינע גרויסע טאַטן. קום אין מיין הויז און לעב אָן זאָרג.

האָט זיך דעדאַל באַזעצט אין הויז פון קעניג, ער איז געוואָרן דעם קעניגס ערשטער ראַטגעבער און אַ פאָטער פאַר די איינוואוינער פון דער אינזל.

ער האָט געזעען, אַז די וואַסערן פליסן אַראָפּ מיט שטורעם פון די בערג און מאַכן אָן פאַרוויסטונגען אין די שטעט, וואָס ליגן אין די טאָלן, האָט ער אויסגעלערנט די מענטשן גראָבן קאַנאַלן, דורך וועלכע די וואַסערן זאָלן אָפּפליסן אין ים אַריין. דאָס איז געווען אַ גרויסע ישועה פאַר די איינוואוינער פון דער אינזל.

די הויפּטשטאָט פון קעניגרייך איז נישט געווען אַרומגעזינגלט מיט מויערן, אַזוי, אַז אין מלחמה־צייט האָט דער שונא געהאַט צו איר אַ לייכטן צוטריט — האָט דעדאַל געזוכט מיטלען און האָט אויפן שפּיץ פון אַ הויכן, נאַקעטן פעלז אויפגעבויט אַ פעסטונג־שטאָט, צו וועלכער ס'האָט געפירט בלויז איין שמאָלער, קרומער שטעג, אַזוי, אַז אַ דריי פיר מענטשן האָבן געקאָנט באַשיצן דעם צוגאַנג צו דער שטאָט און נישט צולאָזן דעם פיינט.

און נאָך אַ דריטן וואונדער האָט דעדאַל אויפגעטון: אַ טיפע הייל, וואָס איז פריער געווען קאַלט און פול מיט פייכטקייט, האָט ער דערוואַרעמט מיט דער וואַרעמקייט פונם אונטערערדישן פייער, אַזוי, אַז זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַרעם צימער. אַז ס'איז אַ מענטש אַריינגעקומען אין די הייל, האָט אויף אים אַרויסגעשלאָגן אַ געזונטער שווייס און ער האָט דערבאַ אינגאַנצן נישט געליטן פון דער היץ.

דערנאָך האָט נאָך דעדאַל אויפגעבויט ביים פוס פון עטנאַ[1] אַ טעמפּל פאַר אַפראָדיטען און האָט איר געשענקט אַלס אָפּפער אַ חלה פון האָניק. די חלה איז געווען אַזוי קינסטלעך אויסגעאַרבעט פון גאָלד, אַז זי האָט אָפּגענאַרט דאָס אויג און האָט אויסגעזעען, ווי זי וואָלט געמאַכט געווען פון פרישן האָניק.

מיט דער צייט האָט זיך מינאָס, דער קעניג פון קרעטאַ,

[1] אַ וואולקאַן אין סיציליען.

דערוואוסט, אַז דעדאַל איז אַנטלאָפן קיין סיציליען און זיך דאָרט באַזעצט. האָט ער איינגעזאַמלט זיין חיל און זייגע קריגס־שיפן און גענומען באַלאַגערן די אינזל סיציליען, כדי צוריק צו באַקומען דעם אַנטלאָפענעם. מינאָס איז אַראָפּ מיט זיין חיל אויפן ברעג, געשיקט שליחים צום קעניג און אים געהייסן זאָגן: איך האָב געהערט, אַז מיין קנעכט דעדאַל, וואָס איז אַנטלאָפן פון מיר, וואוינט באַ דיר אין פּאַלאַץ. גיב מיר אים אַרויס, וועל איך מאַכן מיט דיר שלום, אויב נישט — וועל איך פאַרוויסטן דיין לאַנד.

דער קעניג פון סיציליען איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקן צאָרן, ווייל מינאָס איז געקומען מלחמה האַלטן מיט אים אָן זיין שולד, און ער האָט באַשלאָסן צו באַצאָלן מינאָסן פאַר זיין חוצפה. ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז איינשטימיג מיט מינאָסן און האַלט אים פאַר גערעכט. ער האָט געשיקט צו מינאָסן שליחים און אים איינגעלאַדן צום מאָלצייט, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיין כבוד וועגן.

מינאָס איז געקומען צום קעניג, און דער קעניג האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און געהייסן מאַכן פאַר אים אַ וואַנע, וואָס עס ווערט געטון פאַר באַזונדערס חשובע געסט.

ווען מינאָס האָט זיך נאָר אַריינגעזעצט אין די וואַ־נע, האָט מען לויטן באַפעל פון קעניג, אַריינגעגאָסן אין די וואַנע קאָכעדיק וואַסער, אַזוי, אַז מינאָס איז געשטאָרבן פון יסורים. דער קעניג האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אַריינזעצנ־דיק זיך אין וואַנע, איז מינאָס פּלוצלונג אַנידערגעפאַלן טויט. די קרעטער האָבן דאָס געגלויבט, האָבן באַגראָבן זייער קעניג אויף דער אינזל סיציליען און געמאַכט גרויסע טרויער־צערע־מאָניעס.

דעדאַל האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין סיציליען, און דער קעניג איז זיך מיט אים גוט באַגאַנגען. דעדאַל האָט אַלע זיינע יאָרן באַשעפטיקט זיך מיט פאָרשונגען, ער האָט געלערנט דאָס

פאָלק און געבראַכט פיל נוצן פאַר זיין ניי פאָטערלאַנד. ער אַליין איז אָבער געווען ווייט פון פרייד, ווייל ער האָט ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן געטרויערט נאָך זיין זון. ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער און איז באַגראָבן געוואָרן אויף דער אינזל סיציליען.





10.

מעלעאַגער דער יעגער.

ענעאוס. דער קעניג פון קאַלידאָן, איז געווען אַפרומער, רעכטפאַרטיקער מאַן, וואָס איז זיך גוט באַגאַנגען מיט די געטער. האָבן די געטער אים געזעגנט און אַריינגעגעבן אַ ברכה אין זיינע שאָף און רינדער, אין זיינע פעלדער און אין זיין יאַגד. ענעאוס האָט געטון דעם באַגער פון יעדן גאָט באַזונדער און אויפגעבראַכט צו יעדן זיינע ליבלינגס=קרבנות: פאַר דעמעטער, די געטין פון פרוכטבאַרקייט, האָט ער מקריב געווען די ערשטע רייף-געוואָרענע זאַנגען, פאַר דיאָניזאָסן — דעם ערשטן זאַפט פון די ווינטרויבן, פאַר אַטענען — דעם בעסטן אייל; אַרטעמידען אָבער, די געטין פון יאַגד, האָט ער פאַרגעסן און נישט גערויכערט אויף איר מזבח.

האָט דאָס פאַרדראָסן אַרטעמידען, און זי האָט באַשלאָסן אים שווער צו באַשטראָפן פאַר די גרינגשעצונג, וואָס ער האָט

אַרויסגעוויזן צו איר. זי האָט אַרויסגעלאָזט פון אַ גרויסן געדיכטן וואַלד אַ ווילד חזיר און עס אָנגעשיקט אויפן לאַנד קאַלידאָן. דאָס חזיר האָט געהאַט פייער-פלאַמעדיקע אויגן, האָר, ווי די נאָדלען, אַ שוים האָט אים אַרויסגעשלאָגן פון מויל און זיינע שרעקלעכע קליקעס זענען געווען לאַנג אַזוי ווי ביי אַ עלע-פאַנט.

די חיה איז אָנגעפאַלן אויף די פעלדער פון קאַלידאָן, צעטרעטן די תבואה, אָפּגעפרעסן די הענגלעך וויינטרויבן צוזאַמען מיט די צווייגן, אונטערגעגראָבן די איילבירטן-בוימער, וואָס האָבן געגעבן דעם הייליקן אייל. עס איז געוואָרן אַ תל פונם קאָרן און ווייץ, און די שייערס זענען געבליבן ליידיק. אויך די סטאַדעס שאָף און רינדער זענען פאַרלענדט געוואָרן, וואָרום דאָס חזיר איז אָנגעפאַלן אויף זיי און זיי איינציגווייז אויסגעראָט. דאַן איז אויפגעשטאַנען דער העלדישער מעלעאַגער, דער זון פונם קעניג ענעאוס און צוזאַמענגערופן די בעסטע יעגער, כדי מלחמה צו האַלטן מיט דער ווילדער חיה און זי אומצוברענגען. עס זענען געקומען יעגער פון אַלע עקן גריכנלאַנד און מיטגעבראַכט מיט זיך די געשיקטסטע הינט; עס איז אויך געקומען אַטלאַנטאַ, די טאָכטער פונם קעניג פון אַרקאַדיען. די לעבנס-געשיכטע פון אַטלאַנטאַ איז פאָלגנדע: ווען זי איז אַלט געווען אַכט טאָג, איז איר אַוועקגעשטאָרבן די מוטער. דער פאָטער האָט גענומען אַ צווייטע פרוי. האָט די שטיף-מוטער פיינט געהאַט אַטלאַנטאַן און זי געוואָלט אומברענגען. איינמאָל האָט זי גענומען דאָס קינד, אַוועקגעטראָגן אין אַ פינסטערן וואַלד און איבערגעלאָזט עס אַליין. זי האָט זיך געטראַכט: זאָלן עס פאַרציקן די חיות און זאָל עס מיר נישט שטענדיק דערמאָנען אָן די פאַרהאַסטע ערשטע פרוי פון מיין מאַן.

אַ בערין האָט געהערט דאָס געוויין פונם קינד, איז זי צוגעגאַנגען און עס אָנגעזויגן פון איר מילך. די בערין האָט אויפגעצויגן דאָס קינד און איז געווען צו אים אַ מוטער.

עס זענען געקומען יעגער אין וואַלד אַריין, האָבן זיי גע־

פונען דאָס מיידעלע, צוגענומען עס צו זיך, אויפגעצויגן און אויסגעלערנט גיין אויף די יאַגד. זיי האָבן דעם מיידל אַ נאָמען געגעבן אַטלאַנטאַ.

ווען אַטלאַנטאַ איז גרויס געוואָרן, איז זי געווען אַ רייצנדע שיינהייט. זי האָט געקאָנט שיסן פון אַ פיילנבויגן און האָט געלעבט פון יאַגד. חתונה האָבן האָט זי נישט געוואָלט, ווייל זי האָט פיינט געהאַט מענער.

איינמאָל, גייענדיק אין וואַלד, האָט זי באַגעגנט צוויי צענטוירען, וואָס האָבן זי גענומען נאָכיאָגן. זי האָט אָנגעשפּאַנט דעם בויגן, אויסגעשאָסן און זיי דערהרגעט. זי האָט ליב געהאַט די יאַגד מער פון אַלץ אין דער וועלט; דעריבער האָט זי פאַרנומען מעלעאַגערס רוף און זיך אַוועקגעלאָזט באַטייליקן אין דער יאַגד קעגן ווילדן חזיר צוזאַמען מיט די איבעריקע יעגער, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי האָט פיינט געהאַט די מענער.

און די שענע בת־מלכּה האָט זיך געשטעלט צווישן די מחנה יעגער. זי האָט פאַרפלאָכטן אירע האָר אין אַ צאָפּ, גענומען אין די רעכטע האַנט דעם געשפּאַנטן בויגן און איבער די אַקסלען האָט זי פאַרוואָרפן די שייד[1]), וואָס איז געווען געמאַכט פון צאָן־ביין. איר פּנים האָט געהאַט אַ וואונדערלעכע אייגנשאַפט: מענער האָבן געזעען דערין דאָס געזיכט פון אַ פרוי און פרויען — דאָס געזיכט פון אַ מאַן. מעלעאַגער איז געווען ענטציקט פון איר שיינקייט און האָט אויסגערופן: גליקלעך וועט זיין דער מאַן, וואָס וועט זי באַקומען פאַר אַ פרוי. ער איז אָבער גלייך אַנטשוויגן געוואָרן, וואָרום עס האָט זיך אָנגעהויבן די יאַגד.

די מחנה יעגער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם אוראַלטן טאָפּאָל־וואַלד. דער וואַלד האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט אַוועק, געהויבן זיך און געשטיגן הויך אַרויף איבער די בערג־רוקנס.

---

1) אין שייד לעגט מען אַרײַן פײַלן.

די יעגער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשפּרייט נעצן או׳ געשיקט פאָרויס די געשווינדע הינט. זענען די הינט געלאָפן איינער הינטערן אַנדערן איבער דעם שמאָלן באַרג־שטעג און זענען צוגעקומען ביז צו זער אַ שמאָלן טאָל. דער טאָל איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט גלייכע ווענט, אונטער וועלכע עס האָבן זיך אונטערגעשווענקט רוישיקע באַרג־טייכלעך און געריסן און צעבּרעקלט זייער שטיינערנעם לייב. דער טאָל איז געווען אינגאַנצן פאַרפלאָכטן פון קרזשאַקעס, וואַסער־רוירן און ווײַדן.

אין דעם דאָזיקן געדיכטן געפלעכט האָט געוואוינט דאָס חזיר. דערזעענדיק די הינט, וואָס זענען צוגעלאָפן צו אים מיט אַ האַסטיק געביל, איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, אַדורכגעשלאָגן זיך דורך זיי און זיך געלאָזט גלייך צו די יעגער.

עס האָט פאַרהילכט דער שאַל פון טראָמפּייטן, און די יעגער האָבן אויסגעשטרעקט זייערע שפּיזן. דאַן האָט זיך די חיה אָפּגעווענדט פון זיי און זיך ווידער געלאָזט צו די הינט. אַ האָגל פון פיילן איז אַ פאַל געטון אויף איר. די פיילן האָבן איר אָבער נישט געשאַדט, זיי האָבן בלויז פאַרגרעסערט איר ווילדן צאָרן. דאָס חזיר האָט זיך פלוצלונג אומגעווענדט און אָנגעשפּאַרט מיט אַ שרעקלעכן אימפּעט אויף די יעגער. עס איז אָנגעפאַלן אויפן רעכטן פליגל פון דער יעגער־מחנה, אַנידערגעוואָרפן דריי מענטשן און זיי צעטרעטן.

דאַן האָט אַטלאַנטאַ געשפּאַנט איר בויגן. עס האָט אַ סווישטש געטון אַ פייל און געטראָפן דאָס חזיר אונטער אַן אויער; עס האָט אַ שפּריץ געטון אַ שטראָם שוואַרץ בלוט.

מעלעאַגער האָט דאָס געזעען, האָט ער זיך זער דערפרייט און אויסגערופן:

— דיר, בת־מלכה, דער רום און דער לויב!

די מענער האָבן זיך פאַרשעמט, וואָס אַ פרוי האָט זיי איבערגעשטיגן, האָבן אַלע גענומען שיסן פון די פיילנבויגנס, זיי האָבן אָבער נישט געטראָפן אין ציל.

דאַן האָט זיך אַ וואָרף געטון אָנצעאוס, אַ מאַן פון אַרקאַדיען, הילכיק אַ געשריי געטון, אויפגעהויבן זיין האַק מיטן טאָפּעלטן הענטל און זיך אַ לאָז געטון צו דער חיה. נאָר איידער ער האָט באַוויזן אַ קלאַפּ צו טון מיט דער האַק, האָט אים שוין די חיה צעבלוטיקט מיט אירע ווילדע קליקעס. און זי האָט אים צעריסן, אַזוי ווי אַ וואָלף צעררייסט אַ ציגעלע.

דאַן האָט אַ נעם געטון זיין שפּיז יאַזאָן, דער זעלבער יאַזאָן, וואָס האָט זיך שפּעטער באַרימט געמאַכט אויף אייביקע צייטן מיט זיין רייזע אויף דער שיף אַרגאָס. נאָר, ווי ער האָט אַ וואָרף געטון די שפּיז, האָט דאָס חזיר אַ שפּרונג געטון און ער האָט געטראָפן און דערהרגעט איינעם פון זיינע הינט.

דערזעענדיק דאָס, האָט מעלעאַגער אַ שליידער געטון זיינע צוויי שפּיזן איינע נאָך דער אַנדערער; די ערשטע איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, די אַנדערע אָבער איז געבליבן שטעקן אינם רוקן פון חזיר.

דאַן איז די חיה אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, גענומען צאַפּלען מיטן גאַנצן לייב, אַ שוים האָט איר געשפּריצט פון מויל און פון דער וואונד האָבן זיך געגאָסן טייכן בלוט. האָט איר מעלעאַגער ווידעראַמאָל אַ קלאַפּ געטון איבער דער שטעכיקער פעל, און אַלע יעגער האָבן זי אַרומגערינגלט און זי געשטאָכן מיט זייערע שפּיזן. דאָס חזיר איז געוואָרן געלעכערט, ווי אַ זיפּ, און איז געבליבן ליגן טויט. דאַן האָט מעלעאַגער אַוועקגעשטעלט זיין פוס אויפן קאָפּ פון חזיר, אָפּגעשניטן דעם קאָפּ מיט דער שאַרפער שווערד, אָפּגעצויגן פונם חזיר די פעל — און ער האָט דעם קאָפּ און די פעל און די קליקעס אַוועקגעגעבן דער העלדישער אַטלאַנטאַ און צו איר געזאָגט:

— נעם צו דעם רויב, און זאָל דאָס זיין אַ צייכן, אַז דיר קומט דער גרעסטער רום.

דאָס איז נישט געפעלן געוואָרן די איבעריקע יעגער און עס איז אַנטשטאַנען אַ שטרייט. די ברידער פון מעלעאַגערס מוטער האָבן געדריקט די פויסטן און געשריגן צו אַטלאַנטאַן:

— הער נאָר, דו, ווייס־קעפּיגע [1]) גיב שנעל צוריק דעם רויב, וואָרום ער געהערט אונז. זאָלסט נישט מיינען, אַז מיר שעצן דיך צוליב דיין שיינקייט, און פאַרלאָז דיך אויך נישט צופיל אויף מעלעאַגערן.

און זיי זענען אָנגעפאַלן אויף אַטלאַנטאַן און מיט געוואַלד צוגענומען בײַ איר דעם רויב, שרייענדיק, אַז מעלעאַגער האָט נישט קיין רעכט זיך מיט אים צו שאַפן. האָט זיך צעפלאַקערט מעלעאַגערס צאָרן, ער האָט געקריצט מיט די ציין, געוואָרפן זיך אויף זיינע געגנער און זיי געטויט מיט זיין שווערד.

אַלטעאַ, מעלעאַגערס מוטער איז אַוועק אין טעמפּל פון ד געטער, מקריב צו זיין אַ דאַנק־אָפּפער צוליבן נצחון פון איר זון גייענדיק אויפן וועג, האָט זי דערזעען די קנעכט, וואָס האָבן געטראָגן די טויטע קערפּער פון אירע ברידער. האָט זיך אַלטעאַ אויסגעציפּט די האָר און זי האָט צעריסן אויף זיך די קליידער און געוויינט אַ ביטער געוויין. זי איז געלאָפן אַהיים, אָנגעטון זיך אין שוואַרצן טרויער, און אירע וויי־געשרייען האָבן געשפּאָלטן דעם היכל.

דערווייל איז געקומען אַ מענטש און איר אָנגעזאָגט, אַז דאָס האָט איר אייגענער זון דערהרגעט אירע ברידער. זי איז דערציטערט געוואָרן און נישט געוואָלט גלויבן. ווען זי האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז דאָס האָט ווירקלעך איר זון פאַרגאָסן דאָס בלוט פון אירע ברידער, איז אַריין אין איר אַן אַנדערער גייסט. זי האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם טרויער און גענומען טראַכטן וועגן נקמה, דורך וועלכע זי זאָל אויסקויפן דאָס בלוט פון אירע ברידער. זי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט אַ זאַך, וועלכע זי האָט שוין געהאַט לאַנג פאַרגעסן: נאָכן געבוירן מעלעאַגערן האָט זי, עפנדיק די אויגן, דערזעען נעבן איר בעט די

---

[1]) אַ זידל־וואָרט קעגן פרויען אין גריכנלאַנד.

דריי פּאַרקעס[1], פון וועלכע איינע האָט איר געזאָגט: זיי רויקי, דו האָסט געבוירן אַ זון און דו זאָלסט אים אַ נאָמען געבן מעלעאַגער; ער וועט זיין אַ קריגס־העלד און אַ גוטער יעגער. די צווייטע האָט געזאָגט: דיין זון וועט זיין אַרעכטשאַפענער מענטש, אַ גרויסמוטיקער און אַ גוטהאַרציקער. און די דריטע האָט געזאָגט: דיין זון וועט לעבן אַזוי לאַנג, ביז דאָס האַלב־פאַרקוילטע שייטל האָלץ, וואָס ברענט איצט אין דיין אויוון, וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַש.

ווי נאָר די פּאַרקעס זענען פאַרשוואונדן געוואָרן, איז אַלט׳ אַ שנעל צוגעגאַנגען צום אויוון, אַרויסגעכאַפּט דאָס ברענענדיקע שטיק האָלץ און פאַרלאָשן עס מיט וואַסער. זי האָט אַריינגעלייגט דאָס שטיק האָלץ אין אַ קעסטל, וועלכעס זי האָט פאַרשלאָסן מיט אַ שלאָס—כדי צו ראַטן דאָס לעבן פון איר זון. און דאָס קעסטל מיטן שטיק האָלץ האָט זי ערגעץ באַהאַלטן און עס גוט פאַרוואָרנט.

יעצט אָבער, וועלנדיק אויסקויפן דאָס בלוט פון אירע ברידער, האָט זי פאַריאָגט פון איר האַרצן דאָס רחמנות־געפיל צום זון און אַרויסגענומען דאָס שטיק האָלץ פון קעסטל.

זי האָט געהייסן די קנעכט, צו ברענגען שטרוי און טרוקענע צווייגן און אָנצוצינדן אַ פייער. און אַז דאָס פייער האָט אָנגעהויבן צו ברענען, האָט זי געוואָלט אַריינוואַרפן דערין דאָס שטיק האָלץ.

נאָר איר האַרץ האָט אַ קלאַפּ געטון און די הענט האָבן איר גענומען ציטערן. פיר מאָל האָט זי אויסגעשטרעקט די הענט, אַריינצוּוואַרפן דאָס האָלץ אין פייער אַריין, און איטלעכעס מאָל האָט זי די האַנט צוריקגעצויגן. צום סוף אָבער האָט גובר געווען

---

[1] די געטינס פון גורל.

דאָס געפיל פון נקמה, זי האָט אַ וואָרף געטון דאָס שטיק האָלץ
אין פייער אַריין און אַ געשריי געטון: איר געטינס פון נקמה!



ארטמידע.

קומט און זעט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן קרבן איך ברענג־אויך

צו די פוריעס.[1]) און איר, גייסטער פון מיינע געשטאָרבענע ברידער, באַוויליקט אָנצונעמען דעם געשאַנק, וואָס איך טראָג אייך אונטער — דאָס לעבן פון מיין טייערן זון. איך מוז דאָס טון, כאָטש איך ווייס, אַז איך וועל אים נישט איבערלעבן און וועל צוזאַמען מיט אים אַראָפּנידערן אין פינסטערן קבר.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך מעלעאַגער אומגעקערט פון דער יאַגד אין שטאָט אַריין, טראָגנדיק אויפן קאָפּ דעם קראַנץ פון נצחון. דאָס געוויסן האָט אים געפּלאָגט, פאַרוואָס ער האָט דערהרגעט די ברידער פון זיין מוטער, און ער איז געווען אונרויק און פאַראומערט. פּלוצלונג האָט ער דערפילט אַ פייערדיקע היץ אַרום האַרצן. די היץ האָט אויפגעצערט זיין לייב, ער האָט געהאַט גרויסע יסורים און איז געפאַלן צו בעט. ער האָט אָבער פאַרטראָגן שטילשוויינדיק זיינע ענוים, אַזוי ווי ס'פּאַסט פאַר אַ העלד, און האָט זיך בלויז באַקלאָגט, פאַר וואָס עס איז אים נישט באַשערט צו שטאַרבן אויפן שלאַכטפעלד.

ווען עס האָבן אים שוין פאַרלאָזט די לעצטע כוחות, האָט ער געהייסן רופן די ברידער און שוועסטער, דעם זיידן און קודם כל — די געליבטע מוטער.

די מוטער איז אָבער אַלץ געשטאַנען נעבן דעם פלאַקער־פייער און מיט פאַרנעפּלטע בליקן צוגעקוקט זיך צו די פלאַמען, וואָס האָבן איינגעשלונגען דאָס לעבן פון איר זון. מעלעאַגערס ווייטאָג האָט זיך דערווייל פאַרשטאַרקט און איז שוין געוואָרן אונערטרעגלעך. און אַז דאָס שייט האָלץ איז ענדלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש און ס'איז אויסגעגאַנגען דער לעצטער פונק — האָט אויך מעלעאַגער אויסגעהויכט זיין נשמה.

דאָס לאַנד האָט זיך פאַרהילט אין טרויער, דער פאָטער.

---

1) פוריעס—די גייסטער פון די געשטאָרבענע, וואָס פאָדערן אַ בלוטיקע נקמה.

די ברידער און שוועסטער און דאָס גאַנצע פאָלק האָבן אים האַרצ־לעך באַקלאָגט.

אַלע זענען אַרומגעשטאַנען אַרום דעם בעט פון טויטן מע־לאַעגער — די מוטער האָט אָבער געפעלט. מען האָט זי געזוכט און ענדלעך געפונען. זי איז געלעגן טויט נעבן דעם פאַר־לאָשענעם פלאַקער — זי האָט זיך דערשטיקט מיט אירע אייגענע הענט.



11

טאַנטאַל.

טאַנטאַל, צעאוסעס זון, האָט געהערשט אין אַ מדינה אין לאַנד פריגיען און איז געווען באַרימט מיט זיין עשירות. ער האָט זיך אויפגעבויט אַ פרעכטיקן פאַלאַץ, באַדעקט די ווענט מיט לויטער גאָלד, און דאָס גאַנצע מעבל און געשיר האָט ער געלאָזט מאַכן פון גאָלד זילבער האָט דעמאָלט קיין שום חשיבות נישט געהאַט.

די געטער פון אָלימפוס האָבן הויכגעשעצט טאַנטאַלן, דערנענטערט אים צו זיך און געהאַלטן אים פאַר אַ פריינט און אַ חבר. צעאוס האָט אים געליבט מער, ווי אַלע אַנדערע זין, און האָט אים קיינמאָל נישט מיט עפעס באַטריבט. טאַנטאַל האָט געגעסן מיט זיין פאָטער פון איין טיש און איז צוגעלאָזט געוואָרן אין די געזעלשאַפט פין די געטער.

ער איז אָבער אַראָפּ פון גלייכן וועג, באַקומען גאווה און אָנגעהויבן זינדיקן קעגן די געטער. ער האָט אויסגעזאָגט פאַר די מענטשן דאָס, וואָס ער האָט געזען אין די פאַרבאָרגנהייטן פון אָליפּור, הינטערן פאָרהאַנג פון הימל. און נישט בלויז דאָס, נאָר ער האָט צוגעגנבעט פון פאָטערס טיש די אַמבראָזיע[1]) און דעם נעקטאַר[2]) און פאַרטיילט צווישן זיינע פריינט אויף דער ערד.

און טאַנטאַל איז באַגאַנגען אַ זינד נאָך אַ זינד און ער האָט באַהאַלטן ביי זיך דעם גאָלדענעם הונט, וואָס זיינער אַ פריינט האָט אַרויסגעגנבעט פון צעאוסעס טעמפּל אויף דער אינזל קרעטאַ. דער הונט איז געווען זער אַ טייערער, זיין פּרייז האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשאַצן, און ער איז געווען געהייליקט צום גאָט פון די געטער. ווען צעאוס האָט געפאָדערט פון טאַנטאַלן, ער זאָל אים צוריקגעבן דעם הונט, האָט טאַנטאַל פאַלש געשוואוירן און געזאָגט, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט.

דערנאָך איז אים איינגעפאַלן אויסצופּרובן די געטער, צי זיי ווייסןווירקלעך אַלץ און צי קיין זאַך איז פאַר זיי נישט פאַרהוילן.

האָט ער געמאַכט אַ מאָלצייט און איינגעלאַדן די געטער. ער האָט גענומען זיין איינציקן זון, פּעלאָפּס, אָפּגעקאָכט אים און דערלאַנגט פאַר די אונשטערבלעכע. בלויז דעמעטער האָט זיך געלאָזט גענאַרן און געגעסן אַ טייל פונם שענקל, די איבעריקע געטער אָבער האָבן גלייך דערקענט די שווידערהאַפטיקייט, וואָס טאַנטאַל איז באַגאַנגען, און האָבן שנעל אַריינגעוואָרפן דעם אָפּ-

1) אַמבראָזיע—שפּייז פון די געטער.

2) נעקטאַר—געטראַנק פון די געטער.

געקאָכטן קערפּער פונם יונגל אין אַ קעסל אַריין — אין אַ ווײַלע אַרום האָט די פּאַרקע קלאָטאָ אַרויסגענומען דאָס יונגל אַ לעבע־ דיקן און אַ געזונטן, און דעם טייל פון שענקל, וואָס האָט אים נעפעלט, האָט זי געמאַכט פון ביין.

דאַן איז שוין פול געוואָרן די מאָס, די געטער זענען אַרייַנגעפאַלן אין צאָרן און האָבן אַרייַנגעוואָרפן טאַנטאַלן אין דעם אונטערערדישן גיהנום, וואו ער איז אויסגעשטאַנען שרעק־ לעכע ענוים.

טאַנטאַל איז געשטאַנען אין מיטן טייך, און דאָס וואַסער האָט אים דערגרייכט ביז צו דער גאָמבע. ביים ברעג פון טייך זענען געשטאַנען בוימער מיט רויטע עפּל, זאַפטיקע באַרנעס, זי־ סע פייגן און גרינע איילבירטן. די צווייגן, באַלאָדן מיט פּירות, זענען אַראָפּגעהאַנגען נידעריק און אים באַרירט דאָס פּנים. אָבער, אַז טאַנטאַל האָט געוואָלט טרינקען און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צום וואַסער, איז דער טייך פלוצלונג איינגעטרוקנט געוואָרן, דאָס וואַסער איז פאַרשוואונדן, ווי די ערד וואָלט עס פאַרשלונגען, און ער האָט געזען פאַר זיך דעם שוואַרצן, שליימיקן דנאָ פונם טייך... און ווי ער האָט צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, איז דאָס וואַסער ווידער ערשינען און ווידער דערגרייכט אים כמעט ביז צו די ליפּן. אַז ער האָט געוואָלט טועם זיין פון די פּירות, וואָס זענען געהאַנגען אַזוי נאָענט נעבן אים, איז געקומען אַ אַ שטורמווינט און אַ הויב געטון די צווייגן ביז צו די סאַ־ מע וואָלקנס. אַזוי האָט טאַנטאַל אייביק געליטן הונגער און דורשט.

און די געטער האָבן אים נאָך האַרטער געשטראָפט און אָנגעהאָנגען איבער זיין קאָפּ אַ גרויסן, פירכטערלעכן פעלז. אַז טאַנטאַל האָט אַ הויב געטון זיין בליק, האָט ער דערזעען דעם נאַקעטן שטיין, וואָס איז געהאַנגען איבער אים, און אַ ציטערניש האָט אים אַדורכגענומען: אָט, אָט,— האָט ער זיך געטראַכט — פאַלט אַראָפּ דער פעלז און צעשמעטערט מיך.

אַזוי האָבן די געטער געשטראָפט דעם זינדיקן טאַנטאַל, וועלכער האָט גרינגגעשעצט זייער כבוד. און די שטראָף וועט קיינמאָל נישט אויפהערן און וועט געדויערן ביז אין אַלע אייביקייטן.

12.

פּעלאָפּס.

נאָך טאַנטאַלן, וועלכער האָט דערצערנט די געטער מיט זיינע שלעכטע מעשים און איז דערפאַר אַראָפּגעשליידערט געוואָרן אין טאַרטאַרוס, האָט געהערשט אין פריגיען זיין זון פּעלאָפּס. פּעלאָפּס איז געווען אַ גוטער, רעכטשאַפענער מענטש און האָט געטריי געדינט צו די געטער. אין דעם שכנותדיקן לאַנד, טראָיאַ, האָט דעמאָלט געקיניגט אַ מלך, וועלכער האָט פיינט געהאַט דעם שלום און ליב געהאַט די מלחמה. איינמאָל איז דאָס טראָיאַנישע חיל אָנגעפאַלן אויף פריגיען, גענומען געפאַנגען פיל מענער, ווייבער און קינדער, פאַרכאַפּט פיל שאָף און רינדער און אַוועקגעפירט עס צו זיך אַהיים.

פּעלאָפּס איז דערצערנט געוואָרן, און עס האָט זיך צווישןביידע שכנים צעפלאַקערט אַ מלחמה. די טראָיאַנער האָבן אים אָבער באַזיגט, צעשלאָגן זיין גאַנץ חיל און פאַרנומען גאַנץ פרי-

גיען. פעלאָפּס האָט געמוזט אַנטלויפן; ער איז געקומען קיין גריכנלאַנד און זיך דאָרט באַזעצט. די געטער האָבן אים געגעבן גליק און ער האָט נושא חן געווען באַ אַלעמען. ווי נאָר אויף זיין איבערשטער ליפּ האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ גאַנץ דינינקער שוואַרצער מענער⸗פּוק, האָט ער געזען היפּאָדאָמיען, די טאָכטער פון ענאָמעאוס, דעם קעניג פון עילידאַ, איינגעליבט זיך אין איר און זי געוואָלט נעמען פאַר אַ ווייב.

היפּאָדאָמיאַ איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין גריכנלאַנד. זי האָט געהאַט פיל פערערער, און נישט איינער פון די גרעסטע חשובים אין לאַנד האָט געשיקט צו איר פאָטער שליחים און אים געלאָזט זאָגן: פאָדער פון מיר דעם גרעסטן אויסקויף, נאָר גיב מיר דיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. דער קעניג פון עיליהאַ האָט אָבער דערפון נישט געוואָלט הערן, וואָרום איינמאָל, ווען ער איז געווען אין טעמפּל פון אַפּאָללאָ, האָט אים געזאָגט דער אָראַקול: זאָלסט וויסן זיי, אַז אין טאָג, ווען דיין טאָכטער וועט חתונה האָבן, וועסטו שטאַרבן און אַוועקגיין פון דער וועלט.

דער קעניג ענאָמעאוס האָט געלאָזט אויסרופן איבער אַלע לענדער, אַז דער מאַן, וואָס וויל נעמען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, זאָל קומען און זיך יאָגן מיט אים אין אַ וועט⸗געיעג. אויב דער מאַן וועט פריער צוקומען צום באַשטימטן אָרט, וועט ער קריגן היפּאָדאָמיאַן און דערצו נאָך וועט אים דער קעניג געבן פיל שיינע מתנות; אויב אָבער ער וועט פאַרשפּילן דאָס געוועט, וועט מען אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

און דער קעניג האָט באַשטימט פּאָסעידאָנס אַלטאַר, וואָס האָט זיך געפונען אין קאָרינט, אַלס ענד⸗ציל פונם וועט⸗לויף.

ער פלעגט אָבער טון אָט וואָס: דער מאַן, וואָס איז געקמען צום וועט⸗לויף, האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ רייטוואָגן מיט פיר פערד און זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ גרויסער געשווינדיקייט צום ענד⸗ציל; אין דער זעלבער צייט איז דער קעניג געשטאַנען

פאַר צעאוסעס מזבח און מקריב געווען אַ קרבן. ווי נאָר אָבער ער האָט פאַרענדיקט דאָס גאָטעס־דינסט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין זיין געשווינדן רייטוואָגן, וואָס איז געוואָרן געפירט דורך די געשווינדסטע רייטערס, און זיך געלאָזט נאָכיאָגן נאָך זיין געגנער. ער האָט אים דעריאָגט און אים אַדורכגעשטאָכן מיט זיין שאַרפער שפּיז. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען מיט אַלע יונגע העלדן, וואָס האָבן געוואָלט געווינען היפּאָדאָמיאַן, און אויף אַזאַ אופן האָט ער שוין געטויט דרייצען יונגעלייט.

ווען פּעלאָפּס האָט געהערט דעם רוף, וואָס ענאָמעאוס האָט געלאָזט אויסרופן איבער אַלע לענדער, איז ער אַוועק קיין עילידאַ, כדי צו פּרובן זיין גליק און צוגעווינען די שענע היפּאָדאָמיאַ. אויפן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים ברעג פונם האַלב־אינזל, וואָס ווערט היינט אָנגערופן אויף זיין נאָמען פּעלאָפּאָנעס. דאָ איז ער געוואָר געוואָרן, ווי אַזוי דער קעניג באַגייט זיך מיט די אַלע, וואָס ווילן געווינען זיין טאָכטער. האָט עס זיך פּעלאָפּס שטאַרק גענומען צום האַרצן און עס האָט אים באַהערשט אַ טרויער. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים ברעג ים און תּפילה געטון צו פּאָסעידאָנען, זיין מעכטיקן באַשיצער, ער זאָל אים ביישטיין אין זיין אומגליק. עס האָט אַ הילך געטון די ל־פּט, עס איז געשפּאָלטן געוואָרן דער אָפּגרונד, און דער הערשער פון ים האָט זיך באַוויזן פאַר דעם יונגען העלד. דאַן האָט פּעלאָפּס געבעטן באַ פּאָסעידאָנען:

—גרויסער, פּירכטערלעכער האַר פון די וואַסערן! האָרך אויס דאָס געבעט פון דיין שוואַכן קנעכט און לייז מיך אויס פון דעם אַכזוריותדיקן ענאָמעאוס, וועלכער האָט באַשלאָסן צו דערהרגעגען די אַלע, וואָס ווילן געווינען זיין טאָכטער. ער האָט שוין דערהרגעט דרייצען גבורים, און זיין בלוטדורשטיקייט איז נאָך אַלץ נישט געשטילט. דו, אָבער, אַלמעכטיקער גאָט, לאָז אים נישט אויספירן זיין בייזע מחשבה, מאַך לייכט מיין רייטוואָגן און דערלאָז נישט, אַז ער זאָל מיך דעריאָגן. אויב דו וועסט מיר ביישטיין און מיך פריער צופירן צום ענדציל, וועט מיין האַרץ

אײביק פול זײן מיט דאַנקבאַרקײט צו דיר.

פּאָסעידאָן האָט זיך דערבאַרמט איבער אים און געטון זײן װילן. עס האָט זיך װידער אַן עפן געטון דער אָפּגרונד, און עס איז ערשינען אַ גאָלד־געדעקטער רײַטװאָגן, געשפּאַנט מיט פיר פערד, װאָס זענען געװען שנעל, װי די װינטן. פּעלאָפּס האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דעם װאונדערבאַרן װאָגן, און די פערד האָבן זיך אַ טראָג געטון, געלאָפן װי אַ שטורמװינט און אים געבראַכט קײן עלידאַ. דערזעענדיק דעם רײַטװאָגן און די פערד, איז ענאָמעאוס דערציטערט געװאָרן, װאָרום ער האָט דערקענט, אַז דאָס זענען די פערד פון פּאָסעידאָנען.

פונדעסטװעגן האָט זיך ענאָמעאוס געלאָזט אין װעט־לויף מיט פּעלאָפּס, װײַל ער איז געװען זיכער אין זײַנע פערד, װאָס האָבן נישט געהאַט צו זיך קײן גלײכן אין דער גאַנצער װעלט.

נאָכדעם, װי פּעלאָפּס האָט זיך אָפּגערוט פון דעם װײַטן װעג, װאָס ער האָט אַדורכגעמאַכט, האָט ער אַרויסגעפירט זײַנע פערד צום װעט־לויף. ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דעם גאָלדענעם װאָגן און אַ צי געטון די לײצן. האָבן די פערד אַ שװעב געטון, אַזױ װי אַ בליץ צװישן די װאָלקנס, און האָבן זיך אַ לאָז געטון אין װעג אַרײַן. װען ער איז שוין געװען זער נאָנט פונם ענדציל, האָט ער פּלוצלונג דערהערט הינטער זיך דאָס גערויש פון אַ װאָגן. דאָס האָט אים דעריאָגט דער קעניג ענאָמעאוס. ענאָמעאוס האָט שוין אַרויסגעכאַפּט זײַן שפּיז, צו טויטן פּעלאָפּסן, נאָר, דערזעענדיק דאָס, האָט פּאָסעידאָן, פּעלאָפּסעס מעכטיקער באַשיצער, צעבראָכן די אַקסן פונם קעניגס רײַטװאָגן. דער רײַטװאָגן איז אומגעפאַלן אין מיטן שנעלסטן לויפן און איז צעשמעטערט געװאָרן אויף שטיקלעך. דער קעניג איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און איז געבליבן טויט אויפן אָרט.

נאָכדעם, װי פּעלאָפּס איז צוגעקומען צום ענדציל פונם װעט־לויף, האָט ער זיך אומגעװענדט און פּלוצלונג דערזען, אַז דער פּאַלאַץ פונם קעניג ענאָמעאוס שטײט אין פלאַמען; דאָס האָט צעאוס געװאָרפן אויף אים אַ בליץ און אים אָנגעצונדן

פעלאָפּס האָט שנעל אויסגעדרייט זיין וואָגן און איז צוגעפאָרן צום בּרענענדיקן הויז. ער איז געקומען אין דער רעכטער צייט, אַריינגעשפּרונגען אין די פלאַמען, געכאַפּט היפּאָדאָמיאַן און זי מציל געווען פון אַ זיכערן טויט. דער פּאַלאַץ פונם קעניג ענאָ־מעאוס איז אָבער פאַרברענט געוואָרן ביז צום גרונד, אַזוי אַז עס זענען פון אים קיין שום שפּורן נישט געבליבן.

ניאָבע.

ניאָבע, די קעניגין פון טהעבען, די טאָכטער פון דעם געטער־פריינד טאַנטאַל און פון דיאַנאַ, דער שוועסטער פון די שטראַלנדע פּלעיאַדען[1], איז באַשאָנקען געוואָרן פון די געטער מיט שיינקייט, רייכקייט און מיט קינדער. זי איז געווען די שענסטע פרוי אין גריכנלאַנד. איר מאַן אַמפיאָן האָט נושא־חן געווען באַ די מוזען[2], און זיי האָבן אים געשאָנקען אַ וואונדערבאַרע האַרפע. אַז ער האָט באַריהרט מיט זיינע פינגער די סטרונעס פון דער האַרפע און גענומען שפּילן, האָבן בערג געטאַנצט און די ערד האָט געענטפערט מיט אַ געזאַנג. גרויסע פעלזן זענען אויסגעריסן געוואָרן פון זייער אָרט און האָבן געדינט אַלס בוי־מאַטעריאַל פאַר דער שטאָט טהעבען. און ניאָבע האָט געבוירן צו איר מאַן

[1]) פּלעיאַדען—אַזאַ גרופּע שטערן, וועלכע די גריכן האָבן געהאַלטן פאַר געטינס פון רעגן.

[2]) מוזען—די געטינס פון שפּיל און געזאַנג.

פיל קינדער: זיבן יונגלעך און זיבן מיידלעך. זיי זענען אַלע געוועזן מלא חן און שיין ווי די יונגע איילבירט־בוימלעך. אַלע פרויען פון טהעבען האָבן זיך געבענטשט מיט ניאָבען און אָנגערופן זי: די גליקלעכסטע פון די פרויען.

האָט ניאָבע געהאַלטן זיך גרויס מיט איר שיינקייט און גליק און זיך געטראַכט: מיט וואָס בין איך ערגער פון די געטער?

איינמאָל איז אַדורכגעגאַנגען דורך דער שטאָט די פּראָפעסין מאַנטאָ, די טאָכטער פונם צויבערער טירעזיוס, און געזאָגט צו די פרויען פון טהעבען: לעטאָ, צעאוסעס פרוי, מיט איר צווילינג, אַפּאָלאָ און אַרטעמידע, גייען היינט פאַרבאַ פאַר טהעבען. באַצירט אייערע קעפּ מיט לאָרבער־צווייגלעך, גייט אַרויס מקבל פנים זיין לעטאָן און רויכערט שמעקעדיקן ווייריך פאַר איר כבוד וועגן.

האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע פרויען, פון יונג ביז אַלט, און האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מיט גרויס פייערלעכקייט מקבל פנים צו זיין די געטין מיט געשאַנקען און ווייריך. עס איז אויך געקומען ניאָבע מיט אירע דינערינס. זי איז געווען שיין, ווי די זון אין הימל, זי האָט געטראָגן קעניגלעכע קליידער, און אירע האָר זענען געווען פאַרקעמט אין לאָקן.

ניאָבע איז געגאַנגען מיט גאוה, צוגעקומען צו די פרויען, וואָס האָבן גערויכערט ווייריך, געשאָקלט גרינקשעציק מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— וואָס האָט איר עס געמאַכט אַזאַ טומל, איר טהעבאַערינס? צי זענט איר משוגע, וואָס איר גיט אָפּ כבוד צו איינער, וועלכע איז גאָר קיינמאָל קיין געטין נישט געווען? ווער איז דאָס אַזעלכעס די לעטאָ? זי איז דאָך די אומגליקלעכע,[1] וואָס האָט

---

1) צעאוס האָט געהאַט פֿיל פֿרויען, סיי געטינס, סיי מענטשן־טעכטער. הערא האָט זער פֿיינט געהאַט די ווייבער פֿון איר מאַן און האָט זיי אַלעמען פֿאַרפֿאָלגט מיט אַכזריות.

מיט אַ צייט צוריק געזוכט ערגיץ אַ רויק שטיקל אָרט, וואו צו געבוירן אירע קינדער, און האָט נישט געקאָנט געפינען; ביז ס׳האָט זיך ענדלעך דערבאַרעמט איבער איר דער אייביק־וואַנדערנדיקער דעלאָס₁) און האָט זי אַרויפגענומען אויף זיך און זי האָט געבוירן — און אַזאַ איינע האַלט איר פאַר אַ געטין? צי געפינען זיך נישט צווישן אייך פרויען, וועלכע עס האָבן אויסגעוויילט פאַר זיך די געטער? טאָ פאַרוואָס דינט איר נישט אויך צו זיי? איך בין דאָך צעאוסעס אַן אייניקל, די טאָכטער פון דעם געטער־פריינט טאַנטאַל, און פון דיאָנע, דער שוועסטער פון די שטראַלנדע פּלעיאַדן! ווער איז גלייך צו מיר אין שיינקייט? ווער איז גלייך צו מיר אין עשירות? וואָס זענען די צוויי קינדער פון לעטען אין פאַרגלייך מיט מיינע פירצען קינדער? זיי זענען דאָך גאָרנישט מיט גאָרנישט!

און זי האָט געענדיקט:

— פאָלגט מיך, איר טהעבאַנעריגס, נעמט אַראָפּ די לאָדבער־צווייגן פון אייערע קעפּ און גייט שנעל אַהיים, וואָרום איר טוט אַ גרויסע נאַרישקייט.

די טהעבאַנעריגס האָבן נישט געוואַגט, נישט צו געהאָרכן דער קעניגין; זיי האָבן אַראָפּגענומען די לאָרבער־צווייגלעך פון די קעפּ און זענען אַהיימגעגאַנגען, אומעטיק און שטילשווייגנדיק. אין האַרצן האָבן זיי תפילה געטון צו דער געלעסטערטער געטין, זי זאָל זיי פאַרגעבן די זינד.

לעטאָ האָט אַראָפּגעקוקט פון אַ שפּיץ באַרג, געזעען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און אַריינגעפאַלן אין צאָרן. זי האָט זיך

---

1) די אינזל דעלאָס האָט אייביק אַרומגעשווימען איבערן ים, אָן אָפּרו, נאָלדעס אָבער, ווי זי האָט זיך דערבאַרמט איבער לעטאָן, וועלכע איז פאַרפאָלגט געוואָרן דורך העראַן, און איר געגעבן אַן אָרט, וואו צו געבוירן אירע קינדער, האָט צעאוס אָפּגעשטעלט אירע וואַנדערונגען, און זי איז געוואָרן אַ רויקע שטייענדיקע אינזל.

געווענדעט צו אירע קינדער, אַפּאָללאָ און אַרטעמידע, און געזאָגט צו זיי: האָט איר געזעען, וואָס די גאוהדיקע ניאָבע האָט געטון, די טאָכטער פון טאַנטאַל דעם רשע? נישט נאָר, וואָס זי האָט נישט געלאָזט אויפברענגען צו מיר קיין אָפּפער און האָט צעשטערט מיינע אַלטאַרן, נאָר זי האָט מיך נאָך געזידלט מיט ווערטער, געמאַכט מיין נאָמען צו שפּאָט, און אויך אייך, מיינע קינדער, מיין פרייד און מיין שטאָלץ, האָט זי געזידלט און אויסגעלאַכט—און איר וועט זיך נישט אָננעמען מיין עולה?

זענען אויך אַפּאָללאָ און אַרטעמידע אַרייגעפאַלן אין צאָרן און האָבן אויסגערופן: באַרויק זיך, מוטער, מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעבן ניאָבען איר זינד!

זיי האָבן זיך אַרומגעהילט מיט אַ נעבל און אפוילן די ווינטן, זיי זאָלן זיי אַוועקטראָגן אויף מזרח-זייט פון דער שטאָט טהעבען. אויף יענער זייט פונם שטאָט-טויער איז געווען אַ גרויסער, ברייטער פּלאַץ, וואָס איז קיינמאָל נישט פאַראַקערט און פאַרזייט געוואָרן; איטלעכן טאָג האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אַלע בחורים פון שטאָט, כדי זיך איינצואיבן אין דער קריג-קונסט, צו לויפן אין וועט-לויפן און צו מאַכן גימנאַסטיק.

ווען די געטער זענען געקומען אויפן פּלאַץ, זענען דאָרט, אַזוי ווי יעדן אַנדערן טאָג, אויך דאָסמאָל געווען פאַרזאַמלט אַלע יונגעלייט פון טהעבען, און די שפּילן האָבן געהאַלטן אין סאַמע מיטן ברען. צווישן די שפּילער זענען אויך געווען ניאָבעס זיבן זין: איינער האָט געריטן אויף אַ פערד, דער צווייטער האָט געשאָסן אין ציל, דער דריטער איז געלאָפן צו פוס. דער פירטער האָט געוואָרפן זיין דיסק, דער פינפטער האָט זיך געראַנגלט מיט אַ געגנער, דער זעקסטער איז געריטן אין געוועט אויף אַ רייטוואָגן, דער זיבעטער, ניאָבעס עלטסטער זון, איז געריטן אַרום אַרונדיקער אַרענע, פעסט אָנגעהאַלטן די לייצן, אַמאָל זיך אַ לאָז געטון אין אַ שטורמישן גאַלאָפּ, אַז דעם פערד האָט אַזש שוים אַ שפּריץ געטון פון מויל, אַמאָל ווידער איינגעהאַלטן אַביסל און געריטן מיט אַ מעסיגערן שריט.

פלוצלונג האָט דער יונגערמאַן אַ ציטער געטון און אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן וויי־געשריי, וואָרום עס האָט אים געטראָפן די פייל, וואָס ס׳האָט אויסגעשאָסן אַפּאָללאָ. די לייצן זענען אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט, ער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון פערד און געבליבן ליגן אַ טויטער.

די ברידער זענען צוגעשפרונגען צו אים, אַ קוק טון, וואָס ס׳איז געשעען. דאַן זענען אויך זיי געטראָפן געוואָרן פון אַפּאָללאָס פיילן, און זיי זענען געפאַלן טויט. פון ניאָבעס זיבן זין איז איבערגעבליבן בלויז איינער, דער סאַמע יונגסטער. זעענדיק דעם פלוצלונגדיקן טויט פון זיינע ברידער, איז ער געפאַלן אויף די קני, אויסגעשפרייט די הענט צום הימל און אויסגערופן: רחמנות פולע געטער! דערבאַרמט זיך איבער מיר און זאָל מיך נישט טרעפן אייער צאָרן, וואָרום וואָס בין איך באַגאַנגען פאַר אַ זינד?

האָט דער אַכזריותדיקער בויגן־שיסער רחמנות געקריגן אויף דעם קינד און געוואָלט איינהאַלטן די פייל, וואָס ער האָט אויסגעשאָסן. עס איז אָבער שוין געווען צו שפעט. די פייל האָט אַ פלי געטון, געטראָפן דאָס קינד און עס געטויט. נאָר דער טויטוויי איז געווען אַ קלענערער און דאָס יונגל האָט זיך כמעט אָן שמערצן געזעגנט מיטן לעבן.

די ידיעה האָט זיך פאַרשפרייט מיט דער געשווינדיקייט פון אַ בליץ און באַלד איז אַמפיאָן געוואָר געוואָרן, אַז זיינע זין זענען געשטאָרבן. דאַן האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין שאַרפער שווערד און איז געפאַלן אַ טויטער. דאָס פאָלק האָט אויפגעהויבן אַ קלאָג־געשריי און דאָס שלוכצן האָט אַריינגעדרונגען אויך אין די צימערן פון ניאָבען. זי האָט אַרויסגעשיקט איינע פון אירע שטוב־מיידלעך, געוואָר ווערן, וואָס ס׳איז געשעען. דאָס מיידל איז צוריקגעקומען און איר דערציילט וועגן טויט פון אירע זין. די קעניגין איז שרעקלעך צעטומלט געוואָרן און האָט עס נישט געוואָלט גלויבן. ניין! — האָט זי אויסגערופן — צו שוואַך זענען די געטער, אויף צו טויטן אַלע מיינע זיבן קינדער מיט־

אַמאָל! אינגיכן אָבער, האָט זי זיך איבערצייגט, אַז פאַר די גע־
טער איז קיין זאַך נישט צו שווער, און זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ



ניאָבע.

פינסטערן יאוש. די אויגן זענען איר אַריינגעזונקען אין די לע־

כעה, זי איז געוואָרן איינגעהויקערט און איינגעשרומפּן פאַר ווייטאָג און האָט גענומען לויפן צום פּאַלאַץ, וואו עס זענען געלעגן אירע טויטע זין. און ווי זי איז אַזוי געלאָפן, האָבן די דורכגייער געבראָכן די הענט, צוגעשמוצערט מיט די ליפּן, געשאָקלט מיטליידיק מיט די קעפּ און געזאָגט איינער צום אַנדערן: דאָס איז געוואָרן פון ניאָבען די וואונדערלעכע שיינקייט, די שענסטע צווישן די טהעבאַנערינס ?

קומענדיק אויפן שפּיץ־פּלאַץ, איז ניאָבע אַרויפגעפאַלן אויף די טויטע קערפּער פון אירע זין און גענומען זיי האַלזן און קושן.

דערנאָך האָט זי אויסגעשפּרייט אירע הענט צום הימל און אויסגערופן: פריי זיך, פיינדין מיינע! דו האָסט זיך אָנגעזעטיקט מיט מיין לייב, דו האָסט דיך אָנגעשכורט מיט מיין בלוט. אָ, הלואי וואָלט איך אויך געשטאָרבן, וואָרום וואָס טויג מיר אַזאַ אומגליקלעך, פאַראומערט לעבן ?

דערווייל זענען אויך די זיבן טעכטער ניאָבעס געקומען אויפן פּלאַץ, צו באַוויינען און באַקלאָגן זייערע ברידער. די מיידלעך זענען געווען אָנגעטון אין שוואַרצע טרויער־קליידער, זייערע האָר זענען געווען פונאַנדערגעלאָזט, און דער טרויער האָט זיי צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן און אַ באַזונדערן רייץ. דערזעענדיק אירע טעכטער, איז ניאָבעס האַרץ ווידער פול געוואָרן מיט גאוה, זי האָט פאַרגעסן איר אומגליק, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט מיט שטאָלץ:

—איך לאַך פון דיר, לעטאָ, און פון דיין גאַנצן נצחון! גיב אַ קוק און זע, איך בין נאָך אַלץ גרעסער פון דיר, וואָרום די צאָל פון מיינע טעכטער שטייגט פיל איבער די צאָל פון דיינע קינדער.

ווי נאָר זי האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, האָט ווידער אַ ברום געטון דער געשפּאַנטער פיילן־בויגן. אַ פּחד איז געפאַלן אויף אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן שפּיל־פּלאַץ. ניאָבע איז געבליבן ווי צו גענאָגלט צום אָרט, זי איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן פון שרעק. און אָט האָט געטראָפן אַ פייל אין האַרצן פון

איינער פון די מיידלעך, זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון מיט דער האַנט פאַר דער ברוסט, נאָר זי איז באַלד אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, אַ נעבל האָט איר פאַרשלייערט די אויגן און איר קאָפּ איז אַראָפּגעזונקען אויפן קערפּער פון אַ טויטן ברודער. אַ צווייטע איז צוגעלאָפן צו דער מוטער, ווי זי וואָלט וועלן זוכן אַ רעטונג, נאָר די פייל האָט זי געפונען, אַדורכגעבויערט איר לייב. און זי איז אויך אַנידער געפאַלן אַ טויטע.

די דריטע האָט געוואָלט אַנטלויפן ערגעץ ווייט, נאָר די אומדערמאַרמדיקע פייל האָט זי געטראָפן אין מיטן וועג און זי דערהרגעט. און אַזוי זענען אומגעקומען איינע נאָך דער אַנדערער ניאָבעס טעכטער, זיי זענען געפאַלן, ווי די אונטערגעשניטענע זאַנגען.

פון די זיבן מיידלעך איז געבליבן בלויז איינע. זי איז צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום שויס פון דער מוטער און זיך איינגעטוליעט אין די פאַלדן פון איר קלייד, ווי זי וואָלט געזוכט אַ רעטונג פון דעם פירכטערלעכן טויט, וואָס האָט היינט געפייערט אַזאַ גרויזאַמען יום־טוב.

דאַן האָט ניאָבע אויפגעהויבן איר קלאָג געוויין פאַר לעטאָן און געזאָגט: דערבאַרעם דיך, מעכטיקע געטין, נעם נישט צו פון מיר מיין איינציק־געבליבענע טאָכטער!

נאָר איידער נאָך זי האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, איז שוין דאָס מיידל אַנידערגעפאַלן טויט.

פון אַמפיאָנס הויז איז געבליבן לעבן ניאָבע אַליין. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אירע טויטע קינדער און איז אַזוי געשטאַנען אַ צייט, פאַרגליווערט פון צער, ביז זי איז ענדלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין.

פון אירע געדיכטע לאָקן האָט זיך נישט אַ באַוועג געטון אַפילו אַ הערעלע, איר פנים איז געוואָרן ווייס, די אויגן זענען געוואָרן שטאַר אין זייערע לעכער, און איר קערפּער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פון לעבן. דאָס בלוט האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אירע אָדערן, איר נאַקען איז פאַרהאַרטעוועט גע־

וואָרן, די פיס זענען צוגעוואַקסן צו דער ערד. אַזוי איז די אומ־גליקלעכע קעניגין פון טהעבען געוואָרן צו אַ שטיין. בלויז דער קוזל פון אירע טרערן איז נישט איינגעטרוקנט געוואָרן און זיי זענען כסדר ווייטער גערונען פון אירע פאַרשטיינערטע אויגן.

פלוצלונג איז געקומען אַ שטאַרקער ווינט און אַוועקגעטראָגן דעם שטיין ערגעץ ווייט, געפירט אים איבער ים און טרוקעניש און געבראַכט אים קיין לידיען, אין געבורטסלאַנד פון ניאָבען. דאָרט איז די שטיינערנע זויל געבליבן שטיין צווישן ווילדע בערג און שאַרפע פעלזן־שפיצן. זי שטייט דאָרט ביזן היינטיקן טאָג, און קוואַלן וואַסער רינען און פליסן פון אירע שטיינערנע אויגן־לעכער.



גריכישע מיטן
(לעגענדן)

באַאַרבעט לויט פֿאַרשידענע קוועלן

— דורך —

א. מעטראָפּאָליטאַנסקי.

— יודיש דורך ה. ז. —

צווייטער טייל.

פֿאַרלאַג
א. גיטלין.

וואַרשע 1922

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

אינהאַלט:

№		זייט
1	יאַזאָן.	5
2	יאַזאָן לאָזט זיך אין וועג אַריין.	11
3	די אַרגאָנויטן אויף דער אינזעל לעמנאָס.	16
4	אין לאַנד פון די דאָליאָנער.	24
5	העראַקלעס בלייבט אין וועג.	28
6	פּאָלוקס.	34
7	דער קעניג פינעאוס און די האַרפּיעס.	38
8	די סימפּלעגאַדען.	43
9	די ווייטערדיקע רייזע.	49
10	יאַזאָן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ.	59
11	מעדעאַ און אַעטעס.	64
12	אַרגאָסעס עצה.	70
13	מעדעאַס צוזאָג.	78
14	אַ געשפּרעך צווישן יאַזאָן און מעדעאַ.	82
15	יאַזאָן ערפילט אַעטעסעס פאָדערונג.	88
16	די ערAָבערונג פון דער גאָלדענער וואָל.	97
17	ווי אַזוי די אַרגאָנויטן זענען ניצל געוואָרן פון זייערע פאַרפאָלגער.	105
18	די אַרגאָנויטן אויפן וועג צו זייער היים.	113
19	די נייע פאַרפאָלגונג.	124
20	די לעצטע איבערלעבענישן.	128
21	יאַזאָנס סוף.	139



1.

יאַזאָן.

אין גריכנלאַנד איז געווען אַ מאַן מיטן נאָמען יאַזאָן ; ער איז געווען דער זון פון אייזאָן און דאָס אייניקל פון קרעטעאוס. דער דאָזיקער קרעטעאוס, יאַזאָנס זיידע, האָט אויפגעבויט אַ שטאָט ביים טעסאַלישן ים־אויסגוס און זי אָנגערופן יאָלקוס. ער האָט געקיניגט פיל יאָרן אין זיין ניי־געבויטער שטאָט, געטון גע־רעכטיקייט און זיך געקויפט אַ גוטן נאָמען.

ווען קרעטעאוס איז אַלט געוואָרן און דערפילט, אַז ער דערנעענטערן זיך זיינע לעצטע טעג, האָט ער געלאָזט רופן זיינע הויפלייט און קנעכט און געזאָגט צו זיי : מיין לעבנס־טאָג גייט צו ענדע, נאָך מיין טויט זאָלט איר זאַלבן פאַר אַ קעניג מיין עלטסטן זון אייזאָן, וואָרום אים גיב איך איבער דעם קעניגלעכן שטול.

האָבן די הויפלייט געענטפערט : מיר וועלן דערפילן דיין

נאָך קרעטעאוסעס טויט האָבן די הויפּלייט געזאַלבט אייזאָנען פאַר אַ קעניג. אייזאָן האָט געהאַט אַ ברודער מיטן נאָמען פעליאַס; דער דאָזיקער פעליאַס איז געווען אַ שלעכטער, פאַרברעכערישער מענטש, און האָט געפלאַקערט מיט קנאה צו זיין ברודער. ער האָט געשלאָסן קעגן אים אַ בונט, פאַרטריבן אים פון יאָלקוס און פאַרכאַפּט דעם כסא המלוכה. אייזאָן איז געשטאָרבן אָרעם און פאַרלאָזן און זיין זון יאַזאָן האָט געמוזט אַנטלויפן, כדי זיך מציל צו זיין פון טויט. ער איז געקומען אין הויז פונם צענטויער כיראָן, וועלכער האָט אויפגעצויגן די באַרימטסטע העלדן. כיראָן האָט צוגענומען צו זיך יאַזאָנען, געזאָרגט פאַר אים און געוואָרן זיין לערער און דערציער.

ווען פעליאַס איז געוואָר געוואָרן, אַז זיין ברודער־זון יאַזאָן איז אַנטלאָפן, איז געפאַלן אויף אים אַן אימה און ער האָט פאַרלוירן די רו. ער איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן, נישט ,געקאָנט צומאַכן ביינאַכט קיין אויג, וואָרום ער האָט זיך אַלץ געשראָקן, טאָמער וועט יאַזאָן צוריקקומען און נעמען פון אים נקמה. און וואָס ווייטער, איז פעליאַס געוואָרן אַלץ שרעקעוודיקער; דאָס לעבן איז אים געוואָרן פאַרביטערט, דאָס האַרץ האָט אים שטענדיק געקלאַפּט.

איינמאָל, איינשלאָפנדיק אויף אַ ווילע, האָט פעליאַס געזען עפּעס אַ חלום. ער איז גלייך אויפגעקומען פון שלאָף, אַ שרעקלעך צעטומלט און צעשראָקן. ער האָט געלאָזט רופן די געלערנטע און די צויבערער, זיי זאָלן אים אויסזאָגן דעם חלום און ערקלערן זיין באַשייד. האָבן די צויבערער באַטראַכט די וואָלקנס, נאָכגעפאָרשט דעם פלי פון די פויגל, איינגעקוקט זיך אין די פאַרבן פון הימל און געזאָגט צו פעליאַסן: אָט וואָס דיך האָט געחלומט. דו האָסט געזעען אין שלאָף אַ יונגן העלד, וואָס איז געקומען פון אַ פרעמד לאַנד, און דער העלד איז הויכגעוויקסיק און שיין־געבויט; ער טראָגט נאָר איין שוך, זיין צווייטער פוס איז אַ באָרוועסער. דערנענטערנדיק זיך צו דיר, האָט ער אויפגעהויבן זיין שפּיז, כדי דיך צו דערשלאָגן. מיר וואָרע־

נען דיך, האַר און קעניג, זאָלסט דיך היטן פאַר אַ מאַן, וואָס טראָגט נאָר איין שוך.

דערהערנדיק דעם חלום און זיין באַשייד, האָט פעליאַס אַ ציטער געטון פון שרעק.

יאַזאָן האָט דערווייל געלעבט אין הויז פון כיראָן, איינגעאיבט זיך אין דער קריג־קונסט און געוואָרן אַ באַרימטער גבור. ווען ער איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין יאָלקוס, אָפּצונעמען דאָס קעניגרייך פון זיין פעטער פעליאַס. דערבאַ האָט ער נישט ענטפלעקט פאַר קיין שום מענטש דעם ציל פון זיין רייזע.

געקליידעט איז ער געווען אַזוי ווי אַלע אַנדערע העלדן: ער האָט געטראָגן אַ קורצן מאַנטל, באַדעקט מיט דער פעל פון אַ טיגער, וועלכן ער האָט דערשטיקט מיט זיינע אייגענע הענט. באַוואָפנט איז ער געווען מיט צוויי שפּיזן: איינע אַ וואַרף־שפּיז און איינע—אַ שפּיז צום שטעכן. ער האָט געטראָגן לאַנגע, נישט געשוירענע האָר, וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן איבער די אַקסלען.

אויפן וועג איז ער צוגעקומען צום ברעג פון אַ ברייטן טייך. פּלוצלונג האָט ער דערזעען אַן אַלטע, שוואַכע פרוי, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג און נישט געוואוסט, ווי אַזוי אַריבערצוגיין איבערן וואַסער. יאַזאָן איז צוגעגאַנגען צו איר, און זי האָט אים גענומען בעטן, אַריבערפירן זי איבערן טייך. און די אַלטע איז נישט געווען קיין מענטש; עס איז געווען הערא, פעליאַסעס פיינדין, וועלכע האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטיטשקע.

יאַזאָן האָט אָבער נישט געקאָנט הערא̇ן און האָט זי געהאַלטן פאַר אַ געווענלעכע שטערבלעכע. ער האָט זיך דערבאַרעמט איבער איר, גענומען זי אויף די הענט און אַריבערגעפירט איבערן טייך. אַרויסשטייגנדיק אויפן ברעג, האָט זיך אויסגעגליטשט באַ אים אַ פוס און פאַרלוירן דעם שוך. יאַזאָן האָט אָבער נישט געקוקט דערויף, נאָר געלאָזט זיך ווייטער אין וועג אריין און אָנגעקומען אין יאָלקוס.

אין יענעם טאָג איז אין יאָלקוס גראָד געווען אַ גרויסע
יום-טוב; דאָס פאָלק האָט געטאַנצט און געזונגען איבער די גאַסן

הערא.

:ואָרום פעליאַס האָט אין דעם טאָג מקריב געווען קרבנות צו פאַ-

סעידאָנען, דעם גאָט פון ים.

יאַזאָן איז געקומען אין שטאָט אַריין. דערזעענדיק דעם יונגן, שיינעם, הויכגעוויקסיקן העלד, האָט אים דאָס גאַנצע פאָלק באַטראַכט מיט פאַרוואונדערונג. דאָס מוז זיין אַ גאָט — האָט געזאָגט איינער צום אַנדערן — ער מוז זיין אַראָפּגעקומען צו אונז פון הויכן אָלימפּוס.

נאָכדעם ווי דער קעניג האָט געענדיקט דעם פייערלעכן גאָטעס־דינסט, האָט מען פאָרגעשטעלט פאַר אים דעם פרעמדן יונגעמאַן. דערזעענדיק זיין באָרוועסן פוס, איז דער קעניג אויפגעציטערט געוואָרן. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, אָנגענומען זיך מיט מוט, צוגעגאַנגען צו יאַזאָנען און מיט אַ געמאַכטער רויקייט געפרעגט אים וועגן זיין נאָמען און אָפּשטאַמונג. האָט אים יאַזאָן אָפנהערציק דערציילט, אַז ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אינם הויז פון דעם צענטויר כיראָן, ביי וועלכן ער האָט זיך געלערנט די קריג־קונסט, און אַז יעצט איז ער געקומען אַהער, כדי צו פאָדערן דאָס קיניגרייך, וואָס קומט אים בירושה נאָך זיין פאָטער.

פעליאַס איז געווען אַ פאַלשער און אַ כיטרער מענטש. ער האָט רויק אויסגעהערט יאַזאָנס פאָדערונג און גוטמוטיק געשמייכלט, אַזוי, אַז קיינער האָט נישט געקאָנט וויסן, וואָס ס׳קומט פאָר ביי אים אין האַרצן. ער האָט אַריינגעפירט זיין ברודערן־זון אין פאַלאַץ אַריין און געוויזן אים אַלע זיינע חדרים און אַלע זיינע גרויסע אוצרות. יאַזאָן האָט זיך זער געפרייט, באַקענענדיק זיך מיט די ערטער, וואו ער האָט זיך געשפּילט אין דער קינדהייט.

דער קעניג האָט געמאַכט לכבוד יאַזאָנען, אַ גרויסע מאָלצייט, וואָס האָט געדויערט גאַנצע פינף טעג, און האָט איינגעאָרדנט פאַרשידענע שפּילן. אויפן זעקסטן טאָג, נאָך דער מאָלצייט, איז געקומען יאַזאָן מיט זיינע יוגנט־חברים, געשטעלט זיך פאַרן קעניג און געזאָגט מיט דרך־ארץ:

— האַר און קעניג! דו ווייסט דאָך, אַז דאָס קיניגרייך געהערט צו מיר, וואָרום איך בין דער זון פון אייזאָנען, דעם

געזועצלעכן קעניג פון דעם לאַנד. דו האָסט אַוועקגעריבט ביי
אים דעם כסא=המלוכה, און ער איז געשטאָדבן עלנד און אָרעם.
גיב מיר צוריק די מלוכה מיטן גוטן ווילן, וועל איך מיך נישט
נוקם זיין אָן דיר און איך וועל דיר לאָזן די סטאַדעס שאָף און
רינדער און אויך די פעלדער, וואָס דו האָסט אומגעזועצלעך צו=
גענומען ביי מיין פאָטער.
דערויף האָט פעליאַס געענטפערט:
— דו ביסט גערעכט, יאַזאָן, און איך וועל דיר גערן צו=
ריקגעבן דאָס קיניגרייך. נאָר איידער דו וועסט איבערנעמען דעם
כסא=המלוכה, מוזטו זיך באַווייזן מיט עפעס אַ טאַט, וואָס זאָל
באַרימט מאַכן דיין נאָמען. איך אַליין בין שוין צו אַלט און צו
שוואַך, אום דאָס צו באַווייזן. הער אויס, יאַזאָן, וועגן וואָס עס
האַנדלט זיך. פון צייט צו צייט קומט צו מיר פריקסאָס צו חלום
און ער גיט מיר אַ שטרענגן באַפעל: גיי קיין קאָלכידאַ, צום קע=
ניג אַעטעס, נעם אָפּ בא אים די גאָלדענע פעל און פיר איבער
מיינע ביינער אין מיין געבורטס=לאַנד. אַזוי רעדט צו מיר פריק=
סאָס אין חלום. איך בין שוין אַלט און קאָן מיך נישט אַוועק=
לאָזן אין אַזאַ וויטן וועג. דעריבער, מיין זון, פאָלג מיך, גיי קיין
קאָלכידאַ, פיר אויס דעם באַפעל פון פריקסאָסן, וועסטו זיך מאַכן
באַרימט אויף אַלע צייטן. נאָך דיין צוריקקומען פון קאָלכידאַ,
וועסטו איבערנעמען דעם כסא=המלוכה.



2.

יאַזאָן לאָזט זיך אין וועג אַריין.

דאָס איז די געשיכטע פון דער גאָלדענער פעל.

אַטאָמאַס, דער קעניג פון בעאָטיען, האָט געהאַט אַ זון און אַ טאָכטער; דער זון האָט געהייסן פריקסאָס און די טאָכטער— העלאַ. ווען די קינדער זענען געפאַלן אויף די וועלט, איז זייער מוטער געשטאָרבן. האָט אַטאָמאַס גענומען אַ צווייטע פרוי, מיטן נאָמען אינאָ, און אָן זיין ערשטע פרוי האָט ער פאַרגעסן. אינאָ האָט געפּייניקט די קינדער מיט שווערע אַרבעטן, פאַרביטערט זייער לעבן און צום סוף אויך געוואָלט אַוועקברענגען זיי פון דער וועלט. איז זיי געקומען צו חלום נעפעלע, זייער געשטאָר- בענע מוטער, און צו זיי געזאָגט: אייער שטיף-מוטער טראָגט זיך אַרום מיט אַ בייזער מחשבה, זי וויל אייך טויטן. דאָ ברענג איך אייך, מיינע קינדער, אַ באַפליגלטן ווידער, וואָס ס'האָט מיר גע- שאָנקען הערמעס, דער שליח פון די געטער. זעצט זיך אויפן ווי-

דער, וועט ער אייך מציל זיין פֿון אייער שטיפֿמוטער, דער מרשעת.

די קינדער זענען אויפֿגעקומען פֿון שלאָף און געעפֿנט די אויגן, האָבן זיי דערזען פֿאַר זיך אַ ווידער מיט פֿליגל און מיט אַ פֿעל פֿון ריינעם גאָלד. דאַן האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז די פֿרוי, וואָס זיי האָבן געזען אין חלום, איז ווירקלעך געווען זייער מוטער און אַז אינאַ וויל זיי ווירקלעך טויטן. זיי האָבן שנעל אָנגעטון זייערע קליידער און זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן ווידער. דער ווידער האָט אַ שפּרייט געטון זיינע פֿליגל, אויפֿגעהויבן זיך פֿון דער ערד און האָט אַוועקגעטראָגן די קינדער ווייט־ווייט; ער איז געפֿלויגן מיט זיי איבער ימים און טרוקענישן. דאָס מיידל האָט אַ קוק געטון פֿון דער הויך אויף די ערד אַראָפּ; דערזעענדיק די פֿירכטערלעכע ווייטקייט, וואָס האָט זי אָפּגעטיילט פֿון דער ערד, האָט איר אַ שווינדל געטון פֿאַר די אויגן און זי איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון ווידער. זי איז אַריינגעפֿאַלן אין ים אַריין און פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון די כוואַליעס. רופֿט מען דעם ים פֿון דעמאָלט אָן ביזן היינטיקן טאָג העלעספּאָנט, דאָס הייסט: דער ים פֿון העלאַ. פֿריקסאָס אָבער איז געקומען בשלום אין לאַנד קאָלכידאַ, וואָס ליגט אויפֿן ברעג פֿון שוואַרצן ים.

אַעטעס, דער קעניג פֿון קאָלכידאַ, האָט אים באַגעגנט מיט פֿרייד, אַריינגענומען אים צו זיך אין הויז און געגעבן אים די עלטסטע טאָכטער פֿאַר אַ ווייב.

האָט פֿריקסאָס געוואוינט אין פּאַלאַץ פֿון קעניג און געדאַנקט און געלויבט צעאוסן, וועלכער איז אים בייגעשטאַנען אין אומגליק און בשלום געפֿירט דורך אַזאַ וויטן וועג. פֿריקסאָס האָט גענומען דעם ווידער, אויף וועלכן ער איז געריטן, און אויפֿגעבראַכט פֿאַר אַ קרבן צו צעאוסן; די גאָלדענע וואָל אָבער האָט ער אָפּגעשוירן און געשאָנקען דעם קעניג אַעטעס. די וואָל איז געווען טייערער פֿון פּערל און פֿון אַלערליי אבנים יקרות; האָט זי אַעטעס געהייליקט פֿאַר אָרעסן, דעם גאָט פֿון מלחמה, און זי אויפֿגעהאָנגען אין אָרעסעס הייליקן וועלדל.

דאַן איז געקומען אַ נביא צום קעניג אַעטעס און אים געזאָגט: זאָלסט היטן די וואָל, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, וואָרום זאָלסט וויסן זיין, אַז אין טאָג, ווען דו וועסט זי פאַרלירן, וועט אונטערגיין די זון פון דיין גליק. האָט זיך אַעטעס שטאַרק דערשראָקן און אַוועקגעשטעלט אַ שרעקלעך מאָנסטרום, וואָס זאָל וואַכן איבער דער וואָל און היטן זי טאָג און נאַכט.

די גרעסטע גבורים פון גריכנלאַנד האָבן געהערט וועגן דער רייזע פון פריקסאָסן און וועגן דער וואונדערלעכער וואָל, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט קיין קאָלכידאַ, כדי צו פּרובן גליק און צונעמען די וואָל ביים קעניג אַעטעס. זיי זענען אָבער אַלע אומגעקומען אין מיטן וועג.

פּעליאַס האָט געוואוסט, אַז עס איז נישט מעגלעך פאַר אַ מענטשן צו קומען אויף אַ נאַטירלעכן אופן קיין קאָלכידאַ, דערבײַ האָט ער אָנגערעדט יאַזאָנען, ער זאָל צוריבן די גאָלדענע וואָל און איבערפירן די ביינער פונם געשטאָרבענעם פריקסאָס. ער האָט זיך דערבײַ געטראַכט: איך וויל נישט פאַרגיסן זיין בלוט, זאָל ער בעסער אומקומען אויפן וועג.

די זאַך איז אָבער געפעלן געוואָרן יאַזאָנען, וועלכער האָט פון זיין קינדהייט אָן געשטרעבט צו גרויסע טאַטן. עס איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס האָט זיין פעטער אויסגעטראַכט, כדי אים אַוועקצובריינגען פון דער וועלט.

אײַנגיכן איז מען געוואָר געוואָרן אין אַלע מדינות פון גריכנלאַנד, אַז יאַזאָן לאָזט זיך אַוועק קיין קאָלכידאַ, און פון אומעטום זענען זיך צונויפגעקומען העלדן און געלערנטע, כדי צו נעמען אָנטייל אין דער רייזע. עס זענען געקומען: טיפיס, דער ווייטזיכטיקער לינצעאוס און העראַקלעס; פּעלעאוס, דער פאָטער פון אַכיללעס, און טעלאַמאָן, דער פאָטער פון אַיאַקס; קאַסטאָר און פּאָלוקס, די זין פון צעאוס, נעלעאוס, דער פאָטער פון נעסטאָר, און אַדמעטוס, דער מאַן פון אַלקעסטאַ; מעלעאַגער, וואָס האָט מנצח געווען דאָס ווילדע חזיר אין די וועלדער פון קאַלע-

דאָן,[1]) אָרפעאוס דער זינגער און מענאַציוס, דער פאָטער פון פּאַטראָקלעס; טעזעאוס, וואָס האָט שפּעטער געקיניגט אין אַטען, דער יונגער הילאָס, דער פריינט פון חעראַקלעס, עיפעמוס, דער זון פון פּאָסעידאָן, און אָיטעאוס, דער פאָטער פון יונגערן אַיאַקס.

די געלערנטע מייסטערס האָבן צו־פוסנס פון באַרג פעליאָן אויפגעבויט אַ גרויסע שיף פון אַ האָלץ, וואָס ווערט נישט קאַליע אין וואַסער. זיי האָבן אַריינגעפּאַסט אין די שיף דאָס ברעט, וואָס זיי האָבן באַקומען אַלס מתנה פון אַטענען, דער אויפזעערן איבער דער בוי־אַרבעט; דאָס ברעט האָט געהאַט וואונדערלעכע אייגנשאַפטן און האָט געקאָנט פאָראויסזאָגן די צוקונפט. די מייסטער האָבן זיך געפלייסט און האָבן געענדיקט זייער אַרבעט אין משך פון אַ חודש. זיי האָבן באַפעסטיקט אָן דער שיף פופציק רודערס און האָבן זי אָנגערופן אַרגאָס, אויפן נאָמען פון עלטסטן בוי־מייסטער, אַרגאָן, דער זון פון אַרעסטאָר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט. און די מענער, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער שיף, האָט מען אָנגערופן אַרגאָנויטן. דאָס איז געווען די ערשטע שיף, אויף וועלכער גריכן האָבן זיך געלאָזט שווימען איבערן ים. זיי האָבן באַצירט די שיף מיט פאַרשידענע פאַרפּוצונגען, און אַזוי ווי זי איז געווען זער לייכט, האָבן זי די גבורים גענומען אויף די אַקסלען און געטראָגן צוועלף טעג, ביז זיי האָבן זי געבראַכט צום ברעג פון ים.

דאַן האָבן זיי געוואָרפן גורל און איינגעטיילט צווישן זיך די ערטער און די אַרבעט אויף דער שיף; יאַזאָן איז געוואָרן דער שיף־פירער, טיפיס איז געזעסן ביים שטייער־רודער און דער שאַרפזיכטיקער לינצעאוס איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ וועגווייזער. אויך פון די איבעריקע העלדן האָט איטלעכער באַקומען זיין באַ־

---

[1]) לויט אַ צווייטן נוסח איז מעלעאַגער געשטאָרבן נאָך זיין נצחון, גלייך ווי ער האָט זיך אומגעקערט אין שטאָט אַריין. ז. אין ערשטן טייל די לעגנדע וועגן מעלעאַגער דעם יעגער.

שטימטן פלאַץ.

פאַרן לאָזן זיך אין וועג אַריין, האָט יאַזאָן מקריב געווען קרבנות צו פּאָסעידאָנען, דעם גאָט פון ים, נעהייליקט פאַר אים די שיף און איינגענומען אים מיט תפלות. אויך צו די קלענערע און וויניקער חשובע געטער פון ים האָט ער אויפגעבראַכט פיל אָפּפער און געשאַנקען.

די גבורים האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע ערטער, אויפגעהויבן דעם אַנקער און גענומען רודערן מיט די פופציק רודערס. דער ווינט האָט גראָד געבלאָזן אין דער ריכטונג, וואוהין זיי האָבן געדאַרפט שווימען; די זעגל האָבן זיך פונאַנדערגעשפרייט און די שיף האָט זיך אַ לאָז געטון, ווי אַ פייל פון בויגן, און איז אַרויסגעקומען אין אָפענעם ים.

דאַן האָט אָרפעאוס גענומען זיין האַרפע און אַ שלאָג געטון אין די סטרונעס. האָט גענומען שאַלן אַ וואונדערבאַר ליד, וואָס האָט געשטאַרקט און געמוטיקט די העלדן. די שיף איז פאַרבייגעשווימען פאַר פיל אינזלען און נאַקעטע שטיינער; צומאָרגנס אָבער איז אויסגעבראָכן אַ שטורם און פאַרטראָגן די שיף צו די ברעגעס פון דער אינזל לעמנאָס.



3

די אַרגאָנויטן אויף דער אינזל לעמנאָס.

מיט אַ יאָר פריער איז געקומען אויף די איינוואוינער פון לעמנאָס אַ גרויס אומגליק. געשען איז דאָס צוליב דעם, וואָס די פרויען פון לעמנאָס האָבן געלעסטערט דעם נאָמען פון אַפראָדיטען, דער געטין פון פרוכטבאַרקייט, און נישט אויפגעבראַכט פאַר איר די געהעריקע קרבנות. די געטין איז אַריינגעפאַלן אין גרימצאָרן און געשוואוירן ביי איר פאָטער צעאוס, אַז זי וועט זיך נוקם זיין אַ שרעקלעכע נקמה.

אַפראָדיטע האָט אַריינגעוואָרפן אַ פונק פון מחלוקת צווישן די באַוואוינער פון לעמנאָס און זייערע שכנים די טראַציער. אין איין העלן פרימאָרגן האָבן זיך אויפגעהויבן די לעמנאָסער, אָנגעפאַלן אויף די גרעניצן פון טראַציען, גענומען פיל רויב, אַוועקגעפירט גרויסע סטאַדעס שאָף און רינדער און גענומען אין גע-

פֿאַנגענשאַפֿט טײל פֿרויען. די פֿרויען פֿון טראַציען זענען געווען זער שײנע, האָבן די מענער פֿון לעמנאָס זיך צופֿיל אָפּגעגעבן מיט זײ. דאָס האָט פֿאַרדראָסן די לעמנאָסער פֿרויען, האָבן זײ אויסגעהרגעט זײערע מענער צוזאַמען מיט די געפֿאַנגענע פֿרויען, אַזוי, אַז פֿון אַלע מענער אויף דער אינזל איז איבערגעבליבן נישט מער ווי דער קעניג טאָאַס, וועלכן זײן טאָכטער היפּסיפּיליע האָט באַהאַלטן אין אַ קאַסטן און אַראָפּגעלאָזט אויפֿן באָדען פֿון ים. פֿון דעמאָלס אָן אָבער האָבן די לעמנאָסער ווײבער נישט געהאַט קײן רויִקע מינוט, וואָרום זײ האָבן זיך געשראָקן פֿאַר דער נקמה פֿון די טראַציער. טאָג־טעגלעך זענען זײ אַרויסגעגאַנגען צום ברעג, אַ קוק טון, צי די טראַציער קומען נישט אָן אויף זײערע קריגס־שיפֿן אָננעמען זיך פֿאַרן בלוט פֿון זײערע שוועסטערן און טעכטער. דערזעענדיק די שיף אַרגאָס, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו דער אינזל, האָבן זײ געמײנט, אַז דאָס קומט מען מיט זײ מלחמה האַלטן. זײ האָבן זיך אַלע צונויפֿגעזאַמלט, באַוואָפֿנט זיך פֿון קאָפּ ביז פֿיס און זיך געגרײט צום קאַמף.

דערזעענדיק אויפֿן ברעג אַ מחנה באַוואָפֿנטע פֿרויען, צווישן וועלכע עס איז נישט געווען קײן אײנאײנציקער מאַן, האָבן די אַרגאָנויטן אָפּגעבונדן אַ שיפֿל און אַוועקגעשיקט אויף די אינזל אַ שליח מיט אַ שלום־צווײגל אין האַנט. ווען דער שליח איז אַרויף אויפֿן ברעג, האָבן אים די וועכטערינס אַוועקגעפֿירט און פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דער קעניגין היפּסיפּיליע. ער האָט דערצײלט דער קעניגין וועגן זײן שליחות און געבעטן בײַ איר גאַסטפֿרײנטשאַפֿט.

האָט די קעניגין אײנגעזאַמלט אַלע פֿרויען פֿון לעמנאָס אויפֿן הויפּט־פּלאַץ פֿון דער שטאָט און זיך אַוועקגעזעצט אויף איר פֿאָטערס טראָן. פֿון בײדע זײטן טראָן זענען געשטאַנען צוויי גאָלד־געלאָקטע, שײנע מײדלעך, און נעבן דער קעניגין איז געווען איר אַלטע אַם, אָנגעלענט אויף איר שטעקן. די קעניגין האָט

איבערגעגעבן די פאַרזאַמלטע די ווערטער פונם שליח און געזאָגט:

— מיינע גוטע שוועסטערן! איר ווייסט דאָך, אַז מיר זענען באַגאַנגען אַ גרויסע זינד דערמיט, וואָס מיר האָבן דערהרגעט אַלע אונזערע מאַנסלייט. לאָמיר נישט מער באַשמוצן אונזערע הענט און לאָמיר די דאָזיקע רעכטשאַפענע מענטשן נישט אָפּזאָגן אונזער פריינטשאַפט. נאָר זייט געהיט און געוואָרנט, נישט אויסצוזאָגן וועגן דעם שוידערלעכן מאָרד, וואָס מיר זענען באַגאַנגען, וואָרום זיי וועלן נקמה נעמען פון אונז. דעריבער איז מיין עצה: נעמט אַלערליי שפּייז און געטראַנק, טראָגט עס אַוועק צו די פרעמדע אויף דער שיף און גיט זיי אַלץ, וואָס זיי וועלן פאַרלאַנגען. אפשר וועלן זיי נאָכדעם אָפּפאָרן און לאָזן אונז צורו.

דאַן האָט זיך אָנגערופן די אַלטע אַם פון דער קעניגין און געזאָגט:

— עס איז רעכט, איר זאָלט שיקן מתנות צו די פרעמדע. עס איז אָבער כדאי צו זאָרגן זיך אויך וועגן דער צוקונפט. איר ווייסט דאָך, אַז דער צאָרן פון די טראַציער איז נאָך נישט געשטילט. און אויב אַפילו די געטער וועלן אונז באַווייזן זייער חסד און אָפּווענדן פון אונז די בייזע מחשבות פון אונזערע שכנים, — צי דערוואַרטן דען נישט אייך אַזוי אויך שווערע, פינסטערע צייטן? וואויל איז די אַלטע, אַזעלכע ווי איך, וואָס דער טויט וואַרט אויף זיי הינטער דער טיר און דער קבר איז גרייט אַריינצונעמען אין זיך זייערע ביינער. זיי וועלן נישט זעען מיט זייערע אויגן דאָס אומגליק, וואָס לויערט אויף אונזער לאַנד. אָבער איר, יונגע, וואָס וועט זיין אייער סוף? ווער וועט זיך זאָרגן פאַר אייך, ווער וועט אייך שפּייזן, ווען ס׳וועט זיך אויסלאָזן דאָס לעצטע קערענדל אין אייערע שפּייכלערס? צי וועלן די אָקסן אַליין אַרויפלייגן אויף זיך די צוים און גיין אַקערן אייערע פעלדער? און ווען דער געבענטשטער זומער וועט באַדעקן די ערד מיט

תבואה, צי וועלן דאַן די אָקסן אַרויסגיין שניידן און בינדן די



אַפראָדיטע

בינטלעך? די אַרבעט איז דאָך שווער, און איר זענט צו איר

נישט געוואוינט. דעריבער איז מיין עצה: הויבט אויף אײַערע הענט און דאַנקט די אַלמעכטיקע געטער פאַר די הילף, וואָס זיי שיקן אײַך דורך די דאָזיקע פרעמדע. פאַרבעט זיי צו זיך, זאָלן זיי זיך באַזעצן אויף דער אינזל, זאָלן זיי געוועלטיקן איבער אײַך, אַרונטערנעמען אײַך אונטער זייער שוץ, און זאָל ווידער הערשן צווישן אײַך די גליקלעכע רו.

די עצה האָט אויסגענומען בײַ אַלעמען, און זיי האָבן באַשלאָסן, צו שיקן אויף די שיף אַ מיידל, וואָס זאָל איבערגעבן די אַרגאָנויטן דעם ווילן פון די פאַרזאַמלטע. די אַרגאָנויטן האָבן זיך זער דערפרייט און האָבן איינגעוויליקט, צו באַזעצן זיך אויף דער אינזל און זיך מתחתן צו זיין מיט די לעמנאָסער פרויען. וועגן דעם שוידערלעכן פאַרברעכן, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן אויף דער אינזל, האָבן זיי גאָרנישט געוואוסט.

יאַזאָן האָט זיך אָנגעקליידט דעם פורפורנעם מאַנטעל, וואָס ער האָט באַקומען פון אַטענען, און זיך געלאָזט מיט שטאָלץ און ווירדע צום טויער פון שטאָט. אַלע פרויען זענען אים געגאַנגען אַקעגן, און די לופט האָט געשאַלט פון זייערע פרייד-געשרייען. יאַזאָן איז אַרײַנגעקומען אין פּאַלאַץ פון דער מלכּה, און די דינערינס האָבן פאַר אים ברייט פונאַנדערגעשפּרייט די טירן. די קעניגין האָט אַרויסגעשיקט אַ יונגפרוי, אַרײַנצופירן יאַזאָנען אין איר צימער אַרײַן. יאַזאָן איז געקומען און זיך געזעצט נעבן דער קעניגין, אויף אַ גאָלד-געדעקטן שטול.

היפּסיפּיליע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן אַ ווײַלע. דערנאָך האָט זי זיך באַהערשט און געזאָגט:

— פאַרוואָס ווילט איר נישט, פרעמדע לייט, אַרײַנקומען אין אונזער שטאָט? דאָ זענען דאָך נישט פאַראַן קיין מענער און איר האָט זיך נישט פאַר וועמען צו שרעקן. אונזערע מענער האָבן אונז פאַראַטן. זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די טראַציער און גענומען אין געפאַנגענשאַפט פיל פרויען. זיי האָבן ליב באַקומען די פרעמדע פרויען, און זענען אַוועק מיט זיי קיין טראַ-

ציען. זענען מיר געבליבן איינזאַם און פאַרלאָזן. דעריבער, אויבעס געפעלט אייך, שפרייט אויס איבער אונז אייער שוץ, געוועלטיקט איבער אונז און איבער אונזער לאַנד, וואָרום אונזער לאַנד איז גרויס און פעט. דו אָבער וועסט איבערנעמען די שטול פון מיין פאָטער טאָאַס.

יאַזאָן האָט געדאַנקט דער קעניגין פאַר איר פריינטלעכקייט און איז אַוועק צו זיינע פריינט, איבערגעבן זיי דעם וואונטש פון דער קעניגין.

די לעמנאָסער פרויען האָבן אָנגעפילט פיל וואָגנס מיט די טייערסטע זאַכן און געבראַכט פאַר אַ מתנה צו די אַרגאָנויטן. אויסהערנדיק יאַזאָנס ווערטער, האָבן די גריכישע העלדן איינגעשטימט צו באַזעצן זיך אויף דער אינזל. זיי זענען געקומען אין שטאָט אַריין און אויסגעקליבן זיך יעדער זיין וואוינאָרט. יאַזאָן האָט זיך באַזעצט אינם פאַלאַץ פון דער קעניגין. בלויז הערא̇קלעס מיט זיינע פריינט זענען געבליבן אויף דער שיף, ווייל זיי האָבן פיינט געהאַט פרויען.

די אינזל איז פול געוואָרן מיט פרייד, אין יעדן הויז זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מאָלצייטן, די אַלטאַרן האָבן גערויכערט פון די פיל קרבנות, וואָס זענען אויפגעבראַכט געוואָרן צו העפעסטעס, דעם באַשיצער פון דער אינזל, און צו זיין ווייב אַפראָדיטע. וועגן דער רייזע האָבן די העלדן אינגאַנצן פאַרגעסן.

האָט דאָס פאַרדראָסן הערא̇קלעסן און ער איז אַראָפּ פון דער שיף און געקומען אין שטאָט אַריין. ער האָט שטילערהייט איינגעזאַמלט זיינע חברים און אַ דונער געטון אויף זיי מיט זיין שטים:

— אַ חרפּה און אַ שאַנד, איר גריכישע העלדן, וואָס איר האָט זיך געלאָזט איינגעמען דורך די שיינע רייד פון פרעמדע פרויען. צי האָט איר נישט גענוג שיינע פרויען בא̇ אייך אין לאַנד, וואָס איר זענט געקומען אַהער? צי האָט איר זיך דערויף

אַוועקגעלאָזט מיט דער שיף, כדי אָפּצוהאַלטן מאָלצייטן און צו פאַרברענגען די צייט מיט טאַנץ און געזאַנג? צי מיינט איר, אַז די געטער אַליין וועלן אייך ברענגען די גאָלדענע וואָל? עס איז שוין גלייכער, זיך אומצוקערן אַהיים, איידער זיצן אויף דער אינזל און דינען צו די ווייבער פון לעמנאָס: אַקערן זייערע פעלדער, זייען און שניידן. אויב יאַזאָן האָט ליב באַקומען היפּסיפּיליען און ער וויל זיך באַזעצן אויף דער אינזל, זאָל ער עס טון, און אַנדערע וועלן באַווייזן די גבורות און די העלדן־טאַטן, וואָס דערוואַרטן אונז אויף אונזער וועג!

האָבן די העלדן אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט געוואַגט אַ קוק צו טון אויף העראַקלעסן, וואָרום זיי האָבן זיך זער פאַרשעמט. און זיי האָבן באַשלאָסן, אַלע ווי איין מאַן, צו פאַרלאָזן די אינזל און זיך לאָזן ווייטער אין וועג אַריין. די פרויען האָבן באַמערקט, אַז די מענער באַגייען זיך מיט זיי אַנדערש ווי פריער, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז די גריכן גרייטן זיך צו פאַרלאָזן די אינזל. זיי האָבן אַרומגערינגלט די העלדן, ווי אַ מחנה בינען, און געפּרובט זיי אָפּווענדן פון זייער מחשבה. די מענער האָבן זיך אָבער איינגעעקשנט, און די פרויען האָבן זיי ענדלעך געלאָזט צו־רו.

דאַן איז אַרויסגעטרעטן היפּסיפּיליע פון צווישן דער מחנה פרויען, אָנגענומען יאַזאָנס האַנט און געזאָגט מיט געוויין:

— פאָר געזונטערהייט, צוזאַמען מיט דיינע פריינט, און זאָלן די געטער איבערענטפערן אין אייערע הענט די גאָלדענע וואָל. ווען דו וועסט זיך אומקערן פון דער שווערער רייזע, קום אויף די אינזל, וועסטו מיך נעמען פאַר אַ ווייב און ירשענען מיין פאָטערס שטול. און אויב דו וועסט נישט קומען אַהער, געדענק מיך צום גוטן.

יאַזאָן האָט זיך געזעגנט מיט היפּסיפּיליען. און זיין ווייטאָג איז געווען גרויס, וואָרום ער האָט זי ליב געהאַט און איז געווען צוגעבונדן צו איר.

און די גריכישע העלדן זענען אַרויף אויף די שיף און אָפּ־געבונדן די שטריק, מיט וועלכע די שיף איז געווען צוגעבונדן צום ברעג. זיי האָבן גענומען רודערן מיט די פופציק רודערס, די כוואַליעס האָבן אַ טראָג געטון די שיף, און זיי זענען אַדורכגע־שווימען דעם העלעספּאָנט.





4.

אין לאַנד פון די דאָליאָנער.

די ווינטן האָבן צוגעפירט די שיף צו די ברעגעס פון פריגיען. נישט ווייט פונם ברעג האָט זיך געפונען אָן אינזל, אויף וועלכער עס האָבן געוואוינט צוויי פעלקער: אַ פאָלק פון ווילדע ריזן, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד, און די דאָליאָנער, די זין פונם גאָט פון ים, וואָס האָבן ליב געהאַט דעם פרידן. די ריזן זענען געווען זער אומגאַסטפריינטלעך און קריגעריש און האָבן געהאַט אַ פירכטערלעך אויסזעען. יעדער האָט געהאַט זעקס הענט: צו איינע ביי יעדער אַקסל און פיר ביי די זייטן.

די ריזן האָבן געוואָלט פאַרטיליקן די דאָליאָנער, נאָר דאָס האָט נישט דערלאָזט דער גאָט פון ים, וועלכער איז געווען אַ טרייער באַשיצער פאַר זיינע קינדער.

מיט יאָרן צוריק האָט דער אָראַקול געוואָרנט די דאָליאָ-

נער: אויף אַ שיף אַרגאָס וועלן קומען צו אייך גבורים פון גריכנלאַנד; איר זאָלט זיי אויפנעמען מיט ברויט און וואַסער און געבן זיי אַ נאַכטלעגער, וועלן זיי אייך נישט טון קיין שלעכטס.

האָבן די דאָליאָנער אָנגעגרייט פיל וויין און ביר, מכבד צו זיין די געסט, וואָס וועלן קומען אין זייער לאַנד.

איינמאָל האָבן זיי דערזען אַ שיף, וואָס דערנענטערט זיך צום ברעג. האָט זיך פאַרזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק, פון יונג ביז אַלט, מיטן קעניג אין דער שפּיץ, און אַרויסגעגאַנגען מקבל פּנים זיין די געסט. דער קעניג האָט זיי פאַרבעטן אָפּצושטעלן זיך אין פּאָרט, פאַרן שטאָט-טויער, און צו וואַרפן דעם אַנקער.

די שווימער האָבן אַזוי געטון; און זיי זענען אַראָפּ פון דער שיף און געקומען אין שטאָט אַריין. דער קעניג האָט געמאַכט פאַר זיי אַ גרויסע מאָלצייט. די גבורים האָבן געגעסן און געטרונקען און דערציילט דעם קעניג וועגן דעם צוועק פון זייער רייזע.

זיי האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין ביז צו מאָרגנס אין דערפרי. ווען עס איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן, זענען זיי אַרויף אויפן שפּיץ פון אַ הויכן באַרג, און געקוקט אויפן ים, כדי אויסצעפאָרשן דעם וועג, אין וועלכן זיי זאָלן זיך לאָזן ווייטער. אויף דער שיף איז געבליבן העראַקלעס איינער אַליין, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַראָפּ אויף די יבשה.

די ריזן האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם אָנקומען פון דער שיף, האָבן זיי אויסגעהאַקט פעלזן פון די בערג און געוואָרפן אין ים אַריין, כדי צו פאַרצוימען פאַר דער שיף דעם וועג. דערזעענדיק דאָס, האָט העראַקלעס אָנגעשפּאַנט זיין בויגן און דערהרגעט פיל ריזן מיט זיינע פיילן. און אַזוי האָט ער איינער אַליין מלחמה געהאַלטן מיטן שונא, ביז עס האָבן זיך אומגעקערט זיינע פריינט. דאַן זענען די גבורים אָנגעפאַלן אַלע צוזאַמען אויף די ווילדע ריזן און כמעט אַלע פאַרטיליקט.

נאָכדעם האָבן די אַרגאָנויטן פאַרלאָזט דעם פּאָרט און אַרויסגעשווימן אין אָפענעם ים אַריין. דער ווינט האָט געבלאָזן

אין דער געוואונשענער ריכטונג, און די שיף האָט זיך געטראָגן ווי אַ פייל פון בויגן. שפּעטער אָבער, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז אויסגעבראָכן אַ שטורם און געוואָרפן די שיף, אַזוי ווי אַ שפּענדל אויפן וואַסער; אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט די העלדן.

זיי האָבן גענומען אַרבעטן גיכער מיט די רודערס און זענען צוגעשוואומען צו עפּעס אַ ברעג, צו וועלכן דער שטורמווינט האָט זיי פאַרטראָגן. דאָס איז ווידער געווען די אינזל פון די דאָליאָנער, זיי האָבן אָבער וועגן דעם נישט געוואוסט. זיי זענען אַרייַנגעשווימען אין דעם שטילן, רויקן פּאָרט און האָבן גערעכנט, אַז דאָס האָט זיך זייער שיף אָפּגעשטעלט ביי די ברעגעס פון פריגיען.

די דאָליאָנער האָבן געמיינט, אַז עפּעס אַ פאָלק איז אָנגעקומען פון אַ פרעמד לאַנד, כדי איינצונעמען זייער אינזל. זיי האָבן זיך שנעל פאַרזאַמלט און אַרויסגעלאָזט זיך קעגן שונא. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז דאָס זענען די זעלבע גריכישע העלדן, וועלכע זענען ערשט נעכטן געווען ביי זיי צו גאַסט, און אַז דאָס האָט דער שטורם צוריק צוגעטראָגן זייער שיף צום ברעג.

האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. די גריכן האָבן געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס, און פיל דאָליאָנער זענען געפאַלן טויט. אויך דער קעניג אַליין איז געפאַלן אין קאַמף, ווייל יאַזאָן האָט אים נישט דערקענט און אַדורכגעשטאָכן אים דאָס האַרץ מיט דער שווערט. ענדלעך האָבן די דאָליאָנער פאַרלאָזט דאָס שלאַכט־פעלד און צוריקגעלאָפן אין שטאָט אַריין.

ווען ס׳האָט אויפגעשיינט די זון, האָבן דערזעען די אַרגאָנויטן, מיט וועמען זיי האָבן זיך עס געשלאָגן, און אַ טרויער האָט זיי באַהערשט. זיי האָבן געמאַכט שלום מיט די דאָליאָנער און באַקלאָגט דעם קעניג און זיינע קנעכט, וואָס זענען געפאַלן אין שטרייט. ווען עליס, דאָס ווייב פונם קעניג, איז געוואָר געוואָרן וועגן טויט פון איר מאַן, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ ביטערן ווײַ-

געשריי, אַוועקגעלאָפֿן אין איר צימער און זיך דערשטיקט מיט די אייגענע הענט.

דאָס האָט נאָך פֿאַרשטאַרקט דעם טרויער פֿון די גבורים, און זיי האָבן דריי טעג כסדר באַקלאָגט דעם קעניג און די קעניגין. נאָכדעם האָבן זיי זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין, טרויעריקע און פֿאַראומערטע.

5.

העראַקלעס בלייבט אין וועג.

נאָכדעם, ווי די אַרגאָנויטן זענען אַדורכגעשווימען דעם העלעספּאָנט, איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטורמווינט און געוואָרפן די שיף אויף אַלע זייטן. יאַזאָן מיט זיינע פריינט האָבן אַ לאַנגע צייט געבלאָנדזשעט אין מיטן אָפענעם ים. ענדלעך איז אָבער די שיף צוגעקומען צום ביטינישן ים־אויסגוס. אַלע איינוואוינער פון שטאָט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מקבל פנים זיין די העלדן און האָבן אָנגעצונדן אַ גרויס פייער, כדי צו דערוואַרעמען זייערע פאַרשטאַרטע גלידער; זיי האָבן אויסגעפלאַסטערט פאַר זיי דעם זאַמד מיט יונגע, ווייכע צווייגלעך און געבראַכט זיי פיל שפּייז און געטראַנק. העראַקלעס אָבער, וועלכער האָט פיינט געהאַט דעם אָפּרו, האָט פאַרלאָזט זיינע פריינט און איז אַוועק אין וואַלד, אויסזוכן זיך עפּעס אַ שטאַרקן בוים, פון וועלכן ער זאָל

קאָנען מאַכן אַ רודער. ער האָט דערזעען אַ הויכן, גלייכן, כמעט גאָלן טענענבוים: האָט ער אַראָפּגענומען פון זיך דעם בויגן, דעם בייטל מיט די פיילן, די פעל, אין וועלכער ער איז געווען איינגעהילט, אַ כאַפּ געטון דעם בוים און אים אַ צי געטון מיטן גאַנצן כח. און דער בוים איז אויסגעריסן געוואָרן, אַזוי ווי אַ דין גראָזן-שטענגל, צוזאַמען מיט די וואָרצלען און מיט דער ערד, וואָס איז געווען אָנגעקלעבט אָן די וואָרצלען.

אין דער זעלבער צייט איז אויך הילאָס דער יונגערער אַוועק פון דער מאָלצייט אין דער וואַלד אַריין. ער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ קופּערן קענדל אָנצושעפּן וואַסער און צו ברענגען פאַר זיין ליבן פריינט העראַקלעס פאַרן שלאָף, אַזוי ווי ער פלעגט טון טאָג-טעגלעך. הערא׳קלעס האָט זער ליב געהאַט הילאָסן, וועמעס פאָטער ער האָט דערהרגעט איינמאָל בעת אַ שטרייט. אַז הילאָס איז געבליבן אַ יתום, האָט אים הערא׳קלעס גענומען צו זיך און באַגאַנגען זיך מיט אים, ווי מיט אַן אייגענעם זון.

הילאָס האָט ביים לבנה-שיין דערזעען אַ פרישן קוואַל, האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן אָנצושעפּן וואַסער. די געטין פון קוואַל האָט דערזעען זיין שיינקייט, האָט זי אים ליב געקריגן. זי איז אַרויפגעשטיגן פון קוואַל, אַרומגעהאַלזט אים און אַריינגעצויגן אין די טיפענישׁ. הילאָס האָט אַרויסגעלאָזט אַ ביטערן וויי-געשריי און גערופן נאָך הילף. איינער פון די העלדן, מיטן נאָמען פּאָליפעם, וועלכער האָט געוואַרט אויף הערא׳קלעסעס צוריקקומען, האָט דערהערט הילאָסעס געשריי, איז ער איילנדיק אַוועק צום אָרט, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דער קול. נאָר הילאָס איז שוין געווען פאַרשוואונדן. אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, האָט פּאָליפעם דערזעען הערא׳קלעסן, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון וואַלד; איז ער צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: וויי איז מיר, איך האָב דיר אָנצוזאָגן אַ שלעכטע בשורה; הילאָס איז פאַרשוואונדן און קיינער ווייסט נישט, וואו ער איז אַהינגעקומען;

ער איז געגאַנגען אין וואַלד אַריין נאָך וואַסער און איז נאָך ביז



הערַאקלעס.

יעצט נישט צוריקגעקומען. עס קאָן אַנדערש נישט זיין, נאָר

רויבער זענען אים באַפאַלן און געפאַנגען, אָדער אַ ווילדע חיה האָט אים פאַרציקט, וואָרום איך דאָב געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן, ווי ער האָט געשריען נאָך הילף.

דערהערנדיק די דאָזיקע שלעכטע בשורה, איז העראַקלעס אויפגעציטערטגעוואָרן און אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין פנים. דאָס האַרץ איז אים שיעור געפלאַצט פאַר אויפרעגונג און ווייטאָג, ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם טענענבוים און געלאָזט זיך לויפן צום קוואַל, צוברעכנדיק און אויסרייסנדיק מיט די וואָרצלען די בוימער, וואָס האָבן אים פאַרצוימט דעם וועג. ער איז ענלעך געווען צו אַן אָקס, וואָס איז געשטאָכן געוואָרן פון אַ בין און איז פאַר ווילדן ווייטאָג אַנטלאָפן פון דער סטאַדע.

דערווייל איז פון הינטער די שפּיצן בערג אַ פוירגעשטיגן דער מאָרגנשטערן און עס האָט גענומען בלאָזן אַ גינסטיקער ווינט. דער שיף-פירער האָט צוזאַמענגערופן די העלדן און זיי באַפוילן, אַריינזעצן זיך אין שיף און לאָזן זיך אין ווייטערדיקן וועג אַריין. די אַרגאָנויטן האָבן זיך זע געפרייט, וואָרום ס'איז זיי שוין נמאס געוואָרן דאָס ליידיק גיין, און האָבן זיך שנעל אַריינגעזעצט אין די שיף. באַלד האָבן זיי זיך אָבער אַרומגעזעען, אַז עס פעלן העראַקלעס, פאָליפעם און הילאָס.

דאַן איז צווישן די אַרגאָנויטן אַנטשטאַנען אַ שטרייט. אַ טייל האָט געוואָלט וואַרטן, ביז העראַקלעס וועט צוריקקומען, און האָט געטענהט: ווי אַזוי זאָלן מיר זיך לאָזן ווייטער אין וועג אַריין אָן די דאָזיקע באַרימטע העלדן? דער אַנדערער טייל אָבער האָט געזאָגט: לאָמיר נישט אָפּלייגן די רייזע, וואָרום ווער ווייסט, צי מיר וועלן שפּעטער אויך האָבן אַ גינסטיקן ווינט.

דער שטרייט האָט זיך פאַרשטאַרקט, יאַזאָן אָבער איז געזעסן, אַ שווייגנדיקער, און זיך נישט אַריינגעמישט מיט קיין

וואָרט. דאַן איז טעלאַמאָן אַריינגעפאַלן אין כעס און אויסגערופן מיט גרימצאָרן:

— דו שרעקסט זיך, אַז העראַקלעס זאָל נישט מיט זיינע גבורות פאַרטונקלען דיין רום, דעריבער פרייסטו זיך, וואָס ער איז נישטאָ. איך אָבער וועל אים נישט פאַרלאָזן, ווען אַפילו אַלע זאָלן שטיין אויף דיין זייט!

און ער איז צוגעלאָפן צום שיף-פירער טיפיס, אַוועקגעשטופט אים און געוואָלט פאַרנעמען זיין אָרט, כדי צוריקצופירן די שיף צו די ברעגעס פון ביטיניען. זיינע אויגן האָבן געפלאַקערט פון כעס, און דער צאָרן האָט פאַרטאָפּלט זיין כח. נאָר די צוויי מעכטיקע זין פון באָרעאַס, דעם גאָט פון שטורם און צפון-ווינט, האָבן אים אָנגעכאַפּט, צוריקגעזעצט אים אויף זיין אָרט, און אים געזידלט און געמוסרט, ווי אַן אומגעהאָרזאַם קינד.

פלוצלונג איז געשפּאָלטן געוואָרן די טיפעניש פון ים, און עס האָט זיך באַוויזן איינער פון די ים-געטער, גלויקאָס. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם באָרטן פון שיף און געזאָגט:

— הערט אויף זיך צו קריגן און וואַרט נישט אויף העראַקלעסן, וואָרום ער וועט זיך נישט מער אומקערן צו אייך. צעאוס, זיין פאָטער, האָט אים אויסגעוויילט צו גרויסע מעשים. צו מעשים, וואָס זייער רום וועט אָפּקלינגען פון עק וועלט ביז עק וועלט.

אַזוי האָט געזאָגט גלויקאָס און איז באַלד ווידער פאַרשוואונדן אין דער טיפעניש פון ים.

דאַן איז טעלאַמאָן צוגעגאַנגען צו יאַזאָנען, אָנגענומען זיין רעכטע האַנט און אים איבערגעבעטן:

— זיי מיר מוחל, יאַזאָן, פאַר די שלעכטע רייד, וועלכע איך האָב אַרויסגערעדט פון צופיל ווייטאָג און צער.

יאַזאָן האָט אים מוחל געווען, עס איז געוואָרן שלום, און די העלדן האָבן זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

פֿאָליפֿעם איז געבליבן אין ביטיניען, באַפֿריינדעט זיך מיט די באַוואוינער פֿון לאַנד און אויפֿגעבויט פֿאַר זיי אַ שטאָט. הערקולעס אָבער האָט זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער דער וועלט, לויטן אָנזאָג פֿון זיין פֿאָטער צעאוס.





ט.

פּאָלוקס.

איינמאָל האָט זיך אַרגאָס, די שיף פון די גריכישע העלדן, דערנענטערט צו אַ דאָרף, וואָס איז געלעגן אויף אַ זאַמדיקן פּאַס ערד, וועלכער איז ווייט, ווייט פאַרפאָרן אין אָפענעם ים אַריין. די גבורים זענען אַראָפּ פון דער שיף און אויסגעשטיגן אויפן ברעג. זיי האָבן דערזעען אַ גרויס, פּרעכטיק הויז, האָבן זיי זיך געפרעגט באַ די דורכגייער, צו וועמען דאָס הויז געהערט. די דורכגייער האָבן געענטפערט: דאָס הויז געהערט צו אונזער האַר און קעניג אַמיקאָס.

אינגיכן איז דער קעניג געוואָר געוואָרן, אַז עס זענען אָנגעקומען אין זיין לאַנד פרעמדע לייט. אַמיקאָס איז געווען אַ שלעכטער, אומגאַסטפריינדלעכער מענטש; נאָך מיט אַ לאַנגע צייט צוריק האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדער פרעמדער, וואָס וועט באַטרעטן דעם באָדן פון זיין לאַנד, טאָר נישט פרי-

ער פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, ביז ער וועט זיך נישט שלאָגן מיט אים אין פויסט־קאַמף.

אַמיקאָס איז געווען זער אַ שטאַרקער מאַן און האָט שוין אויף אַזאַ אופן פֿיל פרעמדע דערשלאָגן מיט זיינע פויסטן. דערהערנדיק וועגן דעם אָנקומען פון די שיף־לייט, איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זיי און געזאָגט מיט שפּאָט: הערט אויס, וואָס איך וועל אייך זאָגן, איר שקלאַפן און פעבל, איר פיינע געסט! איך האָב אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז קיין שום פרעמדער זאָל נישט פֿאַרלאָזן פריער מיין לאַנד, ביז ער וועט זיך נישט ראַנגלען מיט מיר. ווייַלט אויס צווישן אייך אַ מוטיגן מאַן און זאָל ער מיט מיר קעמפן. אויב ער וועט מיך מנצח זיין, וועט איר זיך גיין אייער וועג בשלום; אויב אָבער איך וועל אים מנצח זיין, וועט איר האָבן אַ ביטערן סוף, וואָרום איר וועט איינער ווי דער אַנדערער ווערן געטויט.

דאַן איז אַרויסגעטרעטן פון צווישן די גריכן איינער אַ שטאַרקער, מוטיקער מאַן, מיטן נאָמען פּאָלוקס, וועלכער איז געווען זער געניט און געשיקט אין פויסט־קאַמף. דערהערנדיק אַמיקאָסעס שפּאָט־רייד, איז פּאָלוקס דערצערנט געוואָרן און געזאָגט: אויב דו האָסט אַרויסגעגעבן אַזאַ באַפעל, איז גוט, איך בין גרייט מיט דיר צו קעמפן.

אַמיקאָס האָט מיט חוזק באַטראַכט פּאָלוקסן, וועלכער האָט אויסגעזעען ווי אַ יונגל און איז געווען מילד און רויק, ווי אַ זומער־פרימאָרגן. פּאָלוקס האָט קוים געקאָנט רירן מיט די הענט, וואָרום ער איז געווען מיד פון אַרבעטן מיט די רודערס; ער האָט גענומען הויבן און זענקען די אָרעמס, כדי זיי צו מאַכן אַביסל באַוועגלעכער און געשיקטער. דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען צו אַמיקאָסן. אַ קנעכט פונם קעניג האָט געוואָרפן צווישן די קעמפער צוויי פּאָר לעדערנע האַנדשו, און דער קעניג האָט געזאָגט צו פּאָלוקסן:

— ווייל דיר אויס איין פּאָר פון די האַנדשו; דו וועסט זיך אינגיכן איבערצייגן, ווי פיין איך קאָן בעאַרבעטן די הויט

פון פרעמדע און ווי געשיקט איך קאָן לאָזן בלוט.

פאָלוקס האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר שווייגנדיק גענומען אַ פאָר האַנדשו און אָנגעטון אויף די הענט. אַמיקאָס האָט אויך געטון דאָס זעלבע.

דאַן האָט זיך דער קעניג אַ וואָרף געטון אויף פאָלוקסן, אַזוי ווי אַ ווילדע, שוים־באַדעקטע כוואַליע גיט זיך אַ וואָרף אויף אַ שיפל אין אָפענעם ים. פאָלוקס האָט זיך אָבער נישט געשראָקן און איז יעדע ווילע מיט אַ גרויסער געשיקטקייט אָפגעשפרונגען אָן אַ זייט און אויסגעמיטן די גרויזאַמע קלעפ פון זיין געגנער.

באַלד האָט אויך שוין פאָלוקס געלאָזט אין גאַנג זיינע פויסטן; די געגנער האָבן אַרומגעכאַפּט איינער דעם אַנדערן און געקעמפט מיט אַזאַ האַסט און וואוט, אַז זיי האָבן אַזש געקריצט מיט די ציין. אינגיכן זענען זיי אָבער מיד געוואָרן, זיי האָבן אָפגעלאָזט איינער דעם אַנדערן און זיך אַוועקגעזעצט אָפרוען אַ ווילע. אַז זיי זענען אַביסל צו זיך געקומען, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט און ווידער אָנגעהויבן דעם קאַמף. אַמיקאָס האָט אויפגעהויבן די האַנט, כדי אַ קלאַפּ צו טון פאָלוקסן אין שטערן און צעשפאַלטן אים דעם קאָפּ—דער קלאַפּ האָט אָבער געטראָפן אין אַקסל. אין דער זעלבער רגע האָט פאָלוקס אַראָפּגעלאָזט זיין פויסט מיט אַזאַ פירכטערלעכער קראַפט, אַז ער האָט צעשמעטערט אַמיקאָסן דעם קאָפּ.

די אַרגאָנויטן האָבן גענומען בלאָזן פאַר שמחה אין זייערע טראָמפּייטן; אָבער די קנעכט פון קעניג זענען אָנגעפאַלן אויף פאָלוקסן און געוואָלט שטעכן אים מיט זייערע שפּיזן, כדי נקמה צו נעמען פאַר אַמיקאָסעס טויט. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף. די גריכן האָבן צעשלאָגן אַמיקאָסעס קנעכט און פאַרטריבן זיי ווייט פונם קאַמפּספּלאַץ; דערנאָך זענען זיי נאָך אָנגעפאַלן אויף די שטאַלן פונם קעניג און גענומען אַלס רויב פיל שאָף און רינדער.

האַן האָבן די גריכישע העלדן אָנגעצונדן אויפן ברעג גרויסע פייערן, פאַרבונדן זייערע וואונדן און געשאָכטן קרבנות צו די

געטער. נאָכן אויפברענגען די קרבנות האָבן זיי באַצירט זייערע קעפּ מיט לאָרבער־צווייגלעך, וואָס זענען געוואַקסן אויפן ברעג, און האָבן זיך אַוועקגעזעצט אָפּהאַלטן אַ מאָלצייט. אָרפעאוס האָט געשפּילט פאַר זיי אויף זיין האַרפע, און די העלדן האָבן געזונגען אַ לויב־געזאַנג לכבוד פאָלוקסן, דעם זון פון צעאוס. די שטערן אין הימל, די שווייגעדיקע ברעגעס און דער ווייטער ים האָבן זיך צוגעהערט צו דעם וואונדערבאַרן ליד.





3

דער קעניג פינעאוס און די האַרפּיעס.

אַז ס'איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן, האָבן זיך די העלדן אַריינגעזעצט אין די שיף און זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג אַריין. זיי זענען צוגעקומען צו די ברעגעס פון ביטין, דעם קעניגרייך פון פינעאוס, דעם זון פון אַגענאָר.

מיט אַ צייט צוריק איז פינעאוס באַגאַנגען אַ גרויסע זינד קעגן אַפּאָללאָן. אַפּאָללאָ האָט באַשאָנקען פינעאוסן מיט אַ פראָפעטישן גייסט און אים געזאָגט: איך באַשענק דיך מיט מיין גייסט, כדי דו זאָלסט זאָגן די מענטשן זייער צוקונפט און פירן זיי אין אַ גוטן וועג. פינעאוס האָט אָבער געטון אַנדערש, ער האָט אויסגענוצט דעם געטלעכן געשאַנק אויף צו זייען קריג און שטרייט צווישן זיינע שכנים. איז אַפּאָללאָ אַריינגעפאַלן אין צאָרן און באַשטראָפט פינעאוסן מיט אַ שרעקלעכער שטראָף: ער האָט אים אַוועקגענומען דאָס ליכט פון די אויגן און אָנגעשיקט

אויף אים די האַרפּיעס, בייזע גייסטער אין דער געשטאַלט פון פויגל.

איטלעכעס מאָל, ווען די קנעכט האָבן געגרייט צום טיש, געבראַכט שפייז און געטראַנק פאַר זייער קעניג פינעאוס, זענען געקומען צו פליען די האַרפּיעס, אויפגעגעסן די שפייזן, אויסגעטרונקען דעם וויין און דאָס איבריקע האָבן זיי אַזוי באַשמוצט, אַז ס׳איז געווען עקלדיק זיך צוצורירן דערצו. פינעאוס איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן און די האַרפּיעס האָבן אים אַזוי פאַרמאוסט דאָס לעבן, אַז ער האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט. ער האָט תּפילה געטון צו צעאוסן און געזאָגט: איך בעט דיך, צעאוס, גאָט פון די געטער און הערשער איבער דער וועלט, מעכטיקער דונער־שליידערער, קעניג פון אָלימפּוס! קוק זיך צו פון דיין הייליקן וואוינאָרט צו די ליידן פון דיין אומעכטיקן קנעכט און באַפריי אים פון די האַרפּיעס. אויב נישט, צעשמעטער מיך מיט דיין שטאַרקער האַנט, וואָרום עס איז בעסער דער טויט איידער אַזאַ לעבן.

האָט אים צעאוס געענטפערט: פאַרטראָג געדולדיק דיינע ליידן. אינגיכן וועלן אָנקומען אויף אַ גריכישער שיף די זין פון באָרעאַס, וועלן זיי דיך באַפרייען פון די האַרפּיעס.

די דאָזיקע ווערטער האָבן געשטאַרקט פינעאוסעס מוט און ער האָט גענומען פאַרליב די פּיין און לייד.

געוואָר ווערנדיק וועגן אָנקומען פון דער שיף, איז פינעאוס אַרויסגעגאַנגען פון זיין פּאַלאַץ, מקבל פּנים צו זיין די שיפליים. ער איז געגאַנגען זער פּאַמעלעך, קוים רירנדיק מיט די פיס, ווייל ער איז אָפּגעצערט געוואָרן פון הונגער; ער האָט זיך אָנגעלענט אויף אַ שטעקן און איז געווען דאַר ווי אַ סקעלעט. ווער ס׳האָט אים געזען, האָט אויף אים רחמנותדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. צוקומענדיק צום ברעג, איז ער אַנידערגעפאַלן און געבליבן ליגן אין אונמאַכט.

די גריכישע העלדן זענען צוגעלאָפן צו אים און אים אויפגעהויבן פון דער ערד. דערהערנדיק זייערע פריינטלעכע ווערטער,

איז דער קעניג אַביסל צו זיך געקומען, זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— זייט באַגריסט, געשעצטע העלדן! צי זענט איר עס די מענער, וועגן וועלכע צעאוס האָט מיר אָנגעזאָגט? איך האָב געזינדיקט קעגן די געטער, האָבן זיי מיך אויף מיינע אַלטע יאָרן געשטראָפט מיט בלינדקייט. זיי האָבן אָנגעשיקט אויף מיר פיכטערלעכע פויגל, וואָס פרעסן אויף מיין שפּייז, טריקן אויס מיין וויין און אַלע מיינע געטראַנקען און לאָזן מיך נישט אַריינעמען אַ ביסן אין מויל. אויב איר זענט ווירקלעך צעאוסעס שליחים, זאָגט זיך נישט אָפּ אַרויסצוהעלפן מיר פונם אומגליק. און זייט וויסן, אַז איך בין אייך נישט קיין פרעמדער, איך געהער צו דעם זעלבן פאָלק, וואָס איר, איך בין פינעאוס דער זון פון אַגענאָר, וועלכער איז פריער געווען קעניג אין טראַציען. מיין פרוי איז אויך פון טראַציען, זי איז קלעאָפּאַטראַ, די טאָכטער פון באָרעאַס. זאָלן זאָגן אירע צוויי ברידער, זעטעס און קאַלאַאיס, וואָס געפינען זיך צווישן אייך, — צי זענט איר ווירקלעך צעאוסעס שליחים?

דערהערנדיק די ווערטער פונם אַלטן, זענען זעטעס און קאַלאַאיס, די העלדישע זין פון באָרעאַס, צוגעשפּרונגען צו אים, געפאַלן אים אויפן האלז און גענומען אים האַלדזן און קושן. די העלדן האָבן אויפגעהויבן אַ האַנט און אָפּגעגעבן אַ שבועה: זאָל אונז צעאוס שטראָפן מיט דער האַרבסטער שטראָף, אויב מיר וועלן נישט פאַרטרייבן די פירכטערלעכע פויגל.

און דער קעניג מיט זיינע געסט זענען אַוועק אין פּאַלאַץ. די קנעכט האָבן געגרייט די טישן און געבראַכט אַלערליי מאכלים. ווי נאָר אָבער דער קעניג האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, צו נעמען פון די שפּייזן, האָט זיך דערהערט אין דער לופט אַ הילכיק גערויש, דאָס פּאַטשן פון מעכטיקע פליגל; עס זענען אָנגעקומען די האַרפּיעס, געוואָרפן זיך, ווי אַ שטורעם, אויף די מאכלים, און גענומען זיי האַסטיק אויפעסן. די העלדן האָבן אויפגעהויבן אַ גרויס געפילדער, כדי אָפּצושרעקן די האַרפּיעס, נאָר די פויגל

האָבן זיך אומגעשטערט געטון זייער אַרבעט, געפרעסן מיט אַ שרעקלעכער גיריקייט, ביז זיי האָבן אַלץ פאַרשלונגען. דערנאָך האָבן זיי געלאָזט פון זיך זער אַן איבלדיקן, עקלדיקן ריח, אַ שפרייט געטון די פליגל און אַוועקגעפלויגן.

די זין פון באָרעאַס האָבן געהאַט פליגל, מיט וועלכע צעאוס האָט זיי באַשאָנקען. האָבן זיי אויך אַ שפרייט געטון זייערע פליגל, אַ כאַפּ געטון די שווערדן און געלאָזט זיך נאָכיאָגן נאָך די האַרפּיעס. די האַרפּיעס זענען שנעל געפלויגן, נאָר די העלדן האָבן זיי דעריאָגט און אַ הויב געטון אויף זיי זייערע שווערדן. אין דער זעלבער רגע איז ערשינען פאַר זיי איריס, די געטין פונם פיילנבויגן, די שליחטע פון צעאוס, איינגעהאַלטן זייערע שווערדן און געזאָגט:

— לאָזט אָפּ, איר העלדישע זין פון באָרעאַס, דערהרגעט נישט די האַרפּיעס, די הינדינס פונם דונער-שליידערער צעאוס. איך שווער באַ די וועלן פון סטיקס, דעם אונטערערדישן טייך, אַז זיי וועלן נישט מער צורויבן די שפּייזן פון פינעאוסן און וועלן אים שוין לאָזן צו רו.

די העלדן האָבן געהאָרכט די עצה פון איריס און אָפּגע-לאָזט די האַרפּיעס. צוריקקומענדיק צו זייערע פריינט, האָבן זיי דערציילט אַלץ, וואָס ס'האָט מיט זיי פּאַסירט. האָבן זיך די העלדן שטאַרק געפרייט, געשאָכטן קרבנות צו די געטער און אַוועקגע-זעצט זיך אָפּהאַלטן אַ מאָלצייט. דער קעניג פינעאוס האָט זיך געזעצט צום עסן מיט אַ ציטערדיק האַרץ, וואָרום ער האָט אַלץ נאָך נישט געגלויבט, אַז די האַרפּיעס וועלן אים לאָזן צו-רו. נאָר דער טאָג איז אַדורך, און די פירכטערלעכע פויגל האָבן זיך נישט באַוויזן. דאַן האָט פינעאוס אָפּגעגעבן די העלדן אַ דאַנק פאַר זייער גרויסער הילף; עס איז געקומען אויף אים דער רוח הנבואה, און ער האָט געזאָגט:

— נאָך אייער אָפּשווימען פון מיין לאַנד, וועט אייער שיף קומען אין אַן אָרט, וואו עס געפינען זיך די סימפּלעגאַדען. דאָס זענען צוויי פעלזן-שפּיצן, וואָס זענען נישט צוגעוואַקסן צום באָדן

פון ים, נאָר שווימען אויף דער אויבערפלאַך. אַז ס׳קומט אַריין צווישן זיי אַ וועלכע עס איז זאַך, שטויסן זיי זיך צוזאַמען און צעשמעטערן די זאַך אויף אַש און שטויב. אויב איר ווילט רעטן אייער לעבן, מוזט איר זיך איילן און אַדורכשווימען צווישן די סימפלעגאַדן מיט דער געשווינטקייט פון אַ טויב.

נאָכדעם ווי איר וועט אַדורכשווימען בשלום צווישן די פעלזן־שפיצן, וועט אייך צוטראָגן דער ווינט צו די ברעגעס פון די מאָריאַנדינער, וואָס לויערן ביים איינגאַנג פון טאַרטאַרוס. איר וועט דערזעען לענדער און ימים, בערג און טאָלן און אינזלען אָן אַ צאָל. איר וועט אויך זעען דאָס לאַנד פון די אַמאַזאָנקעס און דאָס לאַנד פון די כאַליבער, וואו ס׳געפינט זיך דאָס גאָלד און די נוצלעכע מעטאַלן.

צעאוס וועט באַגליקן אייער וועג, איר וועט צוקומען צו די ברעגעס פון קאָלכידע און וועט דערזעען די הויכע טורעמס אינם קעניגרייך פון אַעטעס און אויך דאָס הייליקע וועלדל, וואו די גאָלדענע וואָל הענגט אויפן שפיץ פון אַ בוים און ווערט באַוואַכט און געהיטן טאָג און נאַכט דורך דעם פירכטערלעכן מאָנסטרום.



8.

די סימפלעגאַדען.

צומאָרגנס אין דערפרי זענען די העלדן אויפגעשטאַנען און זיך געוואָלט לאָזן אין וועג אַריין. נאָר פינעאוס האָט זיי צוריקגעהאַלטן און געזאָגט: „איר זענט דאָך געקומען פון אַ ווייטן וועג און אַדורכגעמאַכט אַ שווערע רייזע. וואָס דאַרפט איר זיך אַזוי איילן? בלייבט נאָך דאָ אַ צען טאָג, דערנאָך וועט איר אַוועק.“ די גבורים האָבן אָבער נישט געוואָלט בלייבן און האָבן זיך געזעגנט מיטן קעניג. פינעאוס האָט געוויינט ביים געזעגענען זיך, ער האָט זיי ווידעראַמאָל געדאַנקט פאַר זייער גרויסן חסד, געבענטשט זיי און געזאָגט: זאָל אייך צעאוס אָפּהיטן פון שלעכטס און באַגליקן אייער וועג.

ווען די אַרגאָנויטן האָבן זיך דערוווּסטערט אַ ביסל פונם ביטינישן ברעג, איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטורמווינט און גענומען וואַרפן די שיף אויף אַלע זייטן. צוויי וואָכן כסדר איז די שיף געשליידערט געוואָרן, אַזוי ווי אַ שפּילעכל, צווישן די צעווילדעוועטע כוואַליעס.

די העלדן האָבן אויפגעבראַכט פיל קרבנות און געזאָגט אַ סך תפילות, ביז די געטער האָבן זיך ענדלעך דערבאַרעמט, פאַרטריבן דעם ווינט און איינגעשטילט דעם שטורעם.

דאַן האָבן די שיף־לייט אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כוחות, גענומען זיך פאַר די רודערס און געשווימען ווייטער. פּלוצלונג האָבן זיי אָבער דערהערט אַ שרעקלעכן גערויש; דאָס האָבן אַ קלאַפּ געטון די צוויי פעלזן־שפּיצן, וועלכע זענען צוגעשווימען איינער צום אַנדערן און זיך צוזאַמענגעשלאָגן. דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז ס'האָט אַ הילך געטון ווייט אַרום און אַרום, ווי ס'וואָלט זיך אַדורכגעקייקלט אַ מעכטיקער דונער, דער ים האָט גענומען קאָכן און זידן, דאָס וואַסער איז געוואָרן שוואַרץ און די כוואַליעס האָבן זיך מיט אַ ווילדן רעש אַ הויב געטון ביז אונטערן הימל. דאַן האָט זיך דער שיף־פירער טיפיס געשטעלט אויף דער וואַך, עיפעמוס אָבער האָט גענומען אַ לייכטע טויב און, זעענדיק, אַז די פעלזן גייען זיך ווידער פונאַנדער, האָט ער שנעל אַרויסגעלאָזט די טויב פון די הענט. דאָס האָט ער געטון לויט דער עצה פון פינעאוסן, וועלכער האָט זיי אָנגעזאָגט אַזוי: ווען איר וועט צוקומען צו די סימפּלעגאַדען, זאָלט איר אַרויסשיקן אַ טויב; אויב די טויב וועט בשלום אַדורכפליען צווישן די פעלזן, זאָלט איר שנעל נאָכשווימען נאָך איר.

די טויב איז געפלויגן, און די פעלזן האָבן זיך ווידער גענומען דערנענטערן איינער צום אַנדערן. די כוואַליעס האָבן אַ ברום געטון, דאָס וואַסער האָט זיך באַדעקט מיט שוים, די לופט האָט אַ ציטער געטון, און די פעלזן האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָגן מיט אַ שרעקלעכן הילך. די טויב איז אָבער געבליבן גאַנץ,

וואָרום זי איז אַדורכגעפלויגן, איידער נאָך די פעלזן האָבן זיך

אַטענע.

באַגעגנט; בלויז די שפּיצן פעדערן פון איר עק זענען אָפּגעשניטן

גערוואָרן, אַזוי ווי מיט אַ שאַרף מעסער.

די אַרגאָנויטן האָבן זיך איינגעקוקט אָן אָטעם, וואָס דאָ וועט געשען; דערזעענדיק, אַז די טויב איז בשלום אַדורכגעפלויגן צווישן די פעלזן, האָבן זיי גענומען זינגען פאַר פרייד. דער שיף=פירער טיפיס האָט אויסגעשריען: איילט זיך, פריינט מיינע, נעמט די רודערס און שטרענגט אָן אייער כח! די העלדן האָבן זיך גענומען פאַר די רודערס, און אין דער זעלבער רגע האָבן זיך די פעלזן דערווייטערט איינער פונם אַנדערן. אַן אונגעהויערער שטראָם האָט צוגעפירט די שיף צו דעם שרעקלעכן אָרט... דער ים האָט גאָר ווילד געברויזט און אַ כוואַליע, ווי אַ וואַסער=באַרג, האָט זיך אַ הויב געטון און איז געווען גרייט איינצושלונגען די שיף. עס איז נישט מעגלעך געווען צו שווימען ווייטער, און טיפיס האָט באַפוילן אָפּצולאָזן די רודערס.

די כוואַליע האָט אַ הויב געטון די שיף און זי אַדורכגעפירט איבער די פעלזן שפּיצן. דאַן האָבן זיך די העלדן ווידער געכאַפּט פאַר די רודערס,— זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט רירן די שיף פון אָרט, ווייל זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ וואַסער=ווירבל; דער ווירבל האָט געברומט, ווי ווילדע חיות אין פינסטערע נעכט, און געשפּילט זיך מיט דער שיף, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז: אויף אַ ווייל איז די שיף כמעט ווי פאַרשוואונדן צווישן די ווילדע וואַסערן, דערנאָך איז זי פּלוצלונג ווידער אַרויפגעשווימען אין די הויך, ווי דער אָפּגרונט וואָלט זי צוריק אויסגעשפּיגן. דער וואַסער=ווירבל האָט געדרייט די שיף אין אַ ראָד און ווידער זי אַריינגעשטויסן צווישן די פעלזן. און די פעלזן האָבן זיך דערווייל גענומען דערנענטערן איינער צום אַנדערן און אָט וועט אין אַ ווייל ערום פאָרקומען דער שרעקלעכער צוזאַמענשטויס און די שיף וועט צעשמעטערט ווערן אויף פּיצלעך. די אַרגאָנויטן זענען אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג, און דער לעצטער פונק האָפנונג איז פאַרלאָשן געוואָרן אין זייערע הערצער.

נאָר אין דער זעלבער רגע איז ערשינען אַטענע און מיט

איר שטאַרקער האַנט אַ שטויס געטון די שיף. די פעלזן האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָגן, נאָר די שיף איז שוין געווען אויף יענער זייט. בלויז די הינטערשטע ברעטער זענען אַביסל באַשעדיקט געוואָרן.

דאַן האָבן די אַרגאָנויטן דערזעען פאַר זיך דעם אומענדלעכן, שפּילנדיקן וואַסער־שפּיגל, און אַ רויקער, בלויער הימל האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער זייערע קעפּ. זיי האָבן באַקומען פרישן מוט און זיך לוסטיק געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג אַריין.

טיפיס האָט אויסגערופן מיט פרייד:

—נישט אַנדערש, נאָר אַטענע איז אונז בייגעשטאַנען אינם אומגליק און אַ שטויס געטון אונזער שיף. לאָמיר זיין פריילעך און לוסטיק און לאָמיר אָפּגעבן אַ דאַנק דער באַרמהערציקער געטין.

נאָר יאַזאָן האָט אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— ווי באַדויער איך, וואָס איך האָב געהאָרכט פעליאַסן און זיך אָוועקגעלאָזט קיין קאָלכידע. הלואי וואָלט איך ליבער געפאַלן טויט פון זיינע בלוטדורשטיקע הענט, וואָלט איך איצט רויק געלעגן אין קבר. איך האָב נישט קיין רו, נישט באַטאָג און נישט באַנאַכט, אייבאייביקע גרויסע זאָרג עגבערט מיר דעם קאָפּ: ווי אַזוי איך זאָל אייך מציל זיין פון די אומגליקן, וואָס לויערן אויף אונזער וועג, און אייך בשלום אַהיימפירן צוריק אין אייערע היימען. פאָלגט מיך, מיינע פריינט, פאַרלאָזט מיך אין מיטן וועג, קערט זיך אום אין אייערע געבורטסערטער און איך וועל שוין אַליין אַדורכמאַכן דעם שווערן וועג. איך בין שוין סיי־ווי־סיי אַ פאַרלוירענער.

דאָס האָט ער אַזוי געזאָגט, כדי אויסצופּרובן זיינע פריינט.

נאָר די העלדן האָבן אים איינשטימיק געענטפערט:

— רעד אונז נישט צו, יאַזאָן, דיך צו פאַרלאָזן, וואָרום מיר וועלן עס נישט טון. מיר ווילן טיילן מיט דיר די געפאַרן, און אויב עס איז אונז באַשערט צו שטאַרבן, ווילן מיר שטאַרבן צוזאַמען מיט דיר. מיר שווערן אין נאָמען פון צעאוס, אַז נאָר דער טויט אַליין וועט אונז קאָנען צעשיידן.





9

די ווייטערדיקע רייזע.

אויף דער ווייטערדיקער רייזע האָבן די גבורים געזעען אַזעלכע וואונדערבאַרע זאַכן, וועלכע עס איז שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער און צו דערציילן אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך.

אין איין שיינעם פרימאָרגן איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן דער ערפאַרענער שיף־פירער טיפיס און איז אין קורצן געשטאָרבן. האָבן אים די אַרגאָנויטן באַקלאָגט און באַגראָבן מיט גרויס כבוד אין אַ פרעמד לאַנד. דערנאָך האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט און גע־האַלטן אַן עצה, ווער עס זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פונם פאַרשטאָר־בענעם שיף פירער. אַלע, ווי איין מענטש, האָבן אויסגערופן: אַנ־צעאוס וועט זיין אונזער פירער! — ווייל ער איז געווען אַ גע־איבטער שיף־פאָרער און אַ פאַרשטענדיקער מענטש. אַנצעאוס איז אָבער געווען זער אַ גרויסער ענו; דערהערנדיק, אַז ער איז אויס־

געווײַלט געוואָרן פאַר אַ שיף־פירער, האָט ער נישט געוואָלט אָננעמען דעם גרויסן כבוד, וואָרום ער האָט זיך געשראָקן, אַז ער וועט נישט קאָנען אויספירן זיינע פליכטן און וועט ברענגען אַן אומגליק אויף זיינע חברים. דאַן איז ערשינען פאַר אים הערא, צוגעגעבן מוט, באַפוילן אים צו נעמען אויף זיך די גרויסע אויפגאַבע און אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אים נישט פאַרלאָזן און שטענדיג קומען אים צו הילף. האָט זיך אַנצעאוס אַוועקגעשטעלט פירן די שיף און האָט זיך אַזוי געפלייסט, אַז ער האָט זיך אינגיכן געקאָנט אויסגלייכן מיט דעם אַלטן טיפיס.

אין צוועלף טאָג אַרום זענען זיי צוגעשווימען צום אויסגוס פון טייך קאַליכאָר. דאָרט האָבן זיי דערזעען אַ הויכן באַרג, דעם קבר פונם העלדישן סטענעלאָם, — דאָס איז דער סטענעלאָס, וואָס איז צוזאַמען מיט העראַקלעסן אַרויסגעטרעטן אין קאַמף קעגן די אַמאַזאָנקעס, דערהרגעט געוואָרן און באַגראָבן געוואָרן ביים ברעג פון ים.

די אַרגאָנויטן האָבן זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע און זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג אַריין. פּלוצלונג האָבן זיי דערזעען דעם גייסט פון סטענעלאָסן, וועלכער איז אויפגעשטיגן פון קבר; דאָס האָט זיך דערבאַרעמט אויף אים פּערסעפאָנע[1]) און אים ערלויבט, צו פאַרלאָזן אויף אַ ווײַלע דעם טאַרטאַרוס און אַרויסקומען אויף די ליכטיקע וועלט. סטענעלאָס האָט אויסגעזען גראָד אַזוי, ווי אין דעם טאָג, ווען ער איז אַרויסגעטרעטן אין קאַמף; אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הוט, באַפּוצט מיט פיר פּורפּורנע פּעדעם, וואָס האָבן געפלאַטערט אין דער לופט. דער גייסט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן קבר און אַ קוק געטון מיט אומעט אויף די אָנגעקומענע גריכן. באַלד אָבער איז ער ווידער פאַרשווינדן, צוריק פאַרזונקען אין דעם לאַנד פון אייביקן שאָטן.

---

1) פּערספּאָנע—די טאָכטער פון צעאוס און דעמעטרא, די פרוי פ׳ן אַיד, דעם גאָט פון טאַרטאַרוס.

די אַרגאָנויטן האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, אַז די רודערס זענען אַרויסגעפאַלן פון זייערע הענט. נאָר דער נביא מאָפּסיאוס האָט זיי באַרויקט און געראַטן אויפצובריינגען אָפּפער לכּבוד דעם מת. האָבן די העלדן אַראָפּגענומען די זעגלען, צוגעבונדן די שיף מיט דיקע שטריק צום ברעג און זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם קבר פון סטענעלאָס. זיי האָבן געגאָסן אויפן קבר ווייַן, געשאָכטן שעפּסן און אויפגעבריינגט פאַר אַ קרבן. אַזוי האָבן זיי אָפּגעגעבן כּבוד דעם טויטן, דערנאָך האָבן זיי זיך צוריק אַרייַנגעזעצט אין די שיף און געשווימען ווייַטער.

אינגיכן זענען זיי צוגעשווימען צום אויסגוס פון טייַך טער־מאָדאָן. דער דאָזיקער טייַך האָט אַראָפּגענידערט פון אַ הויכן באַרג און געטיילט זיך אין פיל נעבן־טייַכלעך, וואָס האָבן זיך אַרייַנ־געגאָסן אין ים אַרייַן און געבילדעט אַ דעלטע מיט זער פיל אינזלען. אויף דער גרעסטער פון די אינזלען האָבן זיך באַזעצט די אַמאַזאָנקעס, וואָס האָבן געשטאַמט פון אָרעסן. זיי האָבן נישט ליב געהאַט צו וואוינען אין שטעט; זיי האָבן זיך אייַנגעטיילט אין פיל שבטים, פונאַנדערגעשפּרייט זיך איבערן גאַנצן לאַנד און האָבן געלעבט פון יאַגד. זיי זענען געווען שטאַרק און העלדיש אַזוי ווי די גרעסטע גבורים פון גריכנלאַנד.

דערזעענדיק די שיף, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו דער אינזל, האָבן זיך די אַמאַזאָנקעס פאַרזאַמלט און געלאָפן צום ברעג, כּדי צו דערשלאָגן די שיף־לייַט, אויב זיי וועלן וואַגן אַרויסצושטייגן אויף די יבשה. נאָר צעאוס, דער דונער־שליידע־רער, האָט צוגעשיקט אַ גינסטיקן ווינט, וועלכער האָט אַוועקגע־טראָגן די שיף ווייַט, ווייַט פונם ברעג. זיי זענען געשווימען ווייַ־טער און צוגעשווימען צום לאַנד פון די כאַליבער, אַזוי ווי פי־נעאוס האָט זיי פאָראויסגעזאָגט. די כאַליבער האָבן נישט גע־פלאַנצט קיין ווייַנגערטנער, נישט פאַרזייט קיין פעלדער און נישט געפּאַשעט קיין שאָף און רינדער; זיי האָבן מיט שווערער מי אַרויסבאַקומען דאָס אייַזן און קופּער פונם שויס פון דער ערד און אייַנגעטוישט עס אויף ברויט, פלייש און מלבושים. זיי האָבן

שטענדיק נעאַרבעט אין דער טיפעניש פון דער ערד און האָבן זעלטן געזעען דעם שיין פון דער זון.

עס זענען פאַרביי פיל טעג און נעכט, און די שיף אַרגאָ איז כסדר געשווימען ווייטער. די גבורים האָבן געזעען פיל לענדער און מדינות און זענען צוגעקומען צו דער אינזל אַרעס. דערנענטערנדיק זיך צום ברעג, האָבן זיי דערהערט אַ פּאַטשן פון פליגל. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און דערזעען, ווי פון דער אינזל צו דער שיף־צו פליט אַ וואונדערשיינער פויגל. דער פויגל האָט זיך אַ דריי געטון איבער דער שיף און אַראָפּגעוואָרפן אַ פעדער; די פעדער איז אַראָפּגעפאַלן און אַריינגעזונקען, ווי אַ שאַרפע פייל, אינם אַקסל פון אָילעאוס. אָילעאוס האָט אַרויסגעלאָזט דעם רודער פון האַנט; די גבורים זענען געוואָרן איבעראַשט, זעענדיק, וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע פייל עס האָט פאַרוואונדעט זייער חבר. זיי האָבן אַרויסגעצויגן די פייל פון אָילעאוסעס אַקסל און פאַרבונדן אים די וואונד.

ווי זיין שטייען אַזוי, איבעראַשטע און פאַרוואונדערטע, דערזעען זיי אַ צווייטן פויגל, וואָס פליט מיט אַ גרויסער שנעלקייט צו דער שיף־צו. דאַן האָט קליציאוס אָנגעשפּאַנט זיין בויגן, אויסגעשאָסן און דערהרגעט דעם פויגל אין מיטן פליען. ווען דער פויגל איז אַראָפּגעפאַלן אַ טויטער אויף די שיף אַרויף, האָט אַמפידאָמוס געזאָגט צו זיינע חברים:

— מיר זענען דאָך זער מיד, וועלן מיר אַראָפּשטייגן אויף די אינזל. מיר מוזן אָבער זיין געוואָרנט און היטן זיך פאַר די שרעקלעכע פייגל, וואָרום זיי קאָנען אָנפאַלן אויף אונז אין אַ גאַנצער מחנה און דאַן וועלן אונז אויספעלן פיילן זיי צו דערשיסן. דעריבער דאַרפן מיר אויסגעפונען אַ מיטל, ווי אַזוי אָנצוואַרפן אויף זיי אַ שרעק און זיי צו פאַרטרייבן. האָרכט אויס מיין עצה און טוט אַזוי: באַדעקט אייערע קעפּ מיט די היטן, וואָס זענען באַפּוצט מיט פעדערן, און טיילט זיך פונאַנדער אויף צוויי מחנות; איין מחנה וועט אַרבעטן מיט די רודערס און די אַנדערע וועט שטיין אויף דער וואַך מיט שווערדן און שפּיזן אין

די העבט. אַז די פויגל וועלן זיך דערנענטערן צו אונז, וועלן מיר אויפהויבן אַ הילכיק געשריי און בלאָזן אין טראָמפייטן. זיי וועלן דערזעען דעם שימער פון די שפּיזן און דערהערן דעם הילכיקן שאַל, וועלן זיי זיך דערשרעקן און אַוועקפליען.

די אַרגאָנויטן האָבן געטון, אַזוי ווי אַמפידאָמוס האָט זיי געראַטן. ווען די שיף איז צוגעשווימען צום ברעג, האָט אַ גאַנצע מחנה פויגל גענומען פליען צו דער שיף צו. די אַרגאָנויטן



הערמעס און די גייסטער פון די מתים פאַר האדעסן און פּערסעפאָנע.

האָבן אויפגעהויבן אַ טומל, זיי האָבן גענומען קלאַפּן מיט די שווערדן און פאָכן מיט די שפּיזן. די פויגל זענען דערשראָקן געוואָרן און אַוועקגעפלויגן.

עס האָט גענומען פאַלן אַ האָגל פון פעדערן, נאָר די גבורים

האָבן זיך פאַרשטעלט די קעפ מיט די פאַנצערן, אַזוי, אַז זיי האָבן נישט געליטן קיין שאָדן. נאָכדעם ווי די פויגל זענען אַוועק, זענען די אַרגאָנויטן רויק אַרויסגעשטיגן אויפן ברעג. פּלוצלונג האָבן זיי דערזעען פיר יונגעלייט, וועלכע זענען זיי געקומען אַקעגן. די יונגעלייט זענען געווען דאַר און נאַקעט, ווי פון דער מוטערס לייב אַרויס. זיי זענען צוגעגאַנגען צו די אַרגאָנויטן, און איינער פון זיי האָט גענומען רעדן:

— איך בעט אייך, איר פרעמדע לייט! ווער איר זאָלט נישט זיין, דערבאַרעמט זיך איבער אונז אומגליקלעכע און באַוויליקט צו געבן אונז קליידער צו באַדעקן אונזער לייב און אַ ביסן ברויט, צו שטילן אונזער הונגער.

האָט זיי יאַזאָן פריינטלעך צוגענומען און צוגעזאָגט זיי הילף. ער האָט זיי אויסגעפרעגט וועגן זייער נאָמען און אָפּשטאַמונג, און דער יונגערמאַן האָט געענטפערט:

— איר האָט מסתמא געהערט וועגן פריקסאָסן, דעם זון פון אַטאַמאַס, וועלכער האָט געבראַכט די גאָלדענע וואָל קיין קאָלכידע. אַעטעס, דער קעניג פון קאָלכידע, האָט אים געגעבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, און זי האָט געבוירן צו אים פיר זין, מיך און די דריי יונגעלייט, וואָס שטייען יעצט פאַר דיר. איך הייס אַרגאָס. אונזער פאָטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן. ליגנדיק אויפן טויטן בעט, האָט ער אונז צוגערופן און געזאָגט: קינדער מיינע, איך גיי שטאַרבן; נאָך מיין טויט זאָלט איר זיך אַרויפזעצן אויף אַ שיף, אַוועקשווימען אין די שטאָט אָרכאָמענעס און צונעמען פון דאָרט די פיל אוצרות, וועלכע איך האָב אָנגעזאַמלט מיט גרויס מי. נאָכן טויט פון פאָטער האָבן מיר געטון אַזוי ווי ער האָט אונז געהייסן: מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיף און זיך געלאָזט קיין אָרכאָמענעס. אין מיטן וועג האָט אונז אָבער באַגעגנט אַ שרעקלעכער שטורמווינט, וואָס האָט צעבראָכן אונזער שיף. צעאוס האָט אונז צוגעשיקט אַ ברעט, וואָס האָט אונז געבעטעט און צוגעפירט צו די ברעגעס פון דער דאָזיקער וויסטער אינזל.

דערהערנדיק די ווערטער, האָבן זיך די אַרגאָנויטן שמאַרק דערפרייט. יאַזאָן איז זיי געפאַלן אויפן האַלז און גענומען זיי האַרצלעך קושן. „מיר זענען דאָך קרובים! — האָט ער געזאָגט— אייער זיידע אַטאַמאַס איז דאָך געווען דער פאָטער פון מיין זיידע קרעטעאוס, דעם פאָטער פון מיין פאָטער אייזאָן! כאָלגט מיך, ברידער, קומט מיט מ״ט אונז קיין קאָלכידע, איר וועט זיין אונזערע וועג-ווייזער. מיר וועלן אייך זיבנפאַך פאַרגיטיקן פאַר אייער טובה.

נאָך דערהרנדיק דאָס, זענען די יונגעלייט אויפגעציטערט געוואָרן און האָבן געזאָגט:

— די אויפגאַבע איז צו שווער, איר וועט זי נישט קאָנען אויספירן, וואָרום אונזער זיידע אַעטעס איז אַ גרויסער אַכזר און זיין פאָטער, דער גאָט פון דער זון, האָט אים געגעבן אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט. אַלע פעלקער פון קאָלכידע זענען אונטערגעוואָרפן אונטער זיין באַפעל, און אַ שרעקלעך מאָנסטרום, וואָס שלאָפט קיינמאָל נישט, היט און וואַכט איבער דער וואָל טאָג און נאַכט.

די גבורים האָבן אויך פאַרלוירן דעם מוט, הערנדיק אַזעלכע ווערטער. דאַן אָבער איז אויפגעשפרונגען פעלעאוס און אויסגערופן:

— שרעקט זיך נישט אַזוי, ברידער, פאַרלירט נישט דעם מוט, מיר זענען דאָך אויך געטער-קינדער! אויב אַעטעס וועט אונז נישט מיטן גוטן ווילן אָפּגעבן די וואָל, וועלן מיר זי נעמען מיט כח.

צומאָרגנס אין דער פרי האָבן זיך די גבורים אַריינגעזעצט אין זייער שיף און געשווימען ווייטער. אויך די פיר יונגעלייט זענען מיטגעפאָרן מיט זיי, נאָכדעם, ווי זיי האָבן געשטילט זייער הונגער און באַקומען פרישע כוחות; זיי זענען געווען אָנגעטון אין נייע קליידער, וואָס זיי האָבן געקריגן פון די אַרגאָנויטן.

און די אַרגאָנויטן זענען געשווימען טאָג און נאַכט און האָבן

געזעען פון ווייטנס די הויכע קויקאַז־בערג, וואָס גרייכן מיט די שפּיצן ביז צו די וואָלקנס.

פלוצלונג האָבן זיי דערהערט אַ פּאַטשערײַ פון פליגל און באַלד האָבן זיי דערזעען אַ פירכטערלעכן אָדלער, וואָס איז גע־

אַן אַמאַזאָנקע.

פלויגן הויך איבער זייערע קעפּ. דאָס איז געווען דער אָדלער, וואָס האָט געפּייניקט פּראָמעטעאוסן לויטן באַפעל פון צעאוסן,

דער אָדלער האָט אַזוי העפטיק געקלאַפּט מיט די פליגל, אַז עס איז דערפון אויפגעשטאַנען אַ ווינט, וואָס האָט אַ בלאָזגעטון אין די לייוונט פון די זעגלען.

אינגיכן האָבן זיי אויך דערהערט אַ האַרצרייסנדן זיפץ: דער אָדלער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין אָפּפער, געריסן אים דעם לייב מיט די שאַרפע נעגל און געפיקט אים די לעבער. נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּגעטון זיין שוידערהאַפטע אַרבעט, האָט ער זיך אַ הויב געטון און גענומען פליען צוריק אין זיין נעסט אַריין. ער איז געווען אַזוי משונה גרויס, אַז ער האָט צעשניטן די לופט ווי אַ זעגלבוים.

אַז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, זענען די גבורים ענדלעך צוגעקומען צו דעם געוואונטשטן אָרט און זענען אַריינגעשווימען אינם אויסגוס פון טייך פיזיס. זיי האָבן זיך זער געפרייט, זיי זענען אַרויפגעקלעטערט אויף די זעגלבוימער און צוזאַמענגעוויקלט די לייוונטער. זיי האָבן זיך גענומען פאַר די רודערס און אַריינגעשווימען אין דעם ברייטן טייך אַריין; דאָס וואַסער האָט אַ קלאַפּ געטון אָן די ברעגעס, ווי עס וואָלט זיך דערשראָקן פאַר דער פרעמדער, ריזיקער שיף.

וואַרפנדיק אַ בליק אויף רעכטס, האָבן די גבורים דערזעען די הימל־הויכע קויקאַז־בערג און די הויפּט־שטאָט פון קאָלכידע, ציטאַ; שיקנדיק אַ בליק אויף לינקס, האָבן זיי דערזעען אַ גרויס פעלד און דאָס וועלדל, וואָס איז געווען געהייליקט פאַר אָרעסן— אין דעם דאָזיקן וועלדל האָט דאָס שלאָפלאָזע מאָנסטרום געהיטן די וואָל, וואָס איז געהאָנגען אויף די צווייגן פון אַ מעכטיקן אייכנבוים.

דאַן איז יאַזאָן צוגעגאַנגען צום באָרטן פון דער שיף, גענומען אַ גאָלדענעם בעכער, אָנגעפילט אים מיט אַלטן ווין און אַ שפּריץ געטון פונם ווין אין טייך אַריין, לכבוד די געטער פון לאַנד און לכבוד די העלדן, וואָס זענען געשטאָרבן אין וועג. דערנאָך האָבן די גבורים תפילה געטון צו די גייסטער פון זייערע פריינט, געבעטן באַ זיי שוץ איבער דער שיף. צום סוף

האָבן זיי גענומען שטריק און צוגעבינדן די שיף צום ברעג.

דאַן איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט דער געאיבטער שיפפירער אָנצעאוס און געזאָגט: אָט זענען מיר געקומען בשלום קיין קאָלכידע. איצט לאָמיר האַלטן אַן עצה, וואָס מיר האָבן צו טון און ווי אַזוי מיר זאָלן צווינגען אַעטעסן אַרויסצוגעבן אונז די וואָל.

נאָר די גבורים האָבן נישט אויסגעהערט אָנצעאוסעס רייד, זיי זענען געווען זער מיד און האָבן גערופן, ווי איין מענטש: מאָרגן! מאָרגן!

יאַזאָן האָט באַפוילן צו וואַרפן דעם אַנקער ביים ברעג פונם רויקן טייך. און אַ זיסער שלאָף האָט באַלד פאַרשלאָסן זייערע אויגן, און זיי זענען געשלאָפן ביז ס'איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן פון צווייטן טאָג.





טו

יאזאן אין קעניגלעכן פאלאץ.

ווי נאר ס'איז אויפגעגאנגען דער מארגנשטערן, זענען די גבורים אויפגעשטאנען פון שלאף און זיך אוועקגעזעצט האלטן אן עצה. יאזאן האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט:

— ברידער און פריינט! מיין עצה איז, אז מיר זאלן זיך נישט גלייך אריינלאזן אין א שטרייט מיט אעטעסן, ווארום מיט גוטן קאן מען אויספירן אלץ. אעטעס איז זיך דאך נישט שלעכט באגאנגען מיט פריקסאסן, וועלכער איז אנטלאפן פאר זיין שטיפמוטער, הײנט פארוואס זאל ער מיידן זיין חסד פון אונז? דעריבער זאג איך: טוט אן אייער געווער און בלייבט דא איבער צו היטן די שיף. איך מיט נאך עטלעכע מענער, צוזאמען מיט די

זין פון פריקסאָס, וועלן מיר גיין צו אַטעסן און מיט גוטן אַדורכרעדן מיט אים וועגן דער וואָל. אויב ער וועט אונז ענטפערן מיט גוטן און אַרויסגעבן אונז די וואָל, וועלן מיר אים לאָזן צו רו און נישט טון אים קיין שלעכטס. אויב אָבער ער וועט זיך אַרײַנלאָזן מיט אונז אין אַ שטרייט, וועלן מיר זיך פֿאַר אים נישט אָפּשרעקן, און די גנאָד־פולע געטער, וואָס האָבן אונז ביז הײַנט נישט פֿאַרלאָזט, וועלן אונז אויך ווייטער נישט פֿאַרלאָזן.

די גבורים האָבן אײַנגעשטימט צו יאַזאָנס רייד און האָבן באַשלאָסן צו פֿאָלגן זײַן עצה. יאַזאָן האָט גענומען דאָס שלום־צווייגל, וואָס הערמעס האָט אים געשאָנקען, און איז אַראָפּ אויף די יבשה. עס זענען מיטגעגאַנגען מיט אים די זין פון פריקסאָס און אויך די גבורים טעלאַמאָן און אויגעאוס. זיי זענען אַרײַנגעקומען אין אַ ווייטע, וואַלדיקע געגנט און דאָ האָבן זיי דערזעע־פיל טויטע קערפּער, וואָס זענען געווען אויפגעהאָנגען אויף די בוימער. דאָס מוזן זײַן די קערפּער פון געפאַנגענע, וואָס זענען געטויט געוואָרן אויף אַזאַ אַכזריותדיקן אופן — האָבן אַ טראַכט געטון די גבורים. צוקומענדיק צו די טויערן פון שטאָט, האָבן זיי באַגעגנט מיידלעך, וואָס זענען געגאַנגען אָנשעפּן וואַסער, און געפרעגט בײַ זיי: ווער זענען עס די טויטע, וואָס הענגען אויף די בוימער? האָבן די מיידלעך געענטפערט: דאָס זענען די געשטאָרבענע פון אונזער לאַנד; זיי ווערן נישט באַגראָבן אין דער ערד און נישט פֿאַרברענט אויפן פֿײַער, נאָר אײַנגעוויקלט אין אומבעאַרבעטע פעלן פון אָקסן און אויפגעהאָנגען אויף די בוימער, כדי זיי זאָלן אײַנגעטרוקנט ווערן. בלויז פרויען ווערן באַגראָבן אין דער ערד, כדי צו באַזונפטיקן דעם גאָט פון אונטערערדישן מלכות.

די קאָלכידער זענען געווען אַ שטאַרק, צאָלרייך פאָלק און זיי האָבן נישט פאַרטראָגן קיין פרעמדע. נאָר הערא, די באַשיצערין פון יאַזאָן און זיינע פריינד, האָט איינגעהילט די שטאָט אין אַ נעפל, וועלכער האָט זיך נישט פריער צעשטרייט, ביז די גבורים זענען שוין געשטאַנען אינם איינגאַנג פון קעניגלעכן פּאַלאַץ.

דער פאַלאַץ איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך העפעסטעסן, וועלכער איז געווען געניט אין אַלערליי קונסט־אַרבעט. די ווענט פונם פאַלאַץ זענען געווען אַזוי דיק, ווי די ווענט פון אַ פעסטונג, און באַפוצט איז דער פאַלאַץ געווען מיט פיל רייען זוילן. די טויערן זענען געווען באַצירט מיט די פאַרשידנסטע אָרנאַמענטן און באַוואַקסן מיט ווילדן וויין, וואָס האָט זיך פאַרצווייגט ביז אַרויף צו די אויבערשטע שוועלן, אַרומגענומען דאָס גאַנצע טויער און פאַרשפרייט אַ ליבן שאָטן. פון הינטער די צווייגלעך ווילדן וויין האָבן אַרויסגעשלאָגן פיר קוואַלן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו ריזלען מיט אַ לעבעדיק גערויש; איין קוואַל האָט געגעבן וויין, דער צווייטער — מילך, דער דריטער — ריינעם אייל און דער פירטער האָט געגעבן פריש, קריסטאָלן וואַסער, וואָס אום ווינטער איז עס געווען וואַרעם און זומער־צייט איז עס געווען קאַלט, ווי אייז.

אויך צוויי אָקסן, וואָס האָבן געשפריצט מיט פייער, האָט העפעסטעס געמאַכט פון בראָנז און אויך אַן אַקעראייזן פון אַ וואונדערבאַרן בוי.

דאָס אַלץ האָט העפעסטעס געמאַכט פאַר העליאָסן, דעם גאָט פון דער זון, אַטעסעס פאָטער, אַלס דאַנק פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיט אים געטון. ווארום העפעסטעס האָט זיך באַטייליקט אין דער מלחמה, וואָס די טיטאַנען האָבן געפירט קעגן צעאוסן, דעם דונערשליידערער; נאָכדעם ווי צעאוס האָט באַזיגט זיינע שונאים, האָט ער גענומען פאַרפאָלגן העפעסטעסן; זעענדיק, אַז העפעסטעסן דראָט אַן אומגליק, האָט זיך העליאָס

איבער אים דערבאַרעמט און אים שנעל אַריינגענומען אין זיין רייטוואָגן.

אויף אַזאַ אופן האָט העליאָס באַשיצט העפעסטעסן קעגן זיין גרויזאַמען פאַרפאָלגער, און דערפאַר האָט העפעסטעס געטראָגן אַן אייביקע דאַנקבאַרקייט צו העליאָסן.

די גבורים זענען אַריינגעקומען אין דעם אויסעווייניקסטן הויף פון קעניגלעכן הויז. זיי זענען ערשטוינט געוואָרן, זעענדיק די דיקע ווענט פונם פּאַלאַץ, די באַפּוצטע טויערן און די פּרעכטיקע זוילן, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם בנין.

די גבורים זענען אַרויס פונם אויסעווייניקסטן הויף און זענען אַריינגעקומען אין דעם אינעווייניקסטן הויף פון פּאַלאַץ. דאָ זענען געווען די צוויי הויפּט-זאַלן; אין איין זאַל האָט געוואוינט דער קעניג און אין צווייטן — זיין זון אַבסירטעס; כאַלקיאָפּע אָבער און מעדעאַ מיט זייערע מיידלעך האָבן געוואוינט אין דעם פרויען-הויז. מעדעאַ, די יונגסטע טאָכטער פונם קעניג, איז געווען אַ פּריסטערין צו העקאַטען[1]; זי איז שטענדיק געזעסן אינם איינגאַנג פון העקאַטעס טעמפּל און האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזט איר הייליקן אָרט. נאָר העראַ האָט איר אַריינגעגעבן אַ געדאַנק, און עס האָט זי פּלוצלונג אָנגענומען אַ לוסט צו זעען זיך מיט איר שוועסטער. אַרויסגייענדיק פונם טעמפּל, האָט זי דערזעען יאַזאָנען; זי איז געבליבן שטיין, ווי צוגענאָגלט צום אָרט, און האָט אַ געשריי געטון פון איבעראַשונג, וואָרום יאַזאָן איז געווען אַזוי שען, אַז ער האָט נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן אין גאַנץ גריכנלאַנד. דערהערנדיק דאָס געשריי פון דער שוועסטער, איז כאַלקיאָפּע אַרויסגעלאָפן אין הויף. צוזאַמען מיט איר זענען אויך אַרויסגעלאָפן אירע מיידלעך. כאַלקיאָפּע האָט דערזעען די

---

[1]) די געטין העקאַטע האָט געהערשט איבער די גייסטער פון די געשטאָרבענע; זי האָט אויך געהיילט פון משוגעת.

פיר דין, וואָס זי האָט געבוירן צו איר מאַן פריקס־זס, האָט זי זיך זער דערפרייט. זי איז זיי געפאַלן אויפן האַלז, און די מו־טער מיט די זין האָבן געוויינט פאַר שמחה.





11.

מעדעאָ און אָעטעס.

צוליב דעם טומל זענען אויך אַרויסגעקומען פון זייערע צימערן דער קעניג און די קעניגין, געוואָר ווערן, וואָס דאָ איז געשעען.

אינם הויף האָבן זיך געפונען פיל דינער און קנעכט, וואָס זענען געווען שטאַרק באַשעפטיקט: איינער האָט געקוילעט אַן אָקס, אָנצוגרייטן אַ מאָלצייט פאַר געסט, אַ צווייטער האָט געהאַקט האָלץ, אָנצוצינדן אַ פייער; איינער האָט אָנגעשעפּט וואַסער, אַ צווייטער האָט געשייערט די טעפּ און די קעסלען. זיי זענען געווען אַלע פאַרטון, קיין איינער פון זיי איז נישט געווען אָן אַרבעט.

און איבער די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין הויף, האָט געשוועבט עראָס[1]; ער האָט אַלעמען געזען, אים האָט אָבער קיינער נישט געזען. עראָס האָט אַרויסגענומען פון זיין בייטל אַ שאַרפע פייל, אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און זיך אַוועקגעשטעלט הינטער יאַזאָנען; און דער שטיפער האָט אָנגעשפּאַנט דעם בויגן און אַ שאָס געטון[2]. די פייל האָט געטראָפן מעדעאַן, די טאָכטער פונם קעניג. קיינער האָט נישט געזען, וואָס עראָס האָט אָפּגעטון אינם הויף פונם קעניג; אַפילו מעדעאַ האָט אויך גאָרנישט געוואוסט, זי האָט נאָר געפילט, אַז איר האַרץ איז פאַרוואונדעט.

די דינער האָבן געבראַכט די שיסלען, פון וועלכע ס'איז געגאַנגען אַ פאַרע; די געסט האָבן איינגעוואַשן זייער לייב מיט וואַסער און זיך פריילעך אַוועקגעזעצט צו דער מאָלצייט, וואָרום זיי זענען געווען זער הונגעריק. די זין פון פריקסאָסן האָבן דערציילט זייער זיידן אַעטעס וועגן די פיל מי און פיין, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען אין וועג, און וועגן דעם, ווי אַזוי זיי זענען ניצל געוואָרן פון טויט.

האָט אַעטעס שטילערהייט געפרעגט זיינע אייניקלעך:

—ווער זענען עס די פרעמדע, וואָס זענען געקומען אַהער, און צו וואָס זענען זיי געקומען?

האָט אים געענטפערט אַרגאָס:

—דאָס איז יאַזאָן מיט זיינע העלדן פון גריכנלאַנד. פעליאַס, דער קעניג פון יאָלקאָס, האָט אים געשיקט צו נעמען פון דיר די גאָלדענע וואָל, וואָס אונזער פאָטער פריקסאָס האָט דיר גע־

[1] עראָס—דער גאָט פון ליבע ביי די גריכן.

[2] עראָס האָט געהאַט די געשטאַלט פון אַ יונגל, באַלאָדנט מיט אַ פייל-בויגן; וועמען די פייל האָט געטראָפן, דער איז געוואָרן ליבעס-קראַנק.

שאָנקען. פּע יאַס האָט פּיינט יאַזאָנען, דעריבער האָט ער אים אָװעקגעשיקט אין אַזאַ געפערלעכן װעג, װאָרום ער האָט זיך גע-

עראָס

טראַכט, אַז יאַזאָן װעט זיכער אומקומען אין װעג. יאַזאָן האָט

אָבער נושא־חן געווען בײַ די געטער, און פּאַלאַס אַטענע האָט אים געהאָלפֿן אויפֿבויען אַ שיף, אין וועלכער ער זאָל קאָנען אַדורכשווימען דעם שטורמישן ים. די שיף איז שטאַרק און פֿעסט און שרעקט זיך נישט פֿאַר קיין שטורם, נישט אַזוי ווי די שיפֿן פֿון קאָלכידע, וואָס קאָנען נישט אויסהאַלטן דאָס שוואַכסטע ווינטל.

האָט זיך דער קעניג געטראַכט: נישט אַנדערש, נאָר אַרגאָס מיט זײַנע ברידער האָבן אָנגערעדט די פֿרעמדע, צו קומען קיין קאָלכידע. אַעטעס איז בייז געוואָרן אױ אויף זײַנע אייניקלעך אױ אויף די געסט און האָט אַ געשריי געטון הויך אויף אַ קול:

—אַרויס פֿון דאַנען, איר גאָט־לעסטערער! נישט די וואָל זענט איר געקומען צונעמען, נאָר אַראָפּוואַרפֿן מיך פֿון מײַן שטול! ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, אויב איר וואָלט נישט געווען אין מײַן הויז אַלס געסט, וואָלט איך נישט איבערגעלאָזט פֿון אײַך קיין שפּור. נאָר איך האָב מורא פֿאַר די געטער.

דערהערנדיק די דאָזיקע זידלערײַ, איז טעלאַמאָן אויפֿגעשפּרונגען פֿון זײַן אָרט און געוואָלט שאַרף אָפּענטפֿערן. יאַזאָן האָט אים אָבער באַרויקט און ווייך און מילד געזאָגט צום קעניג:

— באַהערש זיך, אַעטעס! מיר זענען נישט געקומען באַהאַלטענערהייט, אַזוי ווי גנבים, צו גזלען פֿון דיר דאָס, וואָס געהערט נישט צו אונז. דער גורל האָט עס געוואָלט און דער אַכזריותדיקער קעניג האָט אונז, געטער־קינדער, געצוואונגען צו מאַכן די דאָזיקע רייזע. דעריבער, טו חסד מיט דײַנע קנעכט, וואָס געפֿינען זיך אונטערן שוץ פֿון דײַן גאַסטפֿרײַנטלעכן הויז, און גיב אונז די גאָלדענע וואָל, דערפֿאַר וועלן מיר דערציילן דײַן לויב אין אַלע לענדער פֿון גריכנלאַנד. און אויב דער שונא וועט אָנפֿאַלן אויף דײַן לאַנד, אָדער דו וועסט אַרויסגיין מלחמה האַלטן מיט דײַנע פֿײַנט, וועלן מיר דיר קומען צו הילף.

אַזוי האָט יאַזאָן גערעדט. כדי צו באַרויקן דעם קעניג.

האָט דער קעניג איינגעהאַלטן זיין צאָרן און געזאָגט מיט אַ געמאַכטער רויקייט:

— איר דאַרפט נישט אַזויפיל רעדן. אויב איר זאָגט אמת און איר זענט ווירקלעך געטער-קינדער, וועל איך אייך אַוועקגעבן די וואָל, וואָרום איך וועל נישט מיידן פון אייך מיין חסד. כדי אייך אָבער אויסצופּרובן, צו איר זאָגט דעם אמת, וועט איר טון אַ זאַך, וועלכע איך טו טאָג-טעגלעך.

אויפן אַרעס-פעלד פיטערן זיך צוויי בראָנזענע, פייער-שפּייענדיקע אָקסן. מיט די דאָזיקע אָקסן טו איך אַקערן און זייען דאָס פעלד; איך פאַרזיי עס אָבער נישט מיט די ברוינע זוימען פון דעמעטער[1]), נאָר מיט ציין פון אַ מאָנסטרום. פון די דאָזיקע זוימען וואַקסן אַרויס און שטייגן אויף פון דער ערד באַוואָפנטע מענער. זיי פאַלן אָן אויף מיר מיט אַ שרעקלעכן גרימצאָרן, איך אָבער שטעל מיך קעגן זיי איינער אַליין, קיינער פון מיינע קנעכט קומט מיר נישט צו הילף, איך צעטרעט זיי און פאַרלענד זיי אַזוי, אַז קיין איינציקער פון זיי בלייבט נישט איבער אַ לעבעדיקער. גאַנץ פרי, ווי נאָר עס באַווייזט זיך דער מאָרגנשטערן, שפּאַן איך איין מיינע אָקסן אינם אַקערוואָגן און אין אָוונט פאַרענדיק איך דעם שניט. קלויבט זשע אויס פון צווישן אייך אַ מענטש, וואָס זאָל איינוויליקן מיר נאָכצוטון. אויב עס וועט אים געלונגען, וועט איר באַקומען די גאָלדענע וואָל און איר וועט טון מיט איר, וואָס אייך וועט געפעלן. אויב אָבער ער וועט נישט קאָנען אויספירן די דאָזיקע טאַט, וועט איר מוזן פאַרלאָזן מיין לאַנד מיט גאָרנישט.

האָט יאַזאָן געשוויגן אַ ווײַלע און זיך מישב געווען, צי ער זאָל נעמען אויף זיך די דאָזיקע אויפגאַבע, צי נישט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— יאָ, די אַרבעט איז אַ שווערע און די ... איז נישט

---

[1]) דעמעטער—די געטין פון ערד-אַרבעט.

קלײן, נאָר זאָל זײַן וואָס עס איז — איך נעם מיך אונטער און איך וועל עס אויספירן! איך פאַרלאָז מיך אויף מײַן גורל, וועלכער האָט מיך געפירט ביז איצט!

—גוט—האָט געענטפערט דער קעניג—גיי צו דײַנע פרײַנט און האַלט מיט זיי אַן עצה. אויב דו וועסט זיך שרעקן און נישט האָבן גענוג מוט, זאָלסטו שנעל פאַרלאָזן מײַן לאַנד און איך וועל שוין אַלײן טון מײַן אַרבעט, אַזוי ווי איך האָב זי געטון ביזן הײַנטיקן טאָג.



12.

אַרגאָסעס עצה.

יאַזאָן מיט זײַנע פֿרײַנט האָבן זיך אויפֿגעשטעלט פֿון טיש און אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַרײַן. אַרגאָס האָט געגעבן זײַנע ברידער אַ צײַכן, זיי זאָלן בלײַבן אויפֿן אָרט, און ער האָט זיך שנעל געלאָזט נאָך יאַזאָנען. יאַזאָן האָט אַלעמען באַצויבערט און געווענדט אויף זיך אַלע אויגן. אויך מעדעאַ, די טאָכטער פֿונם קעניג, האָט זיך צוגעקוקט צו אים פֿון הינטער אַ פֿאָרהאַנג; זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון אים קיין אויג, אַלע אירע געדאַנקען זענען געווען פֿאַרנומען מיט אים.

אַרײַנקומענדיק צוריק אין אירע צימערן, האָט זי זיך צעוויינט און גענומען רעדן צו זיך אַליין:

— וואָס ווילן פון מיר די געטער?... די געשטאַלט פונם פרעמדן העלד שטייט מיר כסדר פאַר די אויגן... ווי שען ער איז! ווי רייצנד ער איז! ער מוז זיין אַ געטער־זון, עס איז נישט מעגלעך, אַז ער זאָל זיין אַ געוועגלעכער שטערבלעכער! ער איז געקומען נעמען די גאָלדענע וואָל, און מיין פאָטער האָט איינגעשטימט זי אָוועקצוגעבן, אויב ער וועט קאָנען אַקערן מיט די פייער־שפּריצנדיקע אָקסן... אָבער די אָקסן וועלן אים דאָך טויטן, וואָרום ווער קאָן זיך ראַנגלען מיט זיי און אַרויסגיין אַ גאַנצער? און דער רייצנדער גבור וועט אַוועקגיין פון דער וועלט אין די בליענדסטע יאָרן! ווי באַדויער איך אים! הלוואי זאָל אים צושפּילן דאָס גליק און ער זאָל זיך בשלום אומקערן אין זיין היים! און אויב דער גורל וויל, אַז ער זאָל שטאַרבן, זאָל ער כאָטש וויסן, אַז איך באַוויין זיינע יונגע יאָרן.

אין דער זעלבער צייט זענען יאַזאָן און אַרגאָס געגאַנגען צו דער שיף, און אַרגאָס האָט געזאָגט צו יאַזאָנען:

— האָרך מיך אויס, מיין האַר, וועלן דיך דערפאַר אויסהערן די געטער. איך קען אַ מיידל, וואָס דינט אַלס פּריסטערין צו דער געטין העקאַטע און ווייסט ווי אַזוי אָנצוגרייטן צויבער־געטראַנקען. אויב זי וועט אונז נישט אָפּזאָגן איר חסד, וועלן מיר זיכער מנצח זיין. אויב דו ווילסט איין, וועל איך גיין צו איר און בעטן ביי איר הילף.

האָט יאַזאָן געענטפערט:

— גוט, איך וויליק איין. הגם עס איז נישט זער שיין פאַר אונז, מיר זאָלן דאַרפן הילף פון אַ פרוי.

אַרויפקומענדיק אויף די שיף, האָט יאַזאָן איבערגעגעבן זיינע פריינט די פאָדערונגען פונם קעניג און דעם צוזאָג, וואָס ער האָט שוין געגעבן אַעטעסן.

די גבורים זענען אַ צייט לאַנג געזעסן, פאַרבליפטע, און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. דערנאָך אָבער האָט זיך אויפגעשטעלט פעלעאוס און זיך אָנגערופן:

— אויב דו ווילסט האַלטן וואָרט, גרייט זיך צום שטרייט. אויב אָבער עס איז פֿאַר דיר צו שווער דאָס אויסצופירן, לאָמיר בעסער שנעל אַוועק פון דאַנען, וואָרום קיינער פון אונז וועט זיך נישט איינשטעלן דאָס לעבן מלחמה צו האַלטן מיט אַזאַ מין פיינט.

דערהערנדיק די דאָזיקע ווערטער, איז דער מוטיקער טע־לאַמאָן אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט, אַ צעפלאַמטער, און אויך זיינע פיר ברידער האָבן גענומען שרייען :

— ווער עס איז אַ ציטערדיקער און אַ שרעקעוודיקער, זאָל זיך געזונטערהייט אַהיימפאָרן ! מיר אָבער וועלן זיך קעגנשטעלן קעגן דעם פיינט ! אָדער מיר וועלן מנצח זיין, אָדער מיר וועלן פאַלן אין קאַמף!

דאַן האָט זיך אָנגערופן אַרגאָס :

— אין פּאַלאַץ פונם קעניג געפינט זיך אַ מיידל, וואָס קאָן אָנגרייטן צויבער־געטראַנקען. דאָס דאָזיקע מיידל איז מיין מומע, מיין מוטערס אַ שוועסטער. גיט מיר אייער ערלויבעניש, וועל איך גיין צו מיין מוטער און איר אַלץ דערציילן. איך וועל איר דערציילן, ווי גוט איר זענט זיך באַגאַנגען מיט מיר און מיט מיינע ברידער, וועט זי צורעדן איר שוועסטער, זי זאָל אייך קומען צו הילף. איך וועל צוריקקומען און ברענגען אייך דעם ענטפער פון מיין מומע. דאַן וועלן מיר האַלטן אַן עצה און זיך מישב זיין, וואָס מיר האָבן צו טון ווייטער.

ווי נאָר אַרגאָס האָט געענדיקט זיינע רייד, האָבן די גבורים פלוצלונג דערזעען אין דער לופט אַ שפּאַרבער, וועלכער האָט זיך געיאָגט נאָך אַ ווייסער טויב ; ביים שפּאַרבער האָבן די אויגן געברענט ווי די פלאַקערן, און די שאַרפע נעגל זענען גע־ווען גרייט צו צערייסן דעם קרבן. די טויב האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט און געזוכט שוץ אויף יאַזאָנס ברוסט, דער שפּאַרבער אָבער איז אַראָפּגעפאַלן אויף די שיף אַ טויטער. האָבן דאָס די גבורים געהאַלטן פאַר אַ גוטן סימן ; זיי האָבן זיך דערמאָנט די נבואה

פֿון פֿינעאוסן, אַז אַ פּראָדיטע וועט זיי בײַשטיין און קיי שזין גליק[1].

האָבן אַלע ווי איינער אויסגערופֿן:

—גוט! מיר נעמען אָן אַרגאָסעס עצה!

דאַן איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זײַן אָרט אידאַס, דער זון פֿון אַפֿאַרעאוס, און אַ געשריי געטון מיט צאָרן:

— איך באַשווער אײַך, איר גריכן, בײַ די אומשטערבלעכע געטער, איר זאָלט זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף אַפּראָדיטן און נישט גלייבן אין צויבערייִ! מיר קאָנען זיך פֿאַרלאָזן נאָר אויף אַרעסן, און נאָר אונזערע אייגענע הענט קאָנען אונז העלפֿן!

און אויך אידאַסעס פֿרײַנט זענען אַרויסגעטרעטן קעגן יאַזאָנען. די גבורים האָבן זיך אָבער געהאַלטן בײַם פֿריערדיקן באַשלוס, ווײַל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אומזיסט אײַנשטעלן דאָס לעבן.

איז אַרגאָס אַוועק צו זײַן מוטער, איבערצורעדן מיט איר וועגן אַלעם, און די גבורים האָבן צוגעבונדן די שיף צום ברעג און אומגעדולדיק געוואַרט, ביז אַרגאָס וועט צוריקקומען. אַעטעס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ העפֿטיקן כעס אויף דעם אומדערשראָקענעם יאַזאָן; ער האָט באַשלאָסן בײַ זיך, אומצוברענגען נישט בלויז יאַזאָנען אַליין, נאָר אויך אַלע איבריקע אַרגאָנויטן. ער האָט פֿאַרזאַמלט אַלע זײַנע מענטשן און זיי דערציילט וועגן דער זאָל, וואָס יאַזאָן פֿאָדערט פֿון אים; זיי האָבן זיך לאַנג באַראַטן

---

[1]) די גריכן האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט אַפּראָדיטען, די געטין פֿון ליבע, אין דער באַגלייטונג פֿון טויבן, אַלס סימבאָל פֿון פֿרוכטבאַרקייט. דאָס, וואָס דער שפּאַרבער איז געפֿאַלן אַ טויטער און די טויבן זענען ניצל געוואָרן פֿון טויט, האָבן די אַרגאָנויטן אָנגענומען פֿאַר אַ צייכן, אַז נישט מיט כח וועלן זיי בײַקומען אַעטעסן, נאָר מיט דער הילף פֿון אַ פֿרוי אָדער פֿון דער ליבע.

און עס איז געבליבן, זיי זאָלן אָנזאַמלען פיל האָלץ און אונטער־צינדן די שיף צוזאַמען מיט די שיף־לייט. אויך זיינע אייניקלעך האָט אַטעס באַשלאָסן שווער צו באַשטראָפן, דערפאַר וואָס זיי האָבן געבראַכט די פאַרדעכטיקע מענטשן אין זיין לאַנד אַריין.

דערווייל איז אַרגאָס געזעסן אינם צימער פון זיין מוטער און אויסגעגאָסן פאַר איר זיין געבעט, זי זאָל בעטן ביי מעדעאַן הילף פאַר די העלדן. צום סוף האָט זיך כאַלקיאָפע געלאָזט אי־בעררעדן, וואָרום זי האָט געפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו די מענטשן, וואָס האָבן מציל געווען אירע זין.

מעדעאַ אָבער האָט, זינט זי האָט דערזעען יאַזאָנען, נישט געקאָנט געפונען קיין רו.

זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר געלעגער, כדי אַביסל איינצושלאָפן און זיך צו באַרויקן. זי איז איינגעדרימלט און גע־זעען אַ וואונדערבאַרן חלום. זי האָט געזעען, ווי יאַזאָן גייט אַרויס מלחמה האַלטן מיט די אָקסן, און ער איז באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס. דערזעענדיק מעדעאַן, איז ער צוגעגאַנגען צו איר, פאַרנייגט זיך און געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַרין, ווילסט איין אויסצוהערן די רייד פון דיין קנעכט. איך בין געקומען פון אַ ווייט לאַנד, צו באַקומען פון דיין פאָטער די גאָלדענע וואָל. ווי נאָר איך האָב דיך דערזעען, בין איך צוגעבונדן געוואָרן צו דיר מיט ליב און זעל. אויב מיין לעבן האָט עפּעס אַ ווערט אין דיינע אויגן, קום מיר צו הילף, וואָרום דו ביסט דאָך אַ צויבערין און קאָנסט טון וואונדער. אויב איך וועל אַרויסגיין פונם קאַמף מיט נצחון, וועל איך דיך נעמען פאַר אַ ווייב און דיך ברענגען אין מיין געבורטס־אָרט גריכנלאַנד.

האָט מעדעאַ געענטפערט: איך וועל דיר קומען צו הילף. וואָס דו וועסט מיך הייסן, וועל איך טון, ווייל איך האָב דיך ליב.

און מעדעאַ האָט געלערנט יאַזאָנען און אויסגעזאָגט אים־

װאָס ער האָט צו טון און װי אַזױ ער זאָל אײנשפּאַנען די אָקסן אין יאָך און צװינגען זײ צו טון די אַרבעט אין פעלד.

נאָכדעם, װי יאַזאָן האָט אָפּגעטון די אַרבעט, איז ער צוגעגאַנגען צו אַעטעסן און געפאָדערט דעם אָפּגערעדטן שכר — די גאָלדענע װאָל. ער האָט אױך געפאָדערט מעדעאַן פאַר אַ װײַב.

אַעטעס האָט אים אָבער נישט געװאָלט געבן די װאָל. אױך מעדעאַן האָט ער נישט געװאָלט געבן יאַזאָנען. עס האָט זיך צעפלאַקערט צװישן זײ אַ שטרײַט. צום סוף איז באַ זײ געבליבן, זײ זאָלן איבערגעבן דעם שטרײַט מעדעאַן, זי זאָל אַרױסטראָגן אַן אורטײל.

מעדעאַ האָט אױסגעהערט בײדע צדדים און געזאָגט:

— יאַזאָן איז גערעכט און דו, פאָטער, ביזט אומגערעכט.

האָט זיך אַעטעס צעבײזערט און אַ דונער-געטון מיט זײַן שטים...

אין דער זעלבער רגע איז מעדעאַ אױפגעקומען פון שלאָף. זי האָט געדענקט דעם חלום, און דאָס האַרץ האָט אין איר געקלאַפּט. זי איז אַרױס פון אירע צימערן, כדי זיך אַראָפּצורעדן פאַר דער שװעסטער, נאָר זי האָט זיך דערצו נישט געקאָנט ענטשליסן. פיל מאָל איז זי אַרױס פון איר חדר און האָט זיך כסדר אומגעקערט. זי איז שױן געשטאַנען באַ דער טיר פון איר שװעסטערס צימער, נאָר זי איז צוריקגעגאַנגען. זי האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אין הױף און נישט געקאָנט זיך געפונען קײן אָרט. ביז זי איז צוריק אַרײַנגעגאַנגען אין איר צימער, געװאָרפן זיך אױפן בעט און געװײנט אַ ביטער געװײן.

האָט דאָס דערהערט איר געטרײַע דינערין און איז אױפגעציטערט געװאָרן. זי איז אַװעקגעלאָפן צו כאַלקיאָפּען, דערצײלן איר, אַז די האַרין װײנט. איז כאַלקיאָפּע געקומען צו לױפן צו מעדעאַן, אַרומגענומען זי און געפרעגט : װאָס איז דיר, שװעס-

טער ? פֿאַרוואָס וויינסטו ? צי ביזטו קראַנק ? צי האָבן די גע־

העקאַטע.

טער אָנגעשיקט אויף דיר אַ שלעכטן גייסט ? און אפשר האָט

דיר אויסגעזאָגט דער פאָטער, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט בייזע מחשבות אויף מיר און אויף מיינע זין? אָ! ווי דער־לעב איך עס, אַז דער גורל זאָל מיך אַוועקטראָגן ווייט פון מיין פאָטערס הויז! ווי דערלעב איך עס, צו געפינען די ערגיץ אין אַ אַנדער לאַנד, וואו מען ווייסט אפילו נישט, אַז עס איז פאַרהאַן ערגיץ אַ פאָלק קאָלכידער!

13.

מעדעאס צוזאָג.

ווען מעדעאַ האָט דערהערט די רייד פון דער שוועסטער, האָבן אויף איר פנים אַרויסגעשלאָגן פלאַמען. זי האָט זיך געשעמט אַרויסצורעדן אַ וואָרט און האָט פאַרדעקט דאָס פנים מיט ביידע הענט. זי האָט אַזוי געשוויגן אַ קורצע צייט, דערנאָך אָבער האָט זי געזאָגט:

—יאָ, שוועסטער מיינע, עס איז טאַקי אַזוי, ווי דאָס האַרץ האָט דיר געזאָגט. באַנאַכט איז העקאַטע געקומען צו מיר אין שלאָף און מיר געזאָגט: גיי צו דער שוועסטער און דערצייל איר, אַז אייער פאָטער גייט אַרום מיט אַ מחשבה צו טויטן אירע זין און די אַרגאָנויטן. אויפכאַפנדיק זיך פון שלאָף, האָט דאָס

האַרץ געקלאַפּט אין מיר און איך האָב געוויינט, שרעקנדיק זיך פאַרן גורל פון דיינע זין.

כאַלקיאָפּע איז אויפגעציטערט געוואָרן און האָט געזאָגט:

— איך ווייס, אַז דער פאָטער האָט פיינט מיינע זין, דעריבער קום איך צו דיר בעטן בײַ דיר הילף. און איך האָב אויפגעהויבן מיינע הענט צום הימל און אָפּגעגעבן אַ שבועה, אַז אויב דו וועסט מיר נישט אַרויסהעלפן פון אומגליק, וועל איך אויפשטייגן פון קבר אַלס אַ פוריע,[1] צוזאַמען מיט די גייסטער פון מיינע דערהרגעטע זין, און פאַרפאָלגן דיך דיין לעבן לאַנג.

און כאַלקיאָפּע איז צוגעפאַלן צו מעדעאַס פיס, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין איר שויס און ביטער געוויינט. מעדעאַ האָט אויך געוויינט און געזאָגט:

— שרעק זיך נישט, שוועסטער! איך בין גרייט דיר צו העלפן. איך נעם הימל און ערד פאַר עדות, אַז איך וועל דיך און דיינע זין מציל זיין פון טויט.

האָט נאָך כאַלקיאָפּע צוגעגעבן:

— צוליב מיינע זין העלף שוין אויך דעם פרעמדן און גיב אַ מיטל, ער זאָל נישט פאַלן אין קאַמף מיט די אָקסן. ער איז דאָך געקומען צו אונז אַלס גאַסט און דו ווייסט דאָך אויך, אַז ער איז בײַגעשטאַנען מיינע זין אין דער נויט.

די דאָזיקע רייד האָבן דערפרייט מעדעאַן, ווארום זי איז געווען צוגעבונדן צו יאַזאָנען מיט ליבע און זעל. אַ רויטל האָט באַדעקט איר שיין געזיכט, און אירע אויגן האָבן געגומען שטראַלן פון גליק. און זי האָט אָפּגעגעבן אַ שבועה און געזאָגט:

---

[1]) פוריעס זענען די געטינס פון נקמה.

— זאָל איך נישט דערבליקן דאָס ליכט פונם טאָג, אויב איך וועל רוען און נישט זאָרגן פאַר דיין גורל פון דיינע זין. די מוטער האָט מיר דערציילט, אַז ווען איך בין נאָך געווען אַ פּיצעלע קינד, האָסטו מיך אָנגעזויגן פון דיין ברוסט צוזאַמען מיט דיינע זין. דעריבער ביסטו מיר נישט בלויז ווי אַ שוועסטער, נאָר אויך ווי אַ ליבע, געטרייע מוטער. גיי אַהיים, כאַלקיאָפּע. מאָרגן פאַרטאָגס וועל איך גיין אין העקאַטעס טעמפּל און אָנגרייטן דעם צויבער־געטראַנק, מיט וועלכן דער פרעמדער וועט קענען באַהערשן און באַזענפטיקן די אָקסן.

האָט זיך כאַלקיאָפּע געזעגנט מיט דער שוועסטער, אומגעקערט זיך אין איר צימער און דערציילט איר זון וועגן מעדעאַס צוזאָג.

מעדעאַ איז געלעגן אויף איר בעט און נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. זי האָט זיך געטראַכט:

— צי האָב איך גוט געטון, וואָס איך האָב צוגעזאָגט צו העלפן דעם פרעמדן קעגן מיין פאָטער? נאָר זאָל זיין, וואָס עס איז, איך מוז אים מציל זיין, און זאָל ער זיך גיין, וואוהין דער וועג וועט אים פירן. אָבער דער טאָג, ווען ער וועט אָנטון דעם נצחון־קראַנץ אויפן קאָפּ, וועט זיין דער לעצטער לעבנס־טאָג מעדעאַס...

און זי איז אַראָפּ פון געלעגער און צוגעגאַנגען צום קעסטל, וואו זי האָט געהאַלטן אירע הייל־גרעזער און צויבער־קרייטעכצער. זי האָט געוואָלט אָנגרייטן זיך אַ טויט־געטראַנק אויפן מאָרגנדיקן טאָג.

נאָר פּלוצלונג האָבן אַדורכגערוישט דורך איר בלוט אַלע גליקזעליקייטן פון דער יוגנט, און זי האָט דערהערט דאָס שטיפערישע פרייד־געלעכטער פון יונגע מענטשן. אַ בענקשאַפט האָט אָנגעפילט איר האַרץ; זי האָט געוואָלט זען דעם זונען־שיין און האָט מורא געקריגן פאַרן טויט. זי האָט צוריק פאַרלאָזן דעם קעסטל און אַרויפגעוואָרפן זיך אויפן בעט.

די אַלע ווייזיעס האָט איר געשיקט העראַ, יאַזאָנס באַשיצערין. די ווייזיעס האָבן באַרוישט מעדעאַן, און זי האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויפן זונענאויפגאַנג, ווען זי וועט אָנגרייטן די צויבעריי, מציל צו זיין פון טויט דעם יונגן העלד.

14

אַ געשפּרעך צווישן יאַזאָן און מעדעאַ.

ווי נאָר דער מזרח־ראַנד פון הימל האָט זיך גענומען רויטלען, האָט זיך אַרגאָס געלאָזט צו דער שיף, אָנזאָגן די אַרגאָנויטן די גוטע בשורה. מעדעאַ איז אויך אויפגעשטאַנען פרי און פאַרקעמט אירע לאַנגע האָר, וואָס זענען צעשויבערט געוואָרן פון די איבערלעבענישן בײַנאַכט. דערנאָך האָט זי אָפּגעווישט פון די באַקן די שפורן פון טרערן און געשמירט איר לייב מיט אייל און מיט שמעקעדיקע זאַלבן. זי האָט אָנגעטון אַ טייערן מאַנטל, פאַרקנעפּלט אים מיט די גאָלדענע קנעפּ און איבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ אַ שלייער, וואָס האָט געהאַט די קאָליר פון אַ זילבערנעם נעפּל.

און די שלאַנקע קעניגס־טאָכטער איז מיט לייכטע טריט אַדורכגעגאַנגען דורך די פיל צימערן און גערופן אירע צוועלף

מיידלעך, זיי זאָלן איינשפּאַנען די מויל־אייזלען, כדי זי זאָל זיך
נישט פֿאַרשפּעטיקן אין העקאַטעס טעמפּל אַריין.

זענען די מיידלעך שנעל אַרויסגעגאַנגען אין די שטאַלן, און
מעדעאַ האָט פֿון אַ פֿאַרבאָרגן קעסטל אַרויסגענומען אַ צויבערגעטראַנק,
געמאַכט פֿון אַ מין שוואַרצן זאַפֿט, וואָס זיין ווערט לאָזט זיך נישט
אָפּשאַצן מיט גאָלה; דעם דאָזיקן זאַפֿט האָט מעדעאַ אַליין אַרויס־
געצויגן פֿון אַ פֿלאַנץ, וואָס איז אַרויסגעשפּראָצט אויף די פֿעלזן־
שפּיצן פֿון קויקאַזוס, פֿונם בֿלוט פֿון פּראָמעטעאוס דעם טיטאַן.
און דער זאַפֿט האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרע אייגנשאַפֿט: ווער
ס'האָט געזאָגט אַ תּפֿילה צו העקאַטן און דערנאָך געשמירט מיט
אים דעם לייב, דער איז דעם דאָזיקן טאָג געווען פֿעסט, ווי אַ
פֿעלז, די שווערט האָט אים נישט גענומען און קיין פֿייער האָט
אים נישט געקאָנט באַרירן; ער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז קיי־
נער האָט זיך נישט געקאָנט קעגנשטעלן קעגן אים.

אַרויסקוקנדיק דורכן פֿענסטער, האָט מעדעאַ געזען, אַז
דער וואָגן שטייט שוין געשפּאַנט. איז זי אַרויסגעגאַנגען און
אַריינגעזעצט זיך אין וואָגן, צוזאַמען מיט די צוויי יונגסטע מייד־
לעך. מעדעאַ האָט אָנגענומען די לייצן, דער וואָגן האָט זיך אַ
לאָז געטון, און די רעדער האָבן גענומען קלאַפּן און רוישן איי־
בער די גאַסן פֿון שטאָט. דערזעענדיק דעם קעניגס טאָכטער, איז
דאָס פֿאָלק אָפּגעקערט אין אַ זייט און געפֿאַלן אויף די קני.

דער וואָגן איז אַדורך דורך דער שטאָט און זיך אָפּגע־
שטעלט פֿאַרן טויער פֿון העקאַטעס טעמפּל. מעדעאַ איז אַראָפּ־
געשפּרונגען פֿון וואָגן און געגעבן אירע מיידלעך אַ צייכן, זיי
זאָלן צוגיין צו איר. האָט מעדעאַ געמאַכט אַן אָנשטעל און גע־
זאָגט:

— טייערע פֿריינדינס! איר ווייסט דאָך, אַז די גריכן זע־
נען געקומען אין אונזער לאַנד אַריין צונעמען ביי אונז דעם
טייערן אוצר, די גאָלדענע וואָל. זייער אָנפֿירער, יאַזאָן, האָט מיט
פֿיינע ריידעלעך איבערגערעדט מיין שוועסטער און אירע זין, זיי
זאָלן אים צוהעלפֿן אויספֿירן זיין זאַך. און נישט בלויז דאָס, נאָר

ער האָט אויך געפּועלט ביי מיין שוועסטער, זי זאָל מיך צורעדן, אַז איך זאָל אים ביישטיין מיט מיין צויבעריי אין קאַמף מיט די אָקסן, און דערפאַר וועט ער אויפּברענגען אַ געשאַנק צו מיין געטין העקאַטע. האָב איך געמאַכט אַן אַנשטעל און געזאָגט, אַז איך בין כּלומרשט גרייט צו טון זיין פאַרלאַנג. איך האָב אָפּגעמאַכט, ער זאָל קומען אין טעמפּל פון דער געטין, ברענגען אַהער זיינע מתנות און אַדורכריידן מיט מיר וועגן אַלץ. נאָר איך ווייס שוין, וואָס איך האָב צו טון: אים וועל איך טויטן מיט דעם געטראַנק, וואָס כ'האָב אָנגעגרייט, און די מתנות וועלן מיר איינטיילן צווישן זיך.

— אָבער איר, מיידלעך, גייט אַוועק פון דאַנען, כּדי ער זאָל נישט בּאַקומען אויף אונז קיין פאַרדאַכט. איך וועל אים דאָ אָפּוואַרטן, אַזוי ווי מיר האָבן זיך אָפּגערעדט.

די מיידלעך האָבן זיך געפרייט אויף די מתנות, וואָס זיי וועלן בּאַקומען, און זענען אַוועקגעגאַנגען. מעדעאַ איז געבליבן אַליין.

יאַזאָן איז אַוועק אין העקאַטעס טעמפּל, און אַרגאָס און מאָפּסיאוס האָבן אים בּאַגלייט אויפן וועג.

הערא, די ערשטע פרוי פון צעאוסן, האָט יענעם טאָג אַרויסגעוויזן אַ בּאַזונדערע גונסט צו יאַזאָנען; זי האָט העכער געמאַכט זיין געשטאַלט און שטראַלנדיק געמאַכט זיין פּנים, אַז ער איז געווען שיין, ווי אַ גאָט פון אָלימפּוס. זיינע פריינט זענען נשתומם געוואָרן, וואָרום אַ געטלעכע פּראַכט האָט אויף אים גערוט און אַ מעכטיקער שטאָלץ האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

יאַזאָן איז אַריינגעקומען אין העקאַטעס טעמפּל. מעדעאַ איז פאַרבליפט געוואָרן פון זיין שיינקייט. אַ לאַנגע צייט זענען זיי געזעסן און געשוויגן. דערנאָך האָט זיך יאַזאָן אָנגערופן און געזאָגט:

— מעדעאַ! נישט אַלס פיינט קום איך אַהער. איך קום בעטן בּאַ דיר הילף. דער אַכזריותדיקער גורל האָט אונז געפירט אַהער, געבראַכט אונז אין דיין לאַנד אַריין, וואו מיר זענען אָנ-

געבּרייט אויף שווערד און פֿייל. דו אַליין קאָנסט אונז רעטן. געדענק, מעדעאַ, אַז דאָרט ווייט, בּאַ די בּרעגעס פֿון מיין היימלאַנד, זיצן די מוטערס פֿון מיינע פֿריינט, זייערע ווייבּער און שוועסטערן, און הערן נישט אויף צו גיסן טרערן. צי וועלן זיי נאָך דערבּליקן אַמאָל זייערע מענער, בּרידער און זין? דו, מעדעאַ קאָנסט פֿאַרוואַנדלען זייער טרויער אין אַ פֿרייד, און דיין נאָמען וועט זיין געבּענטשט אין גאַנץ גריכנלאַנד.

דאַן האָט מעדעאַ אַרויסגענומען פֿון אירע קליידער, וואָס האָבּן געשמעקט מיט בּשמים, אַ קליין שאַכטעלע. יאַזאָן האָט מיט גרויס גיריקייט גענומען דאָס שאַכטעלע פֿון מעדעאַס הענט.

מעדעאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— הערך גוט אויס, יאַזאָן, וואָס איך וועל דיר זאָגן, און זאָלסט טון אַזוי ווי איך וועל דיך הייסן. נאָכדעם, ווי דו וועסט נעמען פֿון מיין פֿאָטער די ציין פֿון מאָנסטרום, וועלכע דו דאַרפֿסט פֿאַרזייען אין דער ערד, זאָלסטו זיך שטילערהייט אַוועקלאָזן צום טייך. זאָלסט וואַשן דיין לייבּ אין וואַסער פֿונם טייך, אָנקליידן אין שוואַרצן און זאָלסט אויסגראָבּן אַ טיף, רונדיק גרוב. אינם גרוב זאָלסטו אָנצינדן אַ פֿייער, שחטן אַ שעפּסל און אויפֿבּרענגען עס פֿאַר אַן אָפּפֿער צו העקאַטען. אויפֿן אָפּפֿער זאָלסטו גיסן אַ בּעכער האָניג־וואַסער און זאָלסט דאַן אַוועקגיין פֿון דעם אָרט. אַוועקגייענדיק פֿון דאָרט, וועסטו הערן אַ געשטאַמפּער פֿון פֿערד־קאָפּיטעס, אַ בּילעריי פֿון הינט, אַ פֿייפֿעריי און אַ בּרומעריי, דו זאָלסט אָבּער אויף דעם אַלעם נישט לייגן קיין אַכט און זיך נישט אומקוקן, וואָרום אויבּ דו וועסט טון אַנדערש, וועט דיין קרבּן נישט בּאַוויליקט ווערן. צומאָרגנס זאָלסטו אויפֿשטיין פֿרי און אויסשמירן דיין לייבּ מיט דעם שמיר־אייל, וואָס געפֿינט זיך דאָ אין דעם שאַכטעלע; אויך דיין שפּיז, דיין שווערד און דיין פֿאַנצער זאָלסטו אויסשמירן מיט דעם אייל, וועלכער איז אָנגעגרייט געוואָרן מיט פֿיל השבעות און האָט אַ וואונדערבּאַרע קראַפֿט. אויבּ דו וועסט טון דאָס אַלץ, וואָס כ'האָבּ דיך געהייסן, וועט דיין לייבּ ווערן ווי אייזן, דיין כח וועט זיין גרויס,

דו וועסט זיין געגליכן צו די געטער און וועסט אַלעמען בייקומען. דעריבער שרעק זיך נישט, פאַרליר נישט דעם מוט, שטאַרק זיך, גיי אַרויס מלחמה האַלטן מיט די אָקסן און דו וועסט זיי באַזיגן. זאָלסט אָבער געדענקען, אַז דיין כח וועט אָנהאַלטן נישט מער, ווי אַ טאָג; אויפן צווייטן טאָג וועט ער אָפּגעטון ווערן פון דיר, און דו וועסט ווידער זיין אַ געוועגלעכער מענטש.

— און איצט, האָרך אויס, וואָס איך וועל דיר נאָך זאָגן: נאָכדעם, ווי דו וועסט האָבן פאַראַקערט דאָס פעלד און איינגעזייט די ציין פון מאָנסטרום, זאָלסטו נישט אָפּווענדן דיין אויג פון דער ערד און זאָלסט וואַרטן, ביז עס וועט אויפגיין די פירכטערלעכע שפּראָצונג. ווי נאָר די באַוואָפנטע מענער וועלן אָנהויבן אַרויסשפּראָצן און אויפשטייגן פון דער ערד, זאָלסטו נעמען אַ גרויסן פעלזנשטיין און אַריינוואַרפן צווישן זיי. זיי וועלן זיך וואַרפן אויפן שטיין, אַזוי ווי הינט וואַרפן זיך אויף אַ ביין, וואָס מען וואַרפט אַריין צווישן זיי; זיי וועלן נעמען שלאָגן איינער דעם אַנדערן מיט אַ שרעקלעכער ווילדקייט, זיי וועלן זיך צוזאַמענפלאָנטערן און צוזאַמענקנוילן אין אַ קנויל. דאַן זאָלסטו גיך אָנפאַלן אויף זיי, דערהרגענען זיי און נישט איבערלאָזן פון זיי קיין שריד ופליט. דערנאָך וועסטו נעמען די גאָלדענע וואָל און גיין וואוהין דו וועסט וועלן.

אַזוי האָט מעדעאַ גערעדט, און טרערן זענען געפלאָסן איבער אירע באַקן. עס איז איר געווען שווער אַ טראַכט צו טון, אַז יאַזאָן וועט אַוועק אין אַ ווייט לאַנד און זי וועט אים שוין קיינמאָל נישט זען. זי איז געווען ווי צעמישט, זי האָט אָנגעכאַפּט יאַזאָנס האַנט און געזאָגט:

—פרעמדער מאַן, איך ווייס נישט דעם נאָמען פונם לאַנד, וואוהין דיין שיף וועט דיך אינגיכן אַוועקפירן. נאָר זיי וויסן, אַז איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, קיינמאָל נישט, ווען אויך דו וועסט זיין ווייט פון מיר, און ימים און מדינות וועלן מאַכן אַ צווישנשייד צווישן אונז. און איך בעט דיך, אַז דו וועסט קומען בשלום אין דיין היים-לאַנד, דערמאָן זיך אויך אַמאָל וועגן

מעדעאַן...

יאַזאָן האָט מיט אַ טיפן ווייטאָג אויסגעהערט מעדעאַס רייד און געענטפערט:

— רעד נישט אַזעלכע ווערטער, איידעלע האַרין. איך שווער דיר באַ צעאוסן, דעם גאָט פון גריכנלאַנד, אַז איך וועל דיך נישט פאַרגעסן מיין לעבנלאַנג. הלואי וואָלסטו מיטגעפאָרן מיט מיר אין מיין לאַנד אַריין; דער טאָג פון דיין אָנקומען וואָלט געווען אַ יום־טוב פאַר אַלע גריכישע פרויען, זיי וואָלטן דיך געערט, אַזוי ווי אַ געטין, וואָרום דו האָסט דאָך מציל געווען פון טויט זייערע מענער, ברידער און זין. פאַר מיר אָבער וועסטו זיין אַ ליבע, געטרייע פרוי, און נאָר דער טויט אַליין וועט קאָנען אונז אָפּשיידן איינעם פון אַנדערן.

האָט זיך מעדעאַ געשטאַרקט. דער טרויער איז אָפּגעטון געוואָרן פון איר, און זי האָט זיך געפילט גליקלעך. זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ס'איז שוין צייט אומצוקערן זיך צו די מיידלעך, וואָס וואַרטן אויף איר, און צו גיין אַהיים. און יאַזאָן האָט געזאָגט:

— די זון שטייט שוין הויך, און מיר מוזן זיין געוואָרנט, נישט צו דערוועקן קיין חשד ביים קעניג. לאָמיר זיך געזעגענען, און באַשטים מיר אַ צייט, ווען איך וועל ווידער האָבן דאָס גליק צו זען דיין ליכטיקע געשטאַלט.



15.

יאַזאָן ערפילט אעטעסעס פאָדערונג.

יאַזאָן האָט זיך געזעגנט מיט מעדעאַן און, אַ פריילעכער, זיך אַוועקגעלאָזט צו זיינע פריינט, וואָס האָבן געוואַרט אויף אים אויף דער שיף. מעדעאַ איז געגאַנגען צו אירע מיידלעך, וועלכע זענען איר שוין געלאָפן אַקעגן. זי האָט זיי אָבער נישט געזען און נישט געהערט זייערע טריט, ווייל זי איז געווען פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען און האָט געחלומט אויף דער וואַך. זי איז לייכט אַ שפרונג אַריין געגעבן אין איר וואָגן אַריין; די מוילאייזלען האָבן זיך אַ לאָז געטון און צוגעפירט זי צום פּאַלאַץ פון קעניג. דאָרט האָט זי געטראָפן איר שוועסטער, וועלכע האָט געוואַרט אויף איר מיט אַ ציטערדיק האַרץ, וואָרום זי האָט געוואָלט געוואָר ווערן וועגן גורל פון אירע זין. האָט זיך מעדעאַ אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין, נידעריק בענקעלע, אָנגעלענט דעם

קאָפּ אויף די הענט און געוויינט מיט טרערן; זי האָט געפילט אַז דער גורל האָט זי געפאַנגען אין זיינע נעצן און אַז פאַר איר איז אָנגעבּרייט דער טויט.

דערווייל איז יאַזאָן אַרויפגעקומען אויף די שיף און פאַרזאַמלט אַרום זיך אַלע זיינע פריינט. ער האָט זיי דערציילט וועגן דעם שמיר־אייל, וואָס מעדעאַ האָט אָנגעגרייט, און האָט זיי געוויזן דאָס שאַכטעלע. זיי האָבן זיך אַלע שטאַרק דערפרייט. אידאַס אַליין איז געבליבן אומצופרידן און בייז; ער האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט און געקריצט מיט די ציין.

צומאָרגנס אין דער פרי האָבן די אַרגאָנויטן געשיקט פון צווישן זיך צוויי מענער צום קעניג אַעטעס און געהייסן אים זאָגן: גיב אונז די ציין פון מאָנסטרום, וועלן מיר זיי פאַרזייען. האָט דער קעניג געגעבן צו די שליחים די ציין פונם מאָנסטרום, וועלכעס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך קאַדמאָסן, דעם גרינדער פון טהעבען. דער קעניג איז דערבאַ געווען גאַנץ רויק, וואָרום ער האָט גבקענט דעם פירכטערלעכן כח פון זיינע אָקסן און איז געווען זיכער, אַז יאַזאָן וועט פאַלן אַ טויטער, נאָך איידער ער וועט אָנהויבן צו זייע

ווען דער טאָג איז פאַרלאָשן געוואָרן און די נאַכט האָט גענומען שפרייטן אירע פליגל איבער דער ערד, האָט זיך יאַזאָן אַוועקגעגנבעט פון דער שיף און איז שטילערהייט אַוועק צום טייך. ער האָט געוואַשן זיין לייב אין וואַסער און אויפגעבראַכט אַ קרבן צו העקאַטען. ער האָט געטון אַזוי ווי מעדעאַ האָט אים געהייסן, געבעטן העקאַטען, זי זאָל אים קומען צו הילף. האָט העקאַטע אויסגעהערט זיין געבעט; זי איז אַרויסגעקומען פון דער טיפעניש פון אירע היילן, צוזאַמען מיט די מאָנסטרומס, וואָס האָבן געטראָגן פלאַקערדיקע האָלאָוועשקעס אין די מיילער, און אַ מחנה פירכטערלעכע הינט זענען נאָכגעלאָפן נאָך איר מיט אַ קלאָגעדיק בילעריי. פון העקאַטעס שריט האָבן אויפגעציטערט די לאָנקעס און אַלע ווײדעפּלעצער, און די נימפן, וואָס האָבן געוואוינט אין טייך פיזיס, האָבן יעמערלעך געוויינט. איז יאַזאָנען

באַפאַלן אַ גרויסע פורכט. ער האָט אָבער גוט געדענקט מעדעאַס



אָרעס.

אָנזאָג און זיך נישט אומגעקוקט הינטער זיך. ער האָט מקריב

געוועזן זיין קרבן און צו זיינע פריינט האָט ער זיך ערשט אומגעקערט פאַרטאָגס, ווען דער מאָרגנשטערן האָט שוין אָפּגעגילט די שניי־שפּיצן פון קויקאַזוס.

אַטעס איז אויפגעשטאַנען פרי, אָנגעטון דעם פּאַנצער, אָנגעקליידט זיך דעם גאָלדענעם הוט, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט פעדערן, און גענומען אין האַנט אַריין זיין פעסטן שטעקן, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט לעדער. דער שטעקן איז געווען אַזוי שווער, אַז חוץ העראַקלעסן, האָט אים קיינער פון די גבורים נישט געקאָנט רירן פון אָרט. אין הויף פון פּאַלאַץ האָט דעם קעניגס זון איינגעשפּאַנט דעם רייטוואָגן. אַטעס איז אַריינגעשפּרונגען אין וואָגן אַריין, און די פערד האָבן זיך אַ לאָז געטון מיט דער געשווינדיקייט פון אַ בליץ. אַ המון מענטשן זענען נאָכגעלאָפן נאָכן קעניג, ביז זיי זענען אַרויסגעקומען הינטער דער שטאָט, צו דעם באַשטימטן אָרט. אַטעס איז געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צום קאַמף.

און יאַזאָן האָט געטון אַלץ, וואָס מעדעאַ האָט אים געהייסן: ער האָט אויסגעשמירט די שווערד, די שפּיז און דעם פּאַנצער מיטן שמיר־אייל. די גבורים האָבן געפרובט צעברעכן די שפּיז, נאָר אומזיסט; די שטאַרקסטע קלעפּ האָבן נישט געלאָזט אויף איר קיין שום סימן; זיי האָבן זי נישט געקאָנט איינבייגן אַפילו אויף אַ האָר, ווי זי וואָלט געווען פון שטיין. דאָס האָט פאַרדראָסן אידאַסן, האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיט זיין גאַנצן כח אין דעם אָרט, ווי די שפּיז איז געווען איינגעפּאַסט אין העלץ. די שפּיז איז אָבער אָפּגעשפּרונגען, ווי אַ האַמער פונעם אַמבאָסן און עס איז נישט געבליבן אויף איר קיין שום פּגם. האָבן די גבורים אַרויסגעלאָזט אויסגעשרייען פון פרייד; זיי זענען געווע, זיכער, אַז יאַזאָן וועט מנצח זיין.

דערנאָך האָט יאַזאָן אויסגעשמירט זיין לייב מיט דעם שמיר־אייל, און ער האָט פּלוצלונג דערפילט אין זיינע אָרעמס אַ וואונדערבאַרן כח און אַן אויסערגעוויינלעכע געשיקטקייט. ער האָט זיך געפילט אינגאַנצן אַן אַנדערער, ער האָט דערפילט אַ מערקוויר־

דיקע קאַמפּס־דורשט. ער האָט געשפּרייזט מיט קראַפט און שטאָלץ, געפּאָכעט מיט דער שווערד, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַנצער און איז געווען ענלעך צו אַ פערדל, וואָס הירזשעט פרייליך, שטעלט אויף די אויערן און בריקעט מיט די פיס, דערהערנדיק דעם מלחמה־שאַל. יאַזאָן האָט זיך אַריינגעזעצט אין די שיף, די גבורים האָבן גענומען רודערן, און די שיף איז צוגעשווימען צום ברעג פון אַרעס־פעלד, וואו יאַזאָן האָט זיך באַדאַרפט באַגעגנען מיט אַעטעסן. צוקומענדיק צום ברעג, האָבן זיי דערזעען, אַז דער קעניג שטייט שוין אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט, און די קאָלכידער, וואָס זענען מיטגעקומען מיט אים, זענען געווען אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז זיי האָבן באַדעקט אַלע פעלזן פון קויקאַזוס.

די גבורים האָבן צוגעבונדן די שיף צום ברעג, און יאַזאָן איז דער ערשטער אַרויס אויף די יבשה, מיט דער שפּיז און דעם פּאַנצער אין דער האַנט. די גבורים האָבן אים דערלאַנגט דעם פינקלדיקן, קופּערנעם הוט, וואָס איז געווען אינגאַנצן אָנגעפילט מיט די ציין פונם מאָנסטרום. האָט זיך יאַזאָן אָנגעגורט זיין שווערד און איז געוואָרן אַזוי שיין, אַז ער איז געווען ענלעך צו אַרעסן אָדער אַפּאָלאָן.

אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, האָט יאַזאָן דערזעען דעם קופּערנעם יאָך, וואָס די אָקסן האָבן געטראָגן, און נעבן דעם יאָך איז געווען דער אַקערוואָגן און דאָס שניידמעסער, וואָס זענען געווען געמאַכט פון אייזן. האָט יאַזאָן אַראָפּגענומען דאָס היטל, אָנגעפּאַנצערט זיך מיטן פּאַנצער און זיך אַרויסגעלאָזט זוכן די אָקסן.

די קופּערנע אָקסן זענען אָבער אָנגעקומען פון אַ גאַנץ אַנדערער ריכטונג. זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אונטער דער ערד, פון דער הייל, אין וועלכער זיי זענען געווען פאַרשפּאַרט. פון זייערע שווערע טריט האָבן אַ ציטער געטון די פעלדער, און רויך און פלאַמען האָבן פאַרשטעלט דעם שיין פון דער זון.

דערזעענדיק די פירכטערלעכע אָקסן, האָבן יאַזאָנס פריינט

גערעדט; ער איז געווען זער דורשטיק, האָט ער אָנגעשעפּט מיטן היטל וואַסער פון טייך און געשטילט זיין דורשט. ער האָט אַלץ נישט געקאָנט איינרוען און ווייטער געגאַרט צום קאַמף — אַזוי ווי דאָס ווילדע שוויין, וואָס שפּריצט מיט שוים און קריצט מיט די ציין, דערזעענדיק די יעגער.

דעווייל האָבן גענומען אַרויסשפּראָצן פון דער ערד פּאַנצערס, היטן און שאַרפע שפּיזן; די שפּיזן האָבן אַזוי בלאַנק געפינקלט, אַז עס האָט פאַרבלענדט די אויגן פון די מענטשן. יאַזאָן האָט נישט פאַרגעסן מעדעאַס עצה: ער האָט אַרויסגעריסן פון דער ערד אַזאַ ריזיגן שטיין, וואָס אפילו פיר גבורים וואָלטן אים נישט געקאָנט רירן פון אָרט, אים לייכט און געשיקט אַ הויב געטון און אַ שליידער געטון מיטן גאַנצן כח. דער שטיין האָט מיט אַ ווילדן פייף אַדורכגעשניטן די לופט און איז אַריינגעפאַלן צווישן די קריגסלייט, וואָס זענען אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד.

דאַן האָבן די קאָלכידער אַרויסגעלאָזט אַ הילכיק געשריי, אַזוי ווי דאָס געשריי פון די כוואַליעס, וואָס ווערן צעשמעטערט און צוגאָסן ביים פוס פון די הימל-שטייגנדע פעלזן; און אויך אַעקעס האָט זיך מיט ערשטוינונג צוגעקוקט צום ריזיקן שטיין, וואָס האָט זיך אַריינגעקייקלט צווישן די קריגסלייט. די ערד-געוואַקסענע מענער האָבן זיך אַ לאָז געטון און צוגעלאָפן צום שטיין, אַזוי ווי אַ סטייע הינט, וועלכע מען האָט אָפּגעבונדן פון דער קייט. זיי זענען אָנגעפאַלן איינער אויפן אַנדערן, פאַרהילכט די לופט מיט זייערע געשרייען און גענומען פירן אַ פאַרביסענעם שטרייט. פיל פון זיי זענען געפאַלן טויט אויף דער ערד, וואָס האָט זיי געבוירן, אַזוי ווי ס׳פאַלן אייכן און טאָפּאָליעס, וועלכע דער שטורמווינט רייסט אויס מיט די וואָרצלען.

ווען דער קאַמף האָט געהאַלטן אין מיטן רשבטן ברען, איז אָנגעפאַלן אויף זיי יאַזאָן, גענומען פאָכן מיט דער שווערט אויף רעכטס און לינקס, אויסגעהרגעט זיי אַלעמען און נישט איבערגעלאָזט פון זיי קיין שריד ופליט. דאָס גאַנצע פעלד איז באַדעקט געוו[illegible]ן

מיט טויטע קערפּער און מיט זידנדיקע טייכן בלוט.

אַעטעס האָט געזעען, אַז עס איז געלונגען יאַואָנען אויסצופירן די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע, האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט אָבער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר איז שנעל אַוועק אין שטאָט אַריין.

און עס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק, ווי אַזוי אומצוברענגען יאַזאָנען.

דער טאָג איז פאַרגאַנגען און עס איז אָנגעקומען דער אָוונט. יאַזאָן איז צוזאַמען מיט זיינע פריינט אַוועק צו דער שיף, אָפּרוען זיך פון דער שווערער מי. זיי האָבן געזונגען די העלדנלידער און געלויבט די אומשטערבלעכע געטער.

16.

די עראָבערונג פון דער גאָלדענער וואָל.

ווען הער קעניג אַעטעס האָט זיך אומגעקערט אין זיין פּאַלאַץ אַריין, אַ בייזער און אַן אויפגערעגטער, איז געקומען צו אים איינע פון מעדעאַס שטוב-מיידלעך און אים דערציילט, אַז איר האַרין מעדעאַ האָט זיך באַגעגנט מיט יאַזאָנען אין העקאַטעס טעמפּל און אַז דאָס האָט זי אים אויף זיכער געהאָלפן אויספירן זיין שווערע אויפגאַבע.

איז דער קעניג אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן צאָרן און האָט באַפוילן זיינע קנעכט, זיי זאָלן אין דער פרי אַריינזעצן מעדעאַן אין געפענגניש. און ער האָט צוזאַמענגערופן די עלטסטע לייט פון פאָלק און צו זיי געזאָגט: אַ מחנה גבורים איז געקומען פון אַ פרעמד לאַנד, צו לעסטערן אונזערע הייליגטימער און צו צונעמען די גאָלדענע וואָל, וואָס איז געהייליגט פאַר

אָרעסן, זאָגט, וואָס איז אייער עצה, וואָס ראַט איר צו טון?

און זיי האָבן זיך באַראַטן אַ גאַנצע נאַכט און געטראַכט פאַרשידענע מחשבות, ווי אַזוי אומצוברענגען די העלדן און נישט איבערצולאָזן פון זיי אַפילו איינעם נישט.

הערא האָט דערזען, אַז עס דראָט יאַזאָנען אַ געפאַר, האָט זי נישט געלאָזט איינשלאָפן מעדעאַן. מעדעאַ האָט זיך זער געשראָקן און האָט געציטערט, אַזוי ווי ס'ציטערט אַ יונגער אינד נאָך וועלכן עס יאָגן זיך הינט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר פאָטער האָט ענטדעקט איר טאַט, האָט זי שטאַרק מורא געהאַט און האָט באַקומען חרטה. זי האָט געפילט אַ שווערקייט אין קאָפּ און די האָר זענען איר אין אונאָרדנונג אַראָפּגעפאַלן אויף די אַקסלען, ווי זי וואָלט געטרויערט נאָך אַ נאָנטן, ליבן מענטשן. דערנאָך, ווען עס איז איר אַלץ נאָך נישט לייכטער געוואָרן, האָט זי זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן. זי האָט אָנגעפולט אַ בעכער מיט גיפט און צוגענומען דעם טויט-געטראַנק צו די ליפּן. דער גורל האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז מעדעאַ זאָל אויף אַזאַ אופן ענדיקן איר לעבן; ווי נאָר זי האָט אויסגעשטרעקט די ליפּן, אַ ויפּ צו טון פונם גיפט, האָט זיך באַוויזן צו איר הערא, אויפגעמונטערט זי און איר צוגעגעבן מוט.

האָט זיך מעדעאַ געשטאַרקט און האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס הויז פון אירע עלטערן. זי האָט זיך געזעגנט מיט דעם בעט, אין וועלכן זי האָט פאַרבראַכט אירע נעכט, און מיט די פריידלעכע ווענט פון איר צימער; דערבאַ האָט איר דאָס האַרץ געקלאַפּט און זי האָט ביטער געוויינט. זי איז צוגעגאַנגען און געקושט די טיר פון איר צימער. דערנאָך האָט זי אָפּגעשוירן איינע פון אירע לאָקן און איבערגעלאָזט פאַר איר מוטער אַלס אָנדענקען. און זי האָט ווידער געוויינט און געזאָגט: זיי געזונט, זיסע מאַמע! זיי געזונט, גוטע שוועסטער! זיי געזעגנט, עלטערן-הויז! און דו, פרעמדער מאַן, הלואי וואָלסטו בעסער דערטרונקען געוואָרן אין דער טיפעניש פון ים, איידער דער ווינט האָט דיך פאַרטראָגן אין לאַנד קאָלכידע!

אַזוי האָט מעדעאַ פאַרלאָזט איר עלטערן־הויז; זי איז ענלעך געווען צו אַ געפאַנגענער, וואָס צעבּרעכט אירע קייטן און אַנטלויפט פון איר געפענגעניש. זי האָט געזאָגט אַ צויבּער־שפּרוך, האָבּן זיך געעפנט פאַר איר די טויערן. זי איז געלאָפן אַ באָרוועסע איבּער קרומע שטעגן, מיט איין האַנט צוגעהאַלטן דעם שלייער איבּערן פּנים און מיט דער אַנדערער צוגעהאַלטן דאָס קלייד, וואָס האָט געפלאַטערט אין ווינט. די וועכטער האָבּן זי נישט דערקענט און האָבּן זי אַרויסגעלאָזט פון דער שטאָט.

אויפן פרייען פעלד האָט זי געפונען אַ שמאָל וועגל, וואָס האָט געפירט צום בּרעג פון ים, צום אָרט, וואו די שיף אַרגאָ איז געשטאַנען אויפן אַנקער. האָט זי זיך געלאָזט לויפן איבּערן פעלד אַהין צו דער שיף; זי האָט גוט געקענט די גאַנצע געגנט און אַלע אַרומיקע שטעגן און וועגן, וואָרום זי איז אָפט אַרויסגעקומען הינטער דער שטאָט, צונויפזאַמלען גרעזער צו אירע זאַלבּן.

פלוצלונג האָט מעדעאַ דערזעען פון ווייטנס אַ זייל רויך, וואָס האָט זיך געהויבּן אין הימל אַריין; דאָס האָבּן יאַזאָנס פריינט אָנגעצונדן אַ פלאַקער, כּדי צו פייערן אויף אַזאַ אופן יאַזאָנס נצחון. מעדעאַ האָט זיך געלאָזט צום אָרט פון פייער. צוקומענדיק צו דער שיף, האָט מעדעאַ דריי מאָל אויסגערופן דעם נאָמען פון איר שוועסטערן־זון פראָנטיס. האָט פראָנטיס דערקענט איר שטים, און אויך יאַזאָן האָט דערקענט מעדעאַן. און פראָנטיס האָט איר אויך אָפּגעענטפערט דריי מאָל: דאָ בּין איך! די גבּורים האָבּן זיך זער געוואונדערט, וואָרום מעדעאַס אָנקומען איז פאַר זיי געווען אינגאַנצן אומגעוואַרטעט. זיי האָבּן זיך געכאַפּט פאַר די רודערס און זענען צוגעשווימען צום אָרט, פון וואַנען ס׳האָט זיך צוגעטראָגן די שטים. יאַזאָן, פראָנטיס און אַרגאָס זענען אַראָפּגעשפּרונגען אויפן בּרעג אַראָפּ, צוגעגאַנגען צו מעדעאַן און געפרעגט זי, וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט.

אין מעדעאַ געפאַלן אויף די קני, אַרומגענומען די פיס פון איר שוועסטערן־זון און געזאָגט מיט געבּעט: ראַטעוועט מיך,

גוטע מענטשן, און ראַטעוועט אויך זיך אַליין, וואָרום מיין פּאָטער ווייסט שוין פון אַלעם. לאָמיר זיך שנעל אַריינזעצן אין די שיף און לאָמיר אַוועק פון דאַנען, איידער מיין פאָטער וועט זיך אַרויסלאָזן אויף זיינע שטורעמדיקע פערדלעך, אונז צו פאַרפאָלגן. איך וועל גיין אין אָרעסעס ווערלדל, איינשלעפערן דאָס מאָנסטרום און ברענגען אייך די גאָלדענע וואָל. נאָר שווערט מיר אין נאָמען פון די געטער, אַז אין דעם פרעמדן לאַנד, וואוהין איר וועט מיך פירן, וועט איר מיך נישט האַלטן פאַר קיין שקלאַפין.

האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו איר יאַזאָן, אויפגעהויבן זי פון דער ערד און אָפּגעגעבן איר אַ שבועה:

—קעניגלעכע מעדעאַ! זאָלן מיך שטראָפן צעאוס און העראַ, מיינע ערהאַבענע באַשיצער, אויב איך וועל בוגד זיין אין דיר און נישט טריי האַלטן אונזער בונד. ווי נאָר מיין פוס וועט באַטרעטן די ערד פון גריכנלאַנד מיין היים, וועל איך דיך נעמען פאַר אַ ווייב — איר, גריכישע העלדן, איר זענט מיינע עדות!

און יאַזאָן האָט געדרוקט מעדעאַס האַנט, צום צייכן פון בונד.

מעדעאַ האָט געהייסן אָפּשווימען מיט דער שיף צום ברעג, וואו עס איז געווען דאָס הייליקע ווערלדל מיט דער גאָלדענער וואָל. האָבן די גבורים גענומען זיך פאַר די רודערס און זיך אַוועקגעלאָזט צום ווערלדל. יאַזאָן אָבער מיט מעדעאַן זענען געגאַנגען אַהין דורכן פעלד. זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן און דערבליקט דעם הויכן, ריזיקן אייכנבוים, אויף וועלכן עס איז געהאָנגען די וואָל.

און די וואָל האָט געפינקלט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, ווי אַ בלאַנקענדער וואָלקן, וואָס די זון גילדט אים אָפּ מיט איר מאָרגן-ליכט. און אונטער דעם אייכנבוים איז געשטאַנען דאָס מאָנסטרום און זיך גוט איינגעקוקט מיט זיינע שלאָפלאָזע אויגן. ווי דאָס מאָנסטרום האָט דערזען יאַזאָנען און מעדעאַן, וועלכע זענען צוגעקומען און דערנענטערט זיך צום ווערלדל, האָט עס אַ

שטרעק אויס געגעבן זיין לאַנגען האַלז און אַ ברום געטון, ווי

מעד׳א פֿאַרכשופֿט דאָס מאָנסטרום.

ס׳גיט אַ ברום דער ווינט איבערן אָפענעם ים. עס האָט אַ ציטער

געטון דער אייכנבוים און עס זענען דערציטערט געוואָרן די ברעגעס פון טייך.

מעדעאַ איז אָבער געגאַנגען ווייטער, אָן שרעק; און זי האָט גערופן מיט אַ זיסער שטים צום גאָט פון שלאָף, דעם שטאַרקסטן פון די געטער, ער זאָל פאַרשליסן די אויגנוויִמפּערן פונם מאָנסטרום, און זי האָט אויך גערופן די פּירכטערלעכע געטין פונם טויט, זי זאָל איר העלפן אין איר שווערער אַרבעט. יאַזאָן איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם מיידל, און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט פאַר שרעק.

און דאָס צויבער־ליד, וואָס מעדעאַ האָט געזונגען, האָט אָנגעהויבן צו האָבן אַ פּעולה אויפן מאָנסטרום. די חיה האָט אויסגעבויגן איר געשפּרענקעלטן רוקן און פונאַנדערגעוויקלט אַביסל די קנוילן פון איר שרעקלעכן לייב. בלויז דער קאָפּ אירער, מיט דעם ברייט־צעשפּרייטן מויל, האָט נאָך געוואָרפן אַן אימה. מעדעאַ האָט אָנגענומען אַ צווייג פונם אייכנבוים, געזאָגט פיל מאָל אירע שפּרוכן און געשפּריצט אירע צויבער־וואַסערן אויף די אויגן פונם מאָנסטרום; איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען דער ריח פון די וואַסערן און געוואָרפן אַ שלאָף אויף דעם פּירכטערלעכן וועכטער. די חיה האָט פאַרשלאָסן איר ריזיקע קעל, אויסגעשפּרייט זיך צופוסנס פונם הייליקן בוים און אַנטשלאָפן געוואָרן.

דאַן האָט מעדעאַ אַ רוף געטון יאַזאָנען און געהייסן אים נעמען שנעל די גאָלדענע וואָל. און זי האָט כסדר ווייטער געשפּריצט פון די צויבער־וואַסערן אויפן קאָפּ פון מאָנסטרום, ביז יאַזאָן האָט אַראָפּגענומען די וואָל פון בוים, און זיי האָבן זיך ביידע איילִיק געלאָזט אַרויס פון וועלדל. יאַזאָן האָט מיט פרייד געטראָגן די שווערע רויב; די וואָל האָט געוואָרפן שטראַלן און באַלויכטן פאַר זיי דעם וועג; זי איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט געגרייכט יאַזאָנען פון די פּלייצעס ביז צו די פיס אַראָפּ. יאַזאָן האָט זיך געשראָקן, אַז אַ גאָט אָדער אַ מענטש, וועלכן ער וועט באַגעגנען אויפן וועג, קאָן באַקומען נייד און צורייבן בא

אים די וואָל,—האָט ער זי צוזאַמענגעוויקלט און פעסט אַרומגעהאַלטן מיט ביידע הענט.

דערווייל איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן און עס האָט זיך גענומען רויטלען דער מזרח־ראַנד פון הימל. ווען יאַזאָן און מעדעאַ זענען אַרויפגעקומען אויף די שיף, זענען צוגעלאָפן צו זיי די העלדן און געבליבן שטיין ענטשטוינט און פאַרוואונדערט ביים אָנבליק פון דער גאָלדענער וואָל, וואָס האָט געוואָרפן בליצן אַרום זיך. יעדער איינער האָט געוואָלט אָנרירן מיט זיין האַנט די וואונדערבאַרע וואָל; נאָר יאַזאָן האָט דאָס נישט דערלאָזט און האָט אַרומגעדעקט די וואָל מיט אַ מאַנטל.

דאַן האָט זיך יאַזאָן געווענדעט צו זיינע פריינט און געזאָגט:

— חברים און פריינט! לאָמיר זיך צוויילן און לאָמיר זיך אומקערן אין אונזער געבורטסלאַנד, וואָרום די וואָל, וועלכע איז געווען דער צוועק פון אונזער רייזע, האָבן מיר שוין עראָבערט, מיט דער הילף פון דער קעניגס־טאָכטער מעדעאַ. ווי נאָר איך וועל מיך אומקערן אַהיים, וועל איך מיך פאַרבונדן מיט מעדעאַן און נעמען זי פאַר אַ ווייב.

און איר, מיינע פריינט, היט אָפּ דאָס מיידל און באַשיצט זי, וואָרום זי איז אונז בייגעשטאַנען אין אונזער שווערער אויפגאַבע. נאָר איר דאַרפט וויסן זיין, אַז מיר האָבן נאָך אויסצושטיין אַ גרויסע געפאַר, וואָרום אַעטעס וועט זיך נישט וועלן אָפּזאָגן פון דער האָל, ער וועט צונויפזאַמלען זיין חיל, נאָכיאָגן נאָך אונז און וועט פאַרצוימען פאַר אונזער שיף דעם אויסגאַנג פון טייך, וואָס פירט אין אָפענעם ים אַריין. דעריבער, מיינע פריינט, לאָמיר זיך איינטיילן אין צוויי מחנות; איין טייל וועט אַרבעטן מיט די רודערס און דער אַנדערער טייל וועט האַלטן די פאַנצערן און באַשיצן די שיף פאַר דעם שונאס פיילן. און די חסד־פולע געטער וועלן אונז ביישטיין און ברענגען אונז בשלום אַהיים.

און יאַזאָן האָט איבערגעשניטן די שטריק, מיט וועלכע די שיף איז געווען צוגעבונדן צום ברעג, און ער האָט זיך אָנגעטון זיין געווער און אַוועקגעשטעלט זיך צוזאַמען מיט מעדעאַן נעבן דעם שיף פירער אָנצעאוס. די שיף־לייט האָבן גענומען אַרבעטן מיט די רודערס און די שיף האָט גענומען צושווימען צום אויסגאַנג פון טייך.

17.

ווי אַזוי די אַרגאָנויטן זענען ניצל געוואָרן פון זייערע פאַרפאָלגער.

דער קעניג אַעטעס און דאָס גאַנצע פאָלק פון קאָלכידע זענען געוואָר געוואָרן, אַז מעדעאַ האָט ליב געקריגן יאַזאָנען און אַז זי האָט אים איבערגעענטפערט די גאָלדענע וואָל און מיט אים אַנטלאָפן. האָט זיך דאָס פאָלק פאַרזאַמלט אויפן הויפט-פּלאַץ פון דער שטאָט, אָנגעטון זיך דאָס געווער און זיך אַוועקגעלאָזט צו די ברעגעס פון טייך.

אַעטעס איז אויך געווען צווישן פאָלק; ער איז געזעסן אין אַ קריגס-וואָגן, געשפּאַנט מיט די לייכטע פערדלעך, וועלכע ער האָט באַקומען פון זיין פאָטער, דעם גאָט פון דער זון. אין דער רעכטער האַנט האָט דער קעניג געהאַלטן אַ ברענענדיקן פאַקעל, וואָס האָט אים באַלויכטן דעם וועג, אין דער לינקער האַנט—אַ פינקל-דיקן פאַנצער, און צו זיינע פיס איז געשטאַנען אַ גרויסע, לאַנגע

... און אַבסירטעס, דעם קעניגס זון, האָט געהאַלטן די לייצן און געפירט דעם רייטוואָגן.

די קאָלכידער זענען שנעל אָנגעקומען צו די ברעגעס פון טייך, זיי האָבן אָבער שוין נישט געפונען די שיף, וואָרום די שיף־לייט האָבן געררודערט מיט זייער גאַנצן כח און זענען שוין געווען אַרויסגעשווימען פון טייך אין אָפענעם ים אַריין. האָט אַעטעס אויסגעשפרייט זיינע הענט קעגן הימל און גערופן דעם וועלט־הערשער צעאוס און זיין פאָטער העליאָס, דעם גאָט פון דער זון, זיי זאָלן עדות זיין אויף דעם אומרעכט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן אים. און ער האָט זיך געווענדעט צו די קאָלכידער און צו זיי געזאָגט:

—יאָגט נאָך מעדעאַן, נעמט זי געפאַנגען און ברענגט זי באַר מיר אַ לעבעדיקע אָדער אַ טויטע. נאָר זעט, זי זאָל נישט אַנטרונען פון אייערע הענט, וואָרום אויב זי וועט אַנטרונען — איך שווער בײַ מיין פאָטער העליאָס — וועט איר נישט דערלעבן צו זעען דאָס ליכט פונם צווייטן טאָג!

האָט דאָס פאָלק אויסגעהערט מיט פחד דעם באַפעל פון קעניג און זיי זענען איילנדיק אַוועק צו זייערע שיפן, אָנגעברייט ווי אין וועג אַריין און איינגעזאַמלט שפייז. און זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זייערע שיפן, געשפרייט די זעגלען און אַרויסגעשווימען אין אָפענעם ים אַריין. די שיפן זענען געווען אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז זיי האָבן באַדעקט די אויבערפלאַך פון וואַסער, אַזוי ווי אַ גרויסע סטאַדע פייגל, וואָס טראָגט זיך ווי אַ כמאַרע איבערן ים. און דעם קעניגס זון אַבסירטעס איז געווען דער קריג־פירער און וועג־ווייזער.

הערא האָט געוואָלט, אַז מעדעאַ זאָל וואָס גיכער קומען צו פעליאַסן אין הויז און אַז פעליאַס זאָל וואָס גיכער באַקומען זיין שטראָף, האָט זי געבראַכט אַ גינסטיקן ווינט, וואָס האָט אַוועקגעטראָגן די שיף אַרגאָס אין די בלויע ווייטקייט פון ים. אויפן דריטן טאָג אין דער פרי האָבן די אַרגאָנויטן געוואָרפן

דעם אַנקער ביים ברעג פון טייך העליס, אין לאַנד פון די פּאַפּלאַגאָנער. מעדעאַ האָט געוואָלט, אַז אויף דעם דאָזיקן אָרט זאָל אויפגעבראַכט ווערן אַ דאַנק־אָפּפער פאַר העקאַטען, וועלכע האָט זיי מציל געווען פון אומגליק. האָבן די גבורים געהאָרכט מעדעאַס עצה.

יאַזאָן און זיינע פריינט האָבן געדענקט דעם אָנזאָג פון דעם אַלטן צויבערער פינעאוס, וועלכער האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך אומקערן אַהיים דורך אַן אַנדערן וועג. זיי האָבן אָבער גישט געקאָנט געפינען דעם וועג. ווי זיי טראַכטן אַזוי און לייגן זיך איבער, האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן דער רעגנבויגן אין הימל און געוויזן זיי דעם ריכטיקן וועג. האָבן די גבורים באַקומען פרישן מוט און זיך פלייסיק גענומען צו די רודערס. דער רעגנבויגן האָט זיי געלויכטן און די גוטע ווינטן האָבן געטראָגן די שיף און זי געבראַכט צום אויספלוס פון טייך איסטערא, וועלכער פליסט אין גריכישן ים אַריין.

די שיפן פון די קאָלכידער זענען אָבער געווען לייכטער פון דער שיף אַרגאָס, זענען זיי פריער פון די אַרגאָנויטן צוגעשווימען צום אויספלוס פון טייך. די קאָלכידער האָבן זיך באַהאַלטן אויף די פיל אָפּצווייגונגען פונם טייך און אויף זיינע קליינע אינזעלעך און האָבן גענומען לויערן אויף די אַרגאָנויטן. ווען אַרגאָס האָט געוואָרפן דעם אַנקער ביים אויספלוס פון טייך, האָבן די קאָלכידער פאַרצוימט פאַר איר דעם וועג ; די אַרגאָנויטן האָבן פּלוצלונג דערזעען פאַר זיך דאָס צאָלרייכע, מעכטיקע חיל פונם שונא, האָבן זיי זיך זער דערשראָקן און האָבן אַוועקגעשטעלט זייער קריגסלאַגער אויף איינער פון די טייך־אינזלען. די קאָלכידער זענען אַרויסגעגאַנגען קעגן זיי, און די לאַגערן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט איינער קעגן צווייטן.

דאַן האָט יאַזאָן געשיקט שליחים צו די קאָלכידער און זיי בעלאָזט זאָגן :

— וואָס פאַר אַ זינד בין איך באַגאַנגען קעגן אייך, וואָס איר יאָגט מיך נאָך? איך האָב דאָך אויסגעפירט אַלע אויפגאַבן, וואָס אייער קעניג אַעטעס האָט מיר געשטעלט, און זיך ערלעך ערוואָרבן די גאָלדענע וואָל — וואָס ווילט איר אַלזאָ און פאַר־וואָס פאַרפאָלגט איר מיך?

האָבן אים די קאָלכידער געענטפערט:

— מיר ווייסן אַליין אויך, אַז דו האָסט ערלעך ערוואָרבן די וואָל; אָבער פאַרוואָס האָסטו אָפּגענאַרט דעם קעניג און צו־גענומען זיין טאָכטער, ווי אַ קריגס־געפאַנגענע? דעריבער, אויב דו ווילסט אייפהערן דעם שטרייט, ברענג מעדעאַן אין טעמפּל פון אַרטעמידן, וועלכער שטייט אויף איינער פון די אינזלען, וועלן מיר גיין צו משפט צום קעניג פון שכנישן לאַנד, וואָרום ער איז אַ רעכטפאַרטיקער מאַן און וועט קיינעם נישט נושא פנים זיין. און מעדעאַ וועט דערווייל בלייבן אין אַרטעמידעס טעמפּל, ביז דער קעניג וועט אַרויסטראָגן זיין אורטייל צי זי זאָל זיך אומקערן אַהיים אין איר עלטערן־הויז, אָדער זי זאָל אַוועק מיט דיר אין דיין פאָטערלאַנד.

איז דאָס געפעלן געוואָרן יאַזאָנען און זיינע פריינט. מע־דעאַן אָבער האָט באַהערשט אַ טרויער, און זי האָט עס זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן. זי האָט אַוועקגעפירט יאַזאָנען אין אַ זייט, קיינער זאָל זי נישט הערן, און האָט געזאָגט צו אים מיט געוויין:

— יאַזאָן, גרויסער העלד! צי ווילסטו באמת גיין צו משפט צום קעניג פון שכנישן לאַנד? צי האָסטו פאַרגעסן די שבועה, וואָס דו האָסט מיר געשוואוירן, ווען דו ביסט געווען אין אַן אומגליק? דאָס האָב איך דאָך מיט מיינע צובער־מיטלען ער־וואָרבן פאַר דיר די גאָלדענע וואָל און איך האָב פאַרלאָזט פאַר דיר מיין עלטערן־הויז און מיין געבורטסלאַנד און איך בין פאַר־וואָרפן אין מיטן אָפענעם ים, — און דו ווילסט מיך איבערענט־פערן אין די הענט פון מיין פאָטער? ער וועט דאָך מיך לאָזן

טויטן, דערפאַר, וואָס איך האָב בוגד געווען אין אים! און ווי
אַזוי וועסטו זיך קאָנען אומקערן אַהיים, וויסנדיק, אַז דו האָסט



דיאָניזאָס.

דורך דיין פאַלשקייט געבראַכט מיך צום אונטערגאַנג? און צ...

וועט דיין באַשיצערין הערא[1] זיין צופרידן, אזיב דו וועסט מיך פאַרלאָזן אויף פיין און לייד? און זיי ווייסן, אַז די דאָזיקע זינד וועט דיר נישט פאַרגעבן ווערן ביז אין די אייביקע צייטן: די גאָלדענע וואָל וועט פאַרשוואונדן, אַזוי ווי אַ חלום, האַדעס[2] וועט זו פאַרשלינגען, און די גייסטער פון נקמה וועלן דיך נישט לאָזן צו-רו ביזן לעצטן טאָג פון דיין לעבן.

אַזוי האָט מעדעאַ גערעדט אין איר גערעכטן צאָרן און זי איז געווען אַנטשלאָסן, אונטערצוצינדן די שיף און זיך אַריינצוואַרפן אין די פלאַמען.

האָט זיך יאַזאָן פאַרשעמט, און דאָס געוויסן האָט אים גענומען פייניקן, און ער האָט געענטפערט:

— האָב נישט קיין מורא, געליבטע פון מיין האַרצן, וואָרום איך וועל דיך נישט איבערענטפערן אין די האַנט פון דיין פאָטער. איך האָב געשיקט שליחים צו די קאָלכידער, בלויז כדי צו געפינען צייט און אויסצומיידן אַ מלחמה; וואָרום זייער צאָל איז דאָך גרויס און די באַוואוינער פון די אינזלען זענען זייערע פאַרבינדעטע: אויב מיר זאָלן זיך יעצט אַריינלאָזן מיט זיי אין אַ קאַמף, וועלן זיי אונז צעשלאָגן און דו וועסט גענומען ווערן געפאַנגען און וועסט גיין פאַרן שונא. דעריבער האָב איך זיך געטראַכט: לאָמיר זיך שטעלן, אַז מיר ווילן שלום, און צווישן זיך וועלן מיר שוין אויסגעפינען אַן עצה קעגן זיי. אויב זיי וועלן אַריינפאַלן אין די נעץ, וואָס מיר וועלן זיי אונטערשטעלן, וועלן אויך די באַוואוינער פון לאַנד מורא האָבן פאַר אונז און נישט גיין צו הילף צו די קאָלכידער.

מעדעאַ האָט אויסגעהערט יאַזאָנס רייד און געענטפערט:

— איך בין דאָך שוין באַגאַנגען קעגן מיין פאָטער אַ גרוי-

[1] הערא איז געווען די באַשיצערין פון חתונה-געהאַטע און האָט פאַרפאָלגט מיט צאָרן די אַלע, וואָס זענען געווען פאַלש אין דער ליבע.

[2] האַדעס — דער גאָט פון יענער וועלט.

סע זינד, וועל איך באַגיין נאָך אַ זינד און איך וועל דורך מיינע צויבער־מיטלען אַריינגעבן אַ ווילן אין מיין ברודער, ער זאָל קומען און זיך איבערגעבן אין דיינע הענט. שיק צו מיין ברודער שליחים מיט מתנות און לאָז אים זאָגן: וואָס נוצט דער שטרייט? קום צו מיר, וועלן מיר שליסן שלום און איך וועל טון אַלב דיינע באַפעלן. איך וועל שוין אָנרעדן זיינע מענטשן, וועלן זיי אים צורעדן, ער זאָל זיך צוזאַמענטרעפן מיט דיר אין אַרטעמידעס טעמפל, און דאָרט וועסטו טון מיט אים, וואָס דו וועסט נעפינען פאַר נויטיק.

האָט יאַזאָן אַזוי געטון, געשיקט שליחים צו אַבסירטעסן, און די שליחים האָבן מיטגענומען אַ פורפור־מאַנטל, צו ברענגען פאַר אים אַ מתנה. דער מאַנטל איז געמאַכט געוואָרן דורך די געטינס פון די אינזלען, וועלכע האָבן געוועבט קליידער פאַר דיאָניזאָסן. זיי האָבן אַריינגעוועבט אין אים וואונדערבאַרע ריחות, אַזוי, אַז ווען דיאָניזאָס האָט דערפילט די ריחות, איז געפאַלן אויף אים אַ זיסער שלאָף. דעם דאָזיקן מאַנטל האָט יאַזאָן געשיקט פאַר אַ מתנה אַבסירטעסן, מעדעאַס ברודער.

און יאַזאָן האָט אויך געלאָזט איבערגעבן אַבסירטעסן אויסדרוקן פון פריינטשאַפט און שלום.

האָט אַבסירטעס געגלויבט און איז געקומען מיט זיינע מענטשן אין לאַגער פון די גריכן. דאַן איז מעדעאַ אַרויסגעגאַנגען אַקעגן די קאָלכידער און צו זיי געזאָגט: גיט איבער מיין ברודער אַזוי: מעדעאַ לאָזט זאָגן: בחנם וואַרפסטו אויף מיר די שולד, איך האָב נישט געזינדיק קעגן מיין פאָטער, נאָר דאָס האָבן מיך די זין פון פריקסאָס געצוואונגען אַרויסצוגעבן די וואָל דעם אָנפירער פון די גריכן. גיי אין אַרטעמידעס טעמפל, וועל איך דיר געבן אַן עצה, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן די רויב פון די פרעמדע מענער און צוריקצוגעבן זי אונזער פאָטער.

האָבן די קאָלכידער געגלויבט אין אירע רייד, און אַבסירטעס האָט אויך געגלויבט און איז געגאַנגען צום באַשטימטן אָרט.

מעדעאַ איז אים געפאַלן אויפן האַלז, גענומען אים קושן,

און האָט אים פאַרשיט מיט אירע צערטלעכקייטן. ער האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס שטעלט זי אים אונטער אַ נעץ.

און ווי זיי האָבן אַזוי גערעדט, דער ברודער און די שוועסטער, איז יאַזאָן אַרויסגעשפרונגען פון זיין באַהעלטעניש און זיך אַ וואָרף געטון אויף אַבסירטעסן מיט דער בלאַנקער שווערד. מעדעאַ האָט אָפּגעווענדט דאָס פּנים, זי זאָל נישט זעען, ווי איר ברודער ווערט דערמאָרדעט. אַבסירטעס איז געפאַלן טויט, און זיין בלוט האָט אַ שפּריץ געטון אויף מעדעאַס קליידער און אויף איר שלייער. האָט די געטין פון נקמה דערזעען די דאָזיקע שוידערהאַפטיקייט און אַ שבועה געטון: אַזוי וואָר ווי צעאוס איז אַ גאָט, איך וועל זיי באַצאָלן זייער לוין!

און יאַזאָן האָט זיך אייליק אָפּגעוואַשן די הענט און די מלבושים, כדי אָפּצווישן פון זיי די שפּורן פון בלוט. מעדעאַ האָט אָנגעצונדן אַ פלאַקער און געגעבן אַ צייכן די שיף-לייט, אַזוי ווי זיי האָבן זיך אָפּגערעדט נאָך פריער. זעענדן די שיף-לייט אָנגעפאַלן אויף די מענטשן פון אַבסירטעס און אויסגעהרגעט זיי אַלעמען ביז צום לעצטן.





18.

די אַרגאָנויטן אויפֿן וועג צו זייער היים.

נאָך די אַלע געשעענישן האָט פּעלעאוס געראַטן די גבורים, ווי זאָלן אַרויסשווימען פֿון צווישן די אינזלען אין אָפֿענעם ים אַריין, איידער די איבריקע קאָלכידער וועלן אָנפֿאַלן אויף זיי, כדי צו נעמען נקמה פֿאַר זייערע דערמאָרדעטע ברידער. האָבן די אַרגאָנויטן געפֿאָלגט פּעלעאוסעס עצה. זיי האָבן געשפּרייט די וועגלען, גענומען זיך פֿאַר די רודערס, געדרודערט מיטן גאַנצן כח און זיך דערווייטערט אויף אַ גרויסן שטח פֿון די אינזלען.

ווען די קאָלכידער זענען געוואָר געוואָרן, אַז יאַזאָן האָט דורך פֿאַלשקייט דערהרגעט זייער קריגס-פֿירער, האָבן זיי זיך גענומען נאָכיאָגן נאָך די גריכישע העלדן. נאָר העראַ האָט געלאָזט צינדן איבער זיי פֿירכטערלעכע בליצן און האָט זיי פֿאַרבלענדט די אויגן. האָבן די קאָלכידער אויפֿגעהערט נאָכצויאָגן זיך נאָך

די גריכן; זיי זענען אַראָפּ אויף דיאַנאַס אינזל און זענען דאָ פֿאַרבליבן. זיי האָבן זיך נישט אומגעקערט קיין קאָלכידע, וואָרום דער קעניג האָט זיי שטרענג אָנגעזאָגט: איר זאָלט זיך נישט אומקערן אין אייער לאַנד, אויב מעדעאַ וועט נישט מיטקומען מיט אייך.

און די אַרגאָנויטן זענען איילִיק געשווימען ווייטער און זענען פֿאַרבייגעשווימען פיל לענדער און אינזלען. עס האָט זיך זיי שוין אויסגעדאַכט, אַז זיי זעען אין דער בלויער ווייטקייט די בערג־שפּיצן פון זייער געבורטסלאַנד; נאָר פּלוצלונג איז אויסגעבראָכן אַ שטורמווינד און פֿאַרטראָגן זייער שיף צום ברעג פון דער וויסטער אינזל עלעקטריס. דאָס האָט העראַ געבראַכט דעם שטורעם, אויס זאָרג פאַרן גורל פון יאַזאָן און זיינע פריינט; וואָרום זי האָט געזעען, אַז צעאוס וויל ברענגען אויף זיי אַן אומגליק, דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן דערהרגעט אַבסירטעסן און געפירט מלחמה מיט פֿאַלשקייט.

אויף דער שיף איז אויסגעבראָכן אַ מהומה, וואָרום דאָס נביאישע ברעט, וואָס אַטענע האָט מיט איר אייגענער האַנט אַריינגעפּאַסט אין די שיף, האָט געעפנט זיין מויל און געזאָגט אַזוי:

— איר וועט נישט אַנטקומען פֿאַר צעאוסעס פירכטערלעכן צאָרן און איר וועט פריער נישט אויפהערן צו וואָגלען איבערן ים, ביז די געטין פון צויבעריי וועט נישט אָפּוואַשן פון אייער לייב דאָס בלוט פון אַבסירטעסן. דעריבער, אויב איר ווילט זיך אומקערן אין אייער לאַנד, זאָלן קאַסטאָר און פּאָלוקס, די ליבלינגס פון די געטער, אַוועקשטעלן זיך און ברענגען זייער געבעט פֿאַר די באַוואוינער פון אָלימפּוס, אַז זיי זאָלן אייך אָנצייכענען דעם וועג אין אומענדלעכן ים און פירן אייך צו דער אינזל, וואו עס וואוינט צירצע.

דערהערנדיק די ווערטער פונם נביאישן ברעט, זענען די גבורים מבולבל געוואָרן און ס'איז געפאַלן ביי זיי דער מוט. זיי זענען בלאַס געוואָרן און דאָס האַרץ האָט באַ זיי שטאַרק געקלאַפּט. בלויז די צווילינג־ברידער, קאַסטאָר און פּאָלוקס, האָבן

זיך נישט דערשראָקן ; זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט און געבעטן הילף און אויכלייזונג בײַ די אומשטערבלעכע געטער.

און די שיף איז געשווימען ווייטער און צוגעשווימען צום אויסגום פון טייך ערידאָן[1], צום אָרט, וואו עס איז אַראָפּגעפאַלן דער ברענענדיקער פאַיעטאָן פון העליאָסעס רייטוואָגן ; און פון יענעם טאָג אָן האָט דאָרט דאָס וואַסער געזידט און געברויזט, געשלאָגן וואַלן און געהויבן זיך, ווי אַ באַרג; זיילן רויך האָבן זיך דאָרט שטענדיק געקנוילט און פייער־צונגען האָבן זיך געהויבן ביז צו די וואָלקנס. ס'איז נישט מעגלעך געווען פאַר אַ שיף פאַרבײַ־צושווימען פאַר יענעם אָרט, וואָרום די פלאַמען האָבן זי אַרום־געכאַפּט און פאַרברענט.

און ביים ברעג פון טייך האָבן דאָרטן געוואַקסן הויכע, שלאַנקע טאָפּאָליעס, וואָס האָבן שטענדיק אַרויסגעגעבן פון זיך זיפצן — דאָס זענען געווען די העליאַדעס, פאַיעטאָנס שוועסטערן, וועלכע זענען פון טרויער נאָך זייער ברודער פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין בוימער. פון די טאָפּאָליעס האָבן געטריפט בורשטינענע טרערן ; די זון האָט אויסגעטרוקנט און פאַרהאַרטעוועט די טרערן, און די כוואַליעס האָבן פאַרכאַפּט דעם בורשטין און אים פאַר־טראָגן אין די טיפענישן פונם טייך.

די שיף איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסער געפאַר, און די גבורים זענען אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. זיי האָבן נישט גע־קאָנט עסן און טרינקען און עס איז צוגערויבט געוואָרן פון זיי דער שלאָף ; וואָרום בײַטאָג האָט זיי געקוועלט דער שלעכטער ריח, וואָס איז אויפגעשטיגן פון פאַיעטאָנס לייב, וועלכער האָט געברענט אויפן באָדן פון טייך, און בײַנאַכט זענען זיי אויפגעציי־טערט געוואָרן פון די זיפצן, וואָס ס'האָבן אַרויסגעגעבן די הע־ליאַדעס, און פון די טרערן, די טרערן פון בורשטין, וואָס האָבן

---

1) דאָס איז דער טייך פאָ, אין צפון־איטאַליען.

אַרייַנגעזונקען ווי שטיינער אין דעם מעכטיקן ערידאָן.

הערא האָט צוגעזעען זייער קוואַל, האָט זי אַרומגעשלײַערט די שיף מיט אַ שלייער פון נעפּלען, געפירט זי אַ צייט לאַנג און געבראַכט זי ענדלעך צו דער אינזל, וואו ס'איז געוועזן דאָס וואוינאָרט פון דער צויבערין צירצע.

אין יענער נאַכט האָט גראָד צירצע געזעען אַזאַ מין חלום: איר צימער און איר גאַנצער פּאַלאַץ זענען פול מיט בלוט און אַ פייער האָט אַראָפּגעגידערט פון הימל, אָנגעצונדן און פאַרברענט די אַלע געטראַנקען און שמירעכצן, דורך וועלכע זי האָט געהאַט אַ שליטה איבער די מענטשן. זי איז אויפגעשפּרונגען אָנגעשעפּט אַ פולע האַנט טריפנדיק בלוט און פאַרלאָשן דאָס פייער.

אויפקומענדיק פון שלאָף און דערמאַנענדיק זיך וועגן חלום, האָט צירצען אַרומגענומען אַ ציטערניש און זי איז אַוועקגעלאָפן צום ים, וואַשן אירע קליידער און באָדן איר לייב און אירע האָר אין וואַסער, גראָד, ווי זי וואָלט באמת געווען אייַנגעטונקט אין בלוט.

אייַנקוקנדיק זיך אין די ווייטקייט, האָבן די אַרגאָנויטן דערזעען צירצען, וועלכע איז געשטאַנען אין זאַמד און געוואַשן אירע לאַנגע האָר אינם וואַסער פון ים. צו איר רעכטער און לינקער האַנט זענען געווען אויסטערלעשע חיות, וועלכע קיין שום מענטש האָט נאָך מיט זייַנע אויגן נישט געזעען; די מאָנסטרומס זענען נאָכגעגאַנגען נאָך איר, אַזוי ווי די שאָף נאָכן פּאַסטוך. איז אַ פּחד געפאַלן אויף די גבורים, וואָרום צירצע האָט אויסגעזעען גראָד אַזוי ווי אַ עטעס, און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זי איז זיין שוועסטער.

ווען צירצע האָט שוין געהאַט געבאָדן איר לייב און געוואַשן די קליידער, האָט זי זיך געוואָלט אומקערן אַהיים. זי האָט אַ רוף געטון די חיות, זענען זיי צוגעלאָפן צו איר, גענומען דרייען מיט די עקן און לעקן איר די הענט, אַזוי ווי הינט, וואָס לאַשטשען זיך צו זייער בעל־הבית.

יאַזאָן האָט געהייסן זיינע מענטשן בלייבן אין שיף און צו
געדעאַן האָט ער געזאָגט: קום מיט מיר, וועלן מיר גיין צו

העליאָס.

צירצען און בעטן זי, ריינוואַשן אונז פון אַבסירטעסעס פאַרגאָ

סענעם בלוט.

מעדעאַ האָט אָבער נישט געוואָלט גיין. ערשט, אַז יאַזאָן
האָט עס איר שטרענג באַפוילן, איז זי געגאַנגען מיט אים. זיי
זענען געקומען אין צירצעס פּאַלאַץ אַריין. צירצע האָט זיי פריינט־
לעך אויפגענומען, וואָרום זי האָט נישט געוואוסט, ווער זיי זענען,
און זי האָט זיי געבעטן זיצן. יאַזאָן און מעדעאַ האָבן זיך אָבער
נישט געזעצט אויף די ערטער, וואָס צירצע האָט זיי אָנגעוויזן,
נאָר זענען צוגעגאַנגען צום ברען־אויוון[1] און זיך דאָרט אַוועקגע־
זעצט. מעדעאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעס קאָפּ און אָנגעלענט אים
אויף ביידע הענט, און יאַזאָן האָט אַריינגעשטעקט אין די ערד
זיין שווערט, מיט וועלכער ער האָט דערהרגעט אַבסירטעסן, אַרויפ־
געלייגט אויף די שווערט זיין רעכטע האַנט און אויך אַראָפּגע־
לאָזט דעם קאָפּ.

צירצע האָט דאָס געזעען, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די דאָ־
זיקע מענטשן האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט און אַז זיי זענען
געקומען בעטן באַ איר הילף. האָט זי זיך אויפגעשטעלט און גע־
נומען תפלה טון פאַר צעאוסן, וועלכער פאַרנעמט דאָס געבעט
פון די בעלי־תשובה, און זי איז אַוועקגעגאַנגען, גענומען איר
הונט, וואָס האָט נאָר וואָס געבוירן יונגע הינטלעך, און מקריב
געווען אים פאַר אַ קרבן צום לייטזעליקן, דערבאַרעמדיקן גאָט.
און צירצעס שטוב־מיידלעך און אירע באַדינערינס האָבן אַוועק־
געטראָגן דעם קרבן צום ברעג פון ים. דערנאָך האָט זיך צירצע
אַוועקגעשטעלט פאַרן אויוון, געזאָגט פיל תפלות און אָפּשפּרעכונ־
גען און האָט אַריינגעוואָרפן אין פייער אַריין אַן אָפּפער פון ברויט,
כדי צו באַזענפטיקן די פוריעס און איינצושטילן זייער צאָרן.

---

1) אַן אָרט, וואו ס'האָט שטענדיק געברענט אַ פייער. דאָס דאָזיקע אָרט
איז געווען הייליק באַ אַלע אַלטע פעלקער; דאָ האָבן זיך געזעצט די, וואָס זע־
נען געקומען בעטן הילף און שוץ.

און ווען זי האָט געענדיקט די צערעמאָניע, האָט זי זיי נעגעבן צום זיצן ערן־פּולע פּלעצער און האָט זיך אַליין אויך אַנידערגעזעצט נעבן זיי. און צירצע האָט זיך אָנגערופן און געוואָגט:

—פון וואַנען זענט איר, וואוהין איז אייער באַגער, און וואָס האָט אייך געבראַכט אויף מיין אינזל?

האָט מעדעאַ אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אויף צירצען. צירצע האָט דערזעען מעדעאַס גלאַנצנדיקע אויגן[1]), האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי איז צו איר אַ קרובה און אַז זי שטאַמט פון העליאָסעס משפחה; האָט זי געבעטן די געסט, זיי זאָלן רעדן צו איר אין דער שפּראַך פון זייער פאָלק. מעדעאַ דאָט גענומען רעדן קאָלכידיש און האָט אַלץ דערציילט פאַר צירצען. וועגן דעם מאָרד האָט זי אָבער נישט דערמאָנט קיין וואָרט.

צירצע האָט אָבער געוואוסט וועגן דעם מאָרד, וואָרום זי האָט גוט געדענקט דעם חלום, וועלכן זי האָט געזעען באַנאַכט און וועלכער האָט זי אָנגעפולט מיט ציטערניש; האָט זי רחמנות געקריגן אויף די אומגליקלעכע מעדעאַ און געזאָגט צו איר:

— אַך, אומגליקלעכע! דו ביסט באַגאַנגען אַ גרויסע זינד, וואָרום דו ביסט פאַלש געווען צו דיין פאָטער און אַנטלאָפן פון זיין הויז. און דאָס איז דיר נאָך געווען ווינציק, האָסטו נאָך ווייטער געזינדיקט און האָסט דערהרגעט דיין ברודער, און יעצט שרייט דאָס בלוט פון דיין ברודער פון דער ערד אַרויס. האָב נישט קיין מורא פאַר מיר, וואָרום דו ביסט דאָך געקומען אין מיין הויז צו בעטן שוץ און הילף. איך וועל דיר אָבער נישט העלפן, ווייל עס געפעלט מיר נישט דיין באַנעמונג.

---

1) אַלע, וואָס האָבן געשטאַמט פון העליאָסן, האָבן געהאַט גלאַנצנדיק אויגן.

אַז מעדעאַ האָט דערהערט די ווערטער, האָט זי זיך פאַרדעקט דאָס פּנים מיטן שלייער און זי איז אַרויסגעגאַנגען פונם הויז, אַ טרויעריקע און אַ פאַרשעמטע. זי האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס, און יאַזאָן האָט זי געמוזט אונטערהאַלטן מיט זיינע הענט.

איז אָבער הערא צו הילף געקומען אירע אויסדערוויילטע, און זי האָט באַפוילן דער געטין איריס¹), זי זאָל לויפן איבער איר פילפאַרביקן בויגן, אַראָפּנידערן צו טעטיס, דער געטין פון ים, און זאָגן איר: אַזוי איז דער באַפעל פון מיין האַרין הערא: אָט קערן זיך אום אין זייער געבורטסלאַנד די גריכישע העלדן אויף זייער שיף אַרגאָס. און דו, טעטיס, זאָלסט באַוואַכן און אָפּהיטן די שיף, זי זאָל נישט פאַרלוירן־גיין אין די אומענדלעכקייטן פון ים.

ווי נאָר יאַזאָן און מעדעאַ זענען צוריק אַרויפגעקומען אויף די שיף, האָבן גענומען בלאָזן גינסטיקע ווינטן. האָבן זיך די גבורים דערפרייט, האָבן אויפגעשטעלט דעם זעגל־בוים, געשפּרייט די זעגלען, און די שיף האָט זיך גענומען גליטשן איבערן גלאַטיקן שפּיגל פון ים.

זיי זענען פאַרבייגעשווימען פאַר אַן אינזל, וואָס איז געווען שיין און גלוסטיק, ווי דער גאָרטן פון די געטער. פּלוצלונג האָבן זיך צוגעטראָגן צו זיי די קלאַנגען פון אַ ליד; דאָס געזאַנג איז געווען אויסטערליש זיס, און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט זאַט־הערן. די אַרגאָנויטן האָבן זיך גענומען איינקוקן, ווער דאָס זינגט אַזעלכעס, האָבן זיי דערזעען די וואַסער־יונגפרויען, וואָס זענען געשווימען נעבן ברעג; די יונגפרויען זענען געווען שיין אין געשטאַלט, און זייערע לאַנגע, ברוינע האָר זענען געווען צעפלאָכטן און האָבן געפלאַטערט, אַזוי ווי אַ זעגל־טוך, וואָס פּלאַ־

¹) געטין פונם רעגנבויגן.

טערט אין ...

און דאָס געזאַנג איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און וואָס אַמאָל אָנגענעמער, און עס האָט געפאַנגען דאָס האַרץ מיט זיין זיסן כשוף. האָבן שוין די אַרגאָנויטן געוואָלט וואַרפן אויפן ברעג די דיקע שטריק און אַראָפּגיין אויף די בליענדע אינזל; אָרפעאוס האָט אָבער געוואוסט, אַז ווי נאָר די גבורים וועלן זיך דערנענטערן צום ברעג, וועלן זיי די וואַסער־יונגפרויען אַראָפּציען אין די טיפעניש, און זיי וועלן נישט מער זעען די ליכטיקע וועלט.

אָרפעאוס האָט דערזעען די געפאַר, האָט ער גענומען זיין האַרפע, אַ שלאָג געטון די סטרונעס און גענומען שפּילן אַ מעכטיק ליד, וואָס האָט פאַרטויבט מיט זיינע קלאַנגען די זיסע שטים פון די וואַסער־מיידלעך. און דערצו נאָך האָבן די געטער אָנגעשיקט אַ שטאַרקן, ווילד־ברומענדיקן ווינט, וועלכער האָט אַוועקגעטראָגן די שיף און אַוועקגעפירט זי ווייט פון די ברעגעס פון די צויבער־פולע וואַסער־טעכטער.

בלויז בוטיס, דער זון פון טעלאַאָן, האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם צויבער־געזאַנג און ער איז אַראָפּגעשפרונגען פון דער שיף און גענומען שווימען צו דער אינזל צו. האָבן זיך געטורעמט איבער אים די כוואַליעס פון ים און אים אַראָפּגעוואָרפן אין אָפּגרונט. עס האָט זיך אָבער דערבאַרעמט איבער אים אַפראָדיטע, וועלכע האָט געהערשט איבערן באַרג עריקס אין סיציליען, האָט זי אים אַרויסגעצויגן פון דער טיפעניש און אים געבראַכט צום פוס פון איר באַרג. בוטיס האָט זיך באַזעצט אויף דער אינזל סיציליען, גענומען אַ ווייב און געבוירן זין און טעכטער.

בוטיסעס פריינט האָבן אָבער געמיינט, אַז ער איז געשטאָרבן, האָבן זיי אים לאַנג און האַרצלעך באַקלאָגט.

און די אַרגאָנויטן זענען געשווימען ווייטער און זענען צוגעשווימען צו דעם וואַסער־פאַס, וואָס פון איין זייט האָבן זיך

דאָרט געהויבן די פּירכטערלעכע פעלזן-שפּיצן פון סצילע[1] און פון דער צווייטער זייט האָבן געזידט די גרויזאַמע וואַסער-ווירבלען פון כאַריבדע[1]. דאָס וואַסער האָט געשלאָגן כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געטורעמט אַזוי ווי בערג. און צווישן די כוואַליעס האָבן זיך געדרייט די שטאַרקע פעלזן, וועלכע העפעסטאָס האָט געשמידט מיט זיין האַמער, און זיילן רויך זענען אויפגעשטיגן פון זיין שמידעריי און האָבן באַדעקט דעם הימל.

דאַן זענען געקומען די טעכטער פון נערעאוס, בייהילפיק צו זיין די אַרגאָנויטן. טעטיס האָט מיט אירע אייגענע הענט אָנגענומען דעם שטייער רודער, און פון ביידע זייטן שיף זענען געשווימען די נימפן, אָפּצוהיטן זי פון די פעלזן-שטיינער. און ווען די שיף איז צוגעקומען צו די שטיינער, האָבן די וואַסער-האַרינס גענומען זי, איבערגעגעבן איינע דער אַנדערער, אַזוי ווי אַ שפּיל-באַל, און זי געשטויסן אַמאָל אויף איין זייט, אַמאָל אויף אַן אַנדער זייט. און די שטורמישע כוואַליעס האָבן אַמאָל אַ הויב געטון די שיף אויף זייער שוימיקן רוקן און אַמאָל ווידער אַראָפּ-געזינקען זי אין דעם פונאַנדערגעעפנטן אָפּגרונט.

און העפעסטאָס איז זיך געזעסן אויף דעם ריזיקן פעלזן-שפּיץ, מיטן האַמער אויף דער אַקסל, און געשעפּט נחת פון דעם שרעק-פולן פּראַכט-בילד. און הערא האָט אַראָפּגעקוקט פון צווישן די שטערן אין הימל. דער קאָפּ האָט זיך איר גענומען דרייען פון דעם שטורעמדיקן וואַסער-גערויש, פון דעם טראַסק פון די שטיינער און פון דעם ברום פון די הימל-שטייגנדע כוואַליעס; זי האָט געמוזט אָננעמען די האַנט פון איר איבערגעגעבענער אַטענע און זיך אָנלענען אָן איר.

[1]) סצילע און כאַריבדע—די פעלזן, וואָס האָבן זיך געפונען פון ביידע זייטן פונם גיבראַלטאַרישן וואַסער-פּאַס.

און די אַרגאָנויטן זענען ענדלעך אַדורכגעקומען בשלום דורך דעם געפֿאַר־פולן אָרט און זענען צוגעשווימען צו דער אינזל, וואו ס'האָבן געוואוינט די פעאַקער. די פעאַקער זענען געווען אַן אַרבעטזאַם און גאַסטפריינטלעך פֿאָלק און זייער קע־ניג אַלצינעאוס איז געווען אַ רעכטפאַרטיקער, גאָטפאָרכטיקער מענטש.



19.

די נייע פאַרפאָלגונג.

די פעאַקער האָבן פריינטלעך אויפגענומען די אַרגאָנויטן, געגעבן זיי צו עסן און צו טרינקען און אַן אָרט אויף איבער־צובעכטיקן. האָבן זיך די אַרגאָנויטן געוואָלט אָפּרוען אַביסל אויף דער אינזל פון דער שווערער מי, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען אין וועג. אָבער ווי נאָר זיי האָבן אָפּגעגעסן, איז געקומען צום קעניג אַ שליח פון די קאָלכידער, וועלכע זענען געשווימען דורך אַן אַנדערן וועג און האָבן אָנגעיאָגט די אַרגאָנויטן; און דער שליח האָט געזאָגט צום קעניג אַלציגעאוס: די קאָלכידער האָבן מיך געשיקט צו דיר און לאָזן דיר איבערגעבן: גיב אונז אַרויס מעדעאַן, וועלן מיר זיך אומקערן אין אונזער לאַנד. אויב אָבער דו וועסט זיך אַנטקעגנשטעלן און וועסט זי נישט אַרויסגעבן, זאָלסטו וויסן זיין, אַז דו וועסט אומקומען, דו און דאָס גאַנצע פאָלק מיט

דיר, וואָרום אונזער חיל איז זער רייך אין דער צאָל. מיר זאָגן עס דיר פריער, כדי דיך צו וואָרענען.

די גריכן האָבן געוואָלט אַרויסטרעטן קעגן די קאָלכידער, אַלצינעאוס האָט זיי אָבער נישט געלאָזט. איז מעדעאַ געפאַלן צו די פיס פון דער קעניגין אַרעטע און גענומען בעטן:

—דערבאַרעם דיך, האַרין, און דערלאָז נישט, מען זאָל מיך איבערענטפערן אין די הענט פון מיין פאָטער, וואָרום ער וועט מיך לאָזן טויטן, דערפאַר וואָס איך האָב מיך פאַרבונדן מיט דעם פרעמדלענדער יאַזאָן. די אומשטערבלעכע געטער וועלן דיר באַלוינען פאַר דעם גוטס, וואָס דו וועסט טון מיט מיר.

און אויך פאַר די אַרגאָנויטן האָט זי געוויינט און געבעטן, זיי זאָלן זי נישט פאַרלאָזן אין אומגליק. האָבן איר די אַרגאָנויטן געשוואוירן: אין נאָמען פון די געטער, מיר וועלן דיך נישט לאָזן אָנרירן צום שלעכטן; אַזוי לאַנג, ווי דאָס בלוט לויפט נאָך אין אונזערע אָדערן, וועלן מיר דיך באַשיצן.

ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן דער קעניג און די קעניגין געהאַלטן אַן עצה, וואָס זיי זאָלן טון מיט דעם קאָלכידישן מיידל.

האָט די קעניגין אַרעטע געזאָגט צום קעניג:

—זי האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פון איר פאָטער און איר געבורטסלאַנד און זיך פאַרבונדן מיט יאַזאָנען, ווייל איר זעלע איז אָנגעקניפּט צו אים. זאָלסט נישט אָפּרייסן זיי איינעם פון צווייטן און זאָלסט זי נישט איבערגעבן אין די הענט פון איר פאָטער, וואָרום ער וועט איר טון שלעכטס.

אַלצינעאוס איז געווען אַ גוטער, רעכטשאַפענער מאַן, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי:

— איך קאָן נישט טון קיין שלעכטס די אַרגאָנויטן, וואָרום זיי געפינען זיך דאָך אונטערן שוץ פון מיין הויז, איך קאָן אויך נישט פאַרשעמען די קאָלכידער, ווייל זיי זענען דאָך געסט אין מיין לאַנד. אַחוץ דעם האָב איך מורא פאַר אַעטעסעס צאָרן, וואָרום ער איז דאָך אַ קריגס-העלד און זיין חיל איז צאָלרייך

און שטאַרק. דעריבער האָב איך באַשלאָסן: אויב מעדעאַ איז אַ מיידל,[1] וועלן מיר זי צוריקגעבן צו איר פאָטער, וואָרום זי געהערט צו אים; איז זי אָבער יאַזאָנס ווייב, וועל איך זי נישט אַרויסגעבן, נאָר איך וועל זי באַשיצן, וואָרום דער פאָטער האָט שוין נישט איבער איר צו שאַפן.

האָט אַרעטע שנעל אַוועקגעשיקט צו יאַזאָנען אַ שליח און געלאָזט אים זאָגן די מיינונג פון קעניג; און זי האָט דערביי באַפוילן יאַזאָנען, ער זאָל נאָך אין דער זעלבער נאַכט נעמען מעדעאַן פאַר אַ ווייב.

האָט יאַזאָן געטון אַזוי. ער איז אַוועק מיט מעדעאַן און מיט אַלע פריינט אין אַ הייליקע גראָטע צו פייערן זיין חתונה. און אָרפעאוס האָט געשפילט אויף זיין האַרפע לכבוד דעם חתן און די כלה.

ווען עס איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן, זענען די פעאָקער אויפגעשטאַנען פון זייערע געלעגערס, איינגעזאַמלט זיך אין מחנות און אָנגעפילט די גאַסן פון שטאָט; אין עק שטאָט ווידער האָבן זיך די קאָלכידער אויסגעשטעלט אין רייען און זיך געגרייט צום קאַמף. אַלצינעאוס איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין פאַלאַץ, מיט דעם גאָלדענעם סצעפטער אין האַנט, און איז אַוועק צום לאַגער פון די אַרגאָנויטן; און אַלע שרים און באַדינער האָבן אים באַגלייט. אויך פיל מענער און פרויען זענען געגאַנגען נאָך אים, וואָרום זיי האָבן געהערט וועגן די העלדישע אַרגאָנויטן און געוואָלט זיי זעען.

און אויף יענער זייט פון שטאָט־טויער איז שוין אָפּגעפייערט געוואָרן די חתונה, און די פלאַקער־פייערן האָבן געשיקט זייער רויך ביז אונטערן הימל.

---

1) לויט די זיטן פון די אלטע פעלקער איז א פרויענצימער מיידלווייז געווען דאס אייגנטום פון איר פאָטער, נאָך דער חתונה איז זי געווען דאָס אייגנטום פון איר מאַן, און א פרוי אַן אַלמנה איז געווען אָפּהענגיג פון איר עלטסטן זון.

אַלצינעאוס איז געקומען צו זיי און זיי געזאָגט, וואָס אַזעכעס ער האָט באַשלאָסן. איז יאַזאָן צוגעגאַנגען צום קעניג, געבוקט זיך פאַר אים און געשוואוירן, אַז מעדעאַ איז זיין געזעצלעכע פרוי, און אַלס עדות האָט ער גענומען אַלע זיינע פריינט.

אַז דער קעניג האָט געהערט יאַזאָנס שבועה און די רייד פון די עדות, האָט ער געהויבן איבער זיי זיין סצעפּטער, אַלס צייכן, אַז ער נעמט זיי אונטער זיין שוץ. און די קאָלכידער האָט ער געלאָזט זאָגן: מעדעאַ איז יאַזאָנס פרוי; אַטעס האָט נישט מער צו שאַפן איבער איר.

האָבן די קאָלכידער גענומען שרעקן דעם קעניג און דראָען אים מיט מלחמה. נאָר אַלצינעאוס האָט זיי געענטפערט: אויב איר זענט געקומען צו מיר אַלס געסט, קומט אין מיין הויז און געניסט פון מיין פריינטשאַפט; אויב נישט — פאַרלאָזט שנעל מיין לאַנד, וואָרום איך וועל נישט טון מיט אייך קיין גוטעס.

די קאָלכידער האָבן נישט געוואָלט מלחמה האַלטן מיט די פּעאָקער, אומקערן זיך אין זייער לאַנד האָבן זיי אָבער אויך נישט געקאָנט, ווייל זיי האָבן זיך געשראָקן פאַרן צאָרן פון זייער קעניג אַטעס. זענען זיי פאַרבליבן אויף דער אינזל און זיך אויף איר באַזעצט.

אויפן זיבעטן טאָג האָבן זיך די אַרגאָנויטן אַריינגעזעצט אין זייער שיף און געזעגנט זיך מיטן קעניג. אַלצינעאוס האָט זיי מיטגעגעבן פון כל טוב און געבענטשט זיי אויפן וועג.



20.

די לעצטע איבערלעבענישן.

און די וואונדערבאַרע אַרגאָס איז פאַרבייגעשווימען פאַר די ברעגעס פון פיל אינזלען און לענדער, ביז עס האָט זיך ענדלעך באַוויזן פאַר די אויגן פון די העלדן דער ברעג פון פעלאָפּסעס נעבורטסלאַנד. פלוצלונג איז אָבער געקומען פון צפון אַ שרעקלעכער שטורם-ווינט, וועלכער האָט גענומען די שיף אויף זיינע ריזיקע פליגל און זי געשליידערט, ווי אַ לייכט פעדערל איבער דעם ליבישן ים. ניין טעג האָט דער ווינט געטראָגן די שיף און זי צוגעפירט ענדלעך צו די וויסטע, זאַמד-באַדעקטע ברעגעס פון אַפריקאַ.

די שיף איז אַרייַנגעשווימען אין דעם ים-אויסגוס, וואו דאָס וואַסער איז געווען שטיל און רויק, ווי פאַרזונקען אין אַ דרימל, און אינגאַנצן באַדעקט מיט רוירן און פאַרשידענע וואַסער-

פלאַנצן. ווי ווייט דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָבן זיך אויסגעשפּרייט זאַמדן, וואָס זענען אָנגעהיצט געוואָרן פון דער זון, ווי אַ ברענענדיקער אויוון. קיין שום חיה האָט אין דעם דאָזיקן אָרט נישט געוואוינט, און קיין שום פויגל האָט זיך דאָרט נישט געבויט זיין נעסט. די כוואַליעס האָבן אַ שטויס געטון די שיף צו דער יבשה צו, אַזוי, אַז דער פאָדער־שפּיץ פון דער שיף האָט זיך איינגעגראָבן טיף אין זאַמד אַריין. האָבן די אַרגאָנויטן אויפגעציטערט פון שרעק און זענען שנעל אַראָפּגעשפּרונגען אויפן ברעג אַראָפּ. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און געזען נישט מער, ווי אַ וויסטע מדבר, וואָס האָט זיך געצויגן ביז אין די אומענדלעכקייט, אָן גרעניץ און אָן ברעג.

זענען די גבורים אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג און האָבן אויסגערופן:

— וויי איז אונז, מיר זענען פאַרלוירן! וואָרום דער ווינט האָט אונז צוגעפירט צו אַ וויסט לאַנד, אָן וועלכן די געטער האָבן פאַרגעסן, אַ לאַנד, וואָס לאָזט נישט אַרויסשפּראָצן קיין גראָז, וואו קיין מענטש בויט זיך נישט אַ הויז, וואו דער פאַסטוך פּיטערט נישט זיין סטאַדע! הלואי וואָלטן מיר בעסער געשטאָרבן צווישן די שווימנדע פעלזן, אָדער מיר וואָלטן ליבער אומגעקומען אין קאַמף, ווי עס פּאַסט פאַר קריגס־לייט! גרויסער צעאוס, אָך וואָס האָסטו אונז געבראַכט אַהער, מיר זאָלן שטאַרבן פון הונגער און דורשט?

און דער שיף־פירער אַנצעאוס האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— יאָ, דער שטראָם האָט אונז פאַרטראָגן צווישן די זאַמדן, אָבער צוריק אַרויס אין אָפענעם ים וועט ער אונז שוין נישט פירן! מיר וועלן נישט מער שפּרייטן די זעגלען, מיר וועלן נישט מער רודערן מיט די רודערס, מיר וועלן קיינמאָל נישט מער דערבליקן אונזער היים! נישטאָ מער אויף וואָס צו האָפן, וואָס טויג מיר נאָך דער שטייער־רודער?

און באַ די דאָזיקע ווערטער האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם שטייער=רודער פון האַנט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געוויינט אַ ביטער געוויין.

די איבריקע אַרגאָנויטן האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אויפן ברעג, נידערגעשלאָגענע און פאַראומערטע, און זענען געווען ענלעך צו די איינוואוינער פון אַ שטאָט, אין וועלכער עס איז אויסגעבראָכן אַ מגפה; אַז עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָבן זיי אַרומגענומען איינער דעם אַנדערן, געקושט זיך גאָר האַרצלעך און זיך געזעגנט, נישט אַרויסרעדנדיק דערבאַ קיין וואָרט. זיי האָבן נישט געגעסן און נישט געטרונקען, זיי האָבן זיךאַרומגעהילט מיט זייערע מאַנטלען און געוואַרט, אַז דער טויט זאָל ענדלעך קומען און מאַכן צו אַלעמען אַ סוף. זיי זענען געלעגן אַ גאַנצע נאַכט וואַכעדיק, עס איז צוגערויבט געוואָרן באַ זיי דער שלאָף. און פון ווייטנס האָבן געקרעכצט די פעאָקישע מיידלעך, וואָס האָבן, לויט אַלצינעאוסעס באַפעל, באַגלייט מעדעאַן און זי באַדינט. די מיידלעך האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום זייער האַרין און פאַרהילכט די לופט מיט זייערע האַרצרייסנדע קלאָג=געוויינען.

האָבן די דריי געטער=טעכטער, וואָס הערשן איבער ליביען, צוגעזעען דעם צער פון די גבורים און רחמנות געקריגן אויף זיי. זיי זענען געקומען צו די אַרגאָנויטן, אָנגעקליידט פון אויבן ביז אַראָפּ אין ציגעלע פעל, אַוועקגעשטעלט זיך פאַר יאַזאָנען און מיט אַ לייכטער האַנט=באַוועגונג אָפּגעדעקט זיין קאָפּ, וועלכער איז געווען באַדעקט מיטן מאַנטל. איז יאַזאָן אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און זיך געשטעלט אויף די פיס. דערזעענדיק די געטער=טעכטער, האָט ער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ מיט יראת הכבוד און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. האָבן זיך די געטינס אָנגערופן און געזאָגט:

—מיר האָבן געזעען אייער פיין, זענען מיר אַראָפּגענידערט צו אייך, כדי אייך אַרויסצופירן פון דעם דאָזיקן לאַנד און אייך אַהיימצוברענגען אין אייער געבורטסאָרט. זייט נישט טרויעריק,

וואָרום די הילף איז נאָנט. שטייט אויף פון אייערע געלעגערס, וועט איר דערזעען די האַרין פון ים, וועלכע שפּאַנט אויס פּאָסעידאָנס וואָגן. זאָלט איר שנעל אויפברענגען אַ קרבן צו אייער מוטער, וועלכע האָט אייך אַ לאַנגע צייט געטראָגן אין איר שויס, און דערנאָך זאָלט איר זיך אומקערן אין אייער געבורטסלאַנד.

און די געטינס זענען פאַרשוואונדן געוואָרן. האָט דאַן יאַזאָן איינגעזאַמלט זיינע פריינט און זיי איבערגעגעבן די רייד, וואָס עס האָבן גערעדט צו אים די געטינס. האָבן זיך די גבורים געוואונדערט, וואָרום זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם מיין פון די ווערטער. פלוצלונג האָבן זיי דערהערט דאָס רוישן פון כוואַליעס. זיי האָבן זיך אומגעקוקט, האָבן זיי דערזעען אַן אומגעהויער גרויס פערד, וואָס שפּרינגט פון ים אויפן ברעג אַרויף. דאָס פערד האָט געהאַט אַ גאָלדענע גרזשיווע, וואָס האָט געפלאַטערט בײַ אים פון ביידע זייטן רוקן, און פון זיין ברוסט און פון די זייטן האָט געפלאָסן שוים. און דאָס פערד האָט געבריקעט מיט די פיס און געהירזשעט.

דאַן האָט זיך פּעלעאוס אָנגערופן:

— אָט איז דאָך מקוים געוואָרן די נבואה! דאָס איז דאָך דאָס פערד, וועלכעס די האַרין פון ים האָט אויסגעשפּאַנט, און די מוטער, וואָס האָט אונז געטראָגן אין איר שויס, דאָס איז דאָך אונזער שיף אַרגאָס. לאָמיר נעמען די שיף אויף די אַקסלען און לאָמיר זי אַוועקטראָגן אין אַן אָרט, וואו דאָס פערד וועט אונז אָנווייזן.

האָבן די אַרגאָנויטן אַזוי געטון; זיי האָבן גענומען די שיף אויף די אַקסלען און נאָכגעגאַנגען נאָכן פערד צוועלף טעג און צוועלף נעכט; זיי האָבן גאָרנישט געגעסן און גאָרנישט געטרונקען, וואָרום די געטער פון אָלימפּוס האָבן זיי באַגלייט, און זיי זענען ענדלעך צוגעקומען ביז צו אַ ים־אויסגוס.

אַז זיי זענען צוגעקומען צום ים־אויסגוס, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די שיף פון די אַקסלען און זענען אַוועקגעגאַנגען זוכן

וואַסער[1]) וואָרום זיי זענען זעער דורשטיק געווען. אָרפעאוס דער געטלעכער שפּילער, האָט באַגעגנט די העספּערידן[2]), די שענ־זינגענדיקע נימפן, און האָט גענומען בעטן זיי, רחמנות צו האָבן אויף די גבורים און אָנווייזן זיי, וואו צוגעפינען וואַסער. ער האָט זיך געווענדט צו זיי מיט די ווערטער.

— הערט אויס מיין געבעט, גוטהאַרציקע נימפן! דערבאַרמט אייך און זאָגט אונז, וואו וועלן מיר געפינען וואַסער צום טרינ־קען, מיר זאָלן נישט אויסגיין פון דורשט.

האָבן זיך די העספּערידן דערבאַרעמט איבער די אומגליק־לעכע גריכן און געזאָגט:

— ווייזט אויס, אַז דער מוטיקער רויבער, וואָס איז נעכטן געקומען, דערהרגעט דאָס מאָנסטרום און צוגערויבט באַ אונז די גאָלדענע עפּל,—ווייזט אויס, אַז ער איז פאַר אייך אַ גרויסע הילף, איר פרעמדע! ער איז אַ ווילדער מאַן, אַ האַרטהערציקער מענטש! זיינע אויגן האָבן געברענט, ווי די קוילן, די לייבן פעל,

---

[1]) דאָס וואַסער פון ים איז ביטער און געזאַלצן און טויג נישט צום טרינקען.

[2]) געאַ, די געטין פון דער ערד, האָט געלאָזט אַרויסשפּראָצן אויפן ברעג פון אומענדלעכן ים אַ בוים, אויף וועלכן עס זענען געוואַקסן עפּל פון ריינעם גאָלד; און די עפּל האָבן געהאַט אַ וואונדערבאַרע אייגנשאַפט: דער, וואָס האָט געגעסן פון זיי, איז קיינמאָל נישט אַלט געוואָרן. געאַ האָט אָוועקגעשענקט דעם גאָרטן פאַר אַ מתנה צעאוסן און העראַן, צום טאָג פון זייער חתונה. האָט צעאוס אַוועקגעשטעלט די פיר העספּערידן און דאָס הונדערטקעפּיקע מאָנסטרום לאַדאָן, זיי זאָלן היטן דעם גאָרטן. העראַקלעס האָט לויטן באַפעל פון זיין האַר אוריסטעאוס דערהרגעט דאָס מאָנסטרום, אָפּגעריסן דריי עפּל און געבראַכט אַריס־טעאוסן. לויט אַן אַנדערן וואַריאַנט האָט דאָס געטון אַטלאַס, וועלכן העראַקלעס האָט פאַרטרעטן אויף אַ ווײַלע און אונטערגעהאַלטן מיט זיינע אַקסלען די הימל־וועלבונג.

ז.ין וועלכע ער איז געקליידט, האָט אים אַראָפּגעהאָנגען פון די



אפּאָללאָ.

אַקסלען, און אין האנט האָט ער געהאַלטן אַ צווייג פון אַן אייל־

בירטן=בוים און די טויט=שליידערער[1]), מיט וועלכע ער האָט דער=
הרגעט דאָס מאָנסטרום. געקומען איז ער פון מדבר און איז גע=
יוען זער דורשטיק, וואָרום אַרום און אַרום איז קיין שום קוואַל
נישט געווען. האָט ער אַ שלאָג געטון מיט זיין פוס=טריט דעם
האַרטן שטיין, און עס האָט זיך אַ גאָס געטון אַ מעכטיקער
שטראָם וואַסער. און דער שרעקלעכער מאַן האָט זיך אויסגע=
שפרייט אויף דער ערד, אָנגענומען דעם פעלז מיט ביידע הענט
און אַריינגעזויגן אין זיך פיל וואַסער. דערנאָך, אַז ער האָט זיך
שוין געהאַט געגוג אָנגעטרונקען, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט, אַנט=
שלאָפן געוואָרן און געכראָפּעט אַזוי ווי אַ ווילדער אָקס.

און די העספערידן האָבן אַוועקגעפירט די גבורים און גע=
ויזן זיי דעם קוואַל. האָבן די גבורים געטרונקען פון דעם פרישן
וואַסער.

אַז זיי האָבן שוין געשטילט זייער דורשט, זענען זיי אַוועק=
געגאַנגען זוכן אַ וועג, ווי אַזוי אַרויסצוקומען פונם ים=אויסגוס
צוריק אין אָפענעם ים אַריין. דער ווינט האָט אָבער געבלאָזן
פון אַ פאַרקערטער ריכטונג, צוגעטראָגן די שיף צוריק צו דער
יבשה און געוואָרפן זי פון איין זייט אויף די אַנדערע. און די
שיף איז ענלעך געווען צו אַן אומרויקער שלאַנג, וואָס גיט אַ
הויב דעם קאָפּ, אַ סווישטש, אַ בלישטש מיט די אויגן — און קאָן
נישט אַרויסקריכן פון דער נאָרע.

האָט זיי געראַטן אָרפעאוס דער שפילער, וועלכער איז
אויך געווען אַ נביא, זיי זאָלן אַראָפגיין פון דער שיף און מקריב
זיין קרבנות צו די געטער פון לאַנד. האָבן אים די אַרגאָנויטן
געפאָלגט: זיי האָבן איבערגעלאָזט אויפן ברעג דעם גרעסטן דריי=
פוס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דער שיף. גייענדיק צוריק צו
דער שיף, האָבן זיי באַגעגנט דעם גאָט פון ים, טריטאָן, וועל=
כער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שען=אויגיקן יונגעגמאַן. טרי=

[1]) די פיילן.

טאָן האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אָנגענומען אַ פולע האַנט ערד און אָוועקגעשענקט עס אייפעמוסן, אַלס צייכן פון פריינטשאַפט און ליבע. האָט אייפעמוס צוגענומען די מתנה מיט דאַנק און באַהאַלטן זי אויף זיין האַרצן. און דער גאָט האָט געזאָגט:

—מיין פאָטער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ האַר איבערן דאָזיקן ים. גיט אַ קוק און זעט די שוואַרצע כוואַליעס, וואָס שלאָגן פון דער טיפעניש; דאָרט וועט איר געפינען אַ שמאָלן פאַס, וואָס וועט אייך אַרויספירן פון ים־אויסגוס אין אָפענעם ים אַריין. שפּרייט די זעגלען און שווימט אין דער ריכטונג, און איך וועל אייך געבן אַ ווינט, וואָס וועט אייך אַרויספירן אויף אַ גוטן וועג. און זייט וויסן, אַז דאָס לאַנד פון פעלאָפסן איז שוין נישט ווייט.

האָבן די גבורים מיט פרייד און יובעל אַריינגעזעצט זיך אין די שיף. און טריטאָן האָט גענומען אויף די אַקסלען דעם שווערן דרייפוס און איז אַראָפּגענידערט אין די טיפענישן. די שיף אַרגאָס האָט גענומען שווימען צום לאַנד פון די גריכן. עס זענען אַדורכגעגאַנגען עטלעכע טעג, די אַרגאָנויטן זענען צוגעשווימען צו דער פעלזן־אינזל קאַרפאַט און געוואָלט פאַרקערעווען צו דער פרעכטיקער אינזל קרעטאַ. וועכטער איבער דער אינזל קאַרפאַט איז געווען אַ פירכטערלעכער ריז מיטן נאָמען טאַלאָס. דאָס איז דער טאַלאָס, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון דעם קופּערנעם דור. צעאוס האָט אים געגעבן פאַר אַ קנעכט צו זיין פרוי אייראָפּאַ און האָט אים געהייסן אַרומגיין דריי מאָל אין טאָג די אינזל מיט זיינע קופּערנע פיס. דער ריז איז געווען אינגאַנצן פון קופּער, אַ חוץ איין ביין אין זיין פוס־טריט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט פלייש און מיט אָדערן און אין וועלכן ס'האָט גערונען בלוט. מיט קיין שום געווער האָט מען אים נישט געקאָנט בייקומען, אויב מען האָט אים נישט געטראָפן אין פוס־טריט; בלויז אין דעם דאָזיקן אָרט האָט מען אים געקאָנט דערהרגענען, וואָרום אומשטערבלעך איז טאַלאָס נישט געווען.

ווען די שיף איז צוגעשווימען צום ברעג, האָט זי דערזען דער פירכטערלעכער ריז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער

וואַך אויף אַ הויכן פעלזן־שפּיץ. האָט ער גענומען אויסהאַקן מיט די הענט שטיינער פון די פעלזן־בערג און וואַרפן אויף די שיף. די גבורים זענען דערציטערט געוואָרן פון שרעק און זיי האָבן שוין געוואָלט אויסמיידן די אינזל און שווימען ווייטער. די שיפלייט זענען אָבער געווען זער דורשטיק. האָט זיך מעדעאַ אוועקגעשטעלט און געזאָגט:

—באַרויקט אייך, גבורים, און האָרכט מיך אויס! איך וועל אַרויסגיין מיט אים אין קאַמף און וועל אים בייקומען. גיט אָבער אַכטונג, אַז די שטיינער זאָלן נישט טרעפן די שיף.

און זי האָט אָנגענומען די פּאָלעס פון איר פּורפּורנעם קלייד, אָנגעלענט זיך אָן יאַזאָנס אַקסל און זיך אַוועקגעשטעלט אויפן פאָדערשטן טייל פון דער שיף. זי האָט גענומען זאָגן פיל אָפּשרעכונגען און האָט באַשוואוירן די געטינס פון טויט און די לייכטפיסיקע הינט פון טאַרטאַרוס, וואָס ווערן קיינמאָל נישט מיד און וואָס טראָגן פונאַנדער דעם גיפטיקן גייסט, מיט וועלכן זיי טוען אומברענגען אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט.

און מעדעאַ האָט ענדלעך מיט אירע צויבער־מיטלען געוואָרפן אויף טאַלאָסן אַ שלאָף. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, גענומען זיך וואַקלען און געפאַלן הינטער זיך; דערבײַ האָט ער זיך פאַרוואונדעט דעם פוס־טריט אָן שאַרפן שטיין. עס איז געשפּאָלטן געוואָרן די אָדער, און דאָס בלוט האָט גענומען פליסן מיט שטורם. פון שטאַרקן ווייטאָג איז דער ריז אויפגעקומען פון שלאָף; ער האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן און נישט געקאָנט. און זיין גוף האָט אַ צאַפּל געטון צום לעצטן מאָל, אַראָפּגעקייקלט זיך פון באַרג און אַריינגעזונקען מיט אַ גערויש אין די טיפענישן פון ים.

דאַן זענען די אַרגאָנויטן אַראָפּ פון דער שיף, אַרויפגעשטיגן אויף די יבשה און האָבן דאָרט גערוט ביז צומאָרגנס אין דער פרי. דערנאָך, ווען זיי זענען ווידער אָפּגעשווימען און זיך דערווייטערט פון דער אינזל, האָט אַ פינסטערניש אַרומגעהילט די וועלט מיט אַ געדיכטן שלייער; די לבנה האָט באַהאַלטן איר

שיין און די שטערן זענען פאַרשוואונדן. און עס האָט זיך אויס-
געדאַכט די שיף-לייט, אַז עס האָבן זיך געעפנט אַלע אָפּגרונדן
און עס האָבן אַרויסגעשלאָגן פון דאָרט אַלע קוואַלן פון פינס-
טערניש; ס'האָט אויסגעזעען, ווי זיי וואָלטן נישט געשווימען אי-
בערן אָפענעם ים, נאָר איבער די שטורמישע כוואַליעס פון די
אונטערערדישע וואַסערן, אויף וועלכע עס איז נאָך קיינמאָל נישט
געפאַלן דער אָפשיין פון ליכט.

דאַן האָט יאַזאָן געשפּרייט זיינע הענט קעגן הימל און גע-
שריגן צו אַפּאָללאָן, ער זאָל זיי רעטן פון אומגליק. האָט אַפּאָל-
לאָ פאַרנומען זיין געבעט, אַראָפּגענידערט פון אָלימפּוס, אַרויפ-
געשפּרונגען אויף אַ פעלזן-שפּיץ, אַ הויב געטון זיין גאָלד-געדעקטן
בויגן און גענומען שיקן פיילן אויף אַלע זייטן. עס האָט אַ בליס
געטון אַ וואונדערבאַר ליכט און געשפּאָלטן די פינסטערניש. די
אַרגאָנויטן האָבן זיך אַרומגעקוקט און דערזעען אַ קליינע אינזל.
האָבן זיי אייליק גענומען שטייערן און זענען צוגעשווימען צום
ברעג. דאָרט האָבן זיי געוואָרפן דעם אַנקער און געוואַרט, ביז
דאָס מאָרגן-רויט וועט באַגילדטן דעם מזרח ראַנד פון הימל.

ווען עס איז געקומען דער פרימאָרגן און זונען-שטראַלן
האָבן גענומען שפּילן אויף דער אויבערפלאַך פון ים, האָט זיך
אייפעמוס דערמאָנט דעם חלום, וועלכן ער האָט געחלומט באַ-
נאַכט. ער האָט געזעען אין שלאָף, ווי די האַנט-פול ערד, וואָס
טריטאָן האָט אים געגעבן, האָט אָנגעהויבן צו רירן זיך און צאַפּ-
לען אויף זיין האַרצן. די ערד איז ענדלעך אַראָפּגעפאַלן פון זיין
ברוסט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיינע יונגפרוי. און די
יונגפרוי האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט: איך בין די טאָכטער
פון טריטאָן און ליביען. גיב מיך אַוועק צו די טעכטער פון נע-
רעאוס[1]), וועל איך וואוינען אין שויס פון ים, נעבן די ברעגעס
פון אַנאַפאַ. ס'וועט קומען אַ טאָג, וועל איך אַרויסגיין אויף די

[1]) איינער פון די ים-געטער.

ליכטיקע שיין און וועל ווערן דאָס ערבטייל פון דיינע קינדס־קינדער.

און דאָס אינזעלע, נעבן וועלכן די אַרגאָנויטן האָבן געוואַרט אויפן קומען פון טאָג, האָט ווירקלעך געהייסן אַנאַפאַ.

ווען יאַזאָן איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם חלום, האָט ער געראַטן אייפעמוסן, אַריינוואַרפן די ערד אין וואַסער אַריין. האָט אייפעמוס אַזוי געטון. און ווי נאָר ער האָט אַריינגעוואָרפן די ערד אין ים אַריין, איז אויפגעשטיגן פון די טיפענישן אַ פרעכטיקע, פרוכטבאַרע אינזל; אייפעמוס האָט אַ נאָמען געגעבן די אינזל קאַליסטאַ, דאָס הייסט: די שענסטע פון די אינזלען. מיט אַ צייט שפעטער האָט זיך אייפעמוס באַזעצט אויף דער דאָזיקער אינזל, און זיינע קינדס־קינדער וואוינען דאָרט ביזן היינטיקן טאָג.

און די גבורים זענען געשווימען ווייטער און זענען אָנגעקומען בשלום אין די שטאָט יאָלקוס. ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין קאָרינטישן וואַסער־פאַס, האָט יאַזאָן אויפגעבראַכט די שיף אַרגאָ פאַר אַן אָפפער צו פאָסעידאָן, דעם האַר פון ים. עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט, און די שיף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטויב; דער שטויב האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אויף איין אָרט און געוואָרן צו אַ לייכטענדן שטערן, וואָס קוקט אַראָפ יעדן אָוונט פון דרום־זייט הימל.



21.

יאַזאָנס סוף.

ווען די אַרגאָנויטן האָבן זיך אַרויסגעזעצט אויפן ברעג, איז איינער אַ מענטש געלאָפן קיין יאָלקוס און דערציילט וועגן זייער אָנקומען. איז אויפגעקאָכט געוואָרן די גאַנצע שטאָט. פּעליאַס האָט דערהערט דאָס גערודער, האָט ער געפרעגט: וואָס איז אַזעלכעס געשען? האָבן אים געענטפערט די קנעכט: יאַזאָן האָט זיך אומגעקערט און מיטגעבראַכט די גאָלדענע וואָל. דערהערנדיק יאַזאָנס נאָמען, איז דער קעניג הינטערוויילעכץ אַראָפּגעפאַלן פונם שטול און געשטאָרבן, וואָרום ער איז שוין געווען אַלט און שוואַך.

דאַן האָט זיך דאָס פאָלק אין יאָלקוס איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן: אַ טייל האָט געוואָלט האָבן פאַר אַ קעניג יאַזאָנען און דער אַנדערער טייל האָט געוואָלט מאַכן קיניגן פּעלי-

אַסעס זון, אַקאַזסטוס. די אָנהענגער פון אַקאַסטוס זענען אָבער געווען שטאַרקער, זענען יאַזאָן מיט זיין פרוי און זיינע פריינט אַנטלאָפן פון יאָלקוס און זענען אָנגעקומען קיין קאָרינט. דאָרט האָבן זיי געוואוינט צען יאָר אין צופרידנהייט און פאַרגניגן, און קרעאָן, דער קעניג פון קאָרינט, האָט זיך פאַר זיי געזאָרגט און אַרויסגעוויזן זיי פריינטשאַפט. מעדעאַ האָט געבוירן צו יאַזאָנען אַ צווילינג: טעסאַלוס און אַלקימענעס. דערנאָך האָט זי אים געבוירן נאָך אַ זון, וועלכן זי האָט אַ נאָמען געגעבן טיסאַנדער. יאַזאָן האָט ליב געהאַט און געשעצט זיין פרוי, וואָרום זי איז געווען אַ גדויסמוטיקע און אַ גוטהאַרציקע.

נאָר ווען די צען יאָר זענען פאָריבער, האָט זיך יאַזאָן אָנגעהויבן מיאוסן מיט זיין פרוי, וואָרום די צייט האָט געלאָזט אירע שפורן אויף מעדעאַן און צוגענומען ביי איר רי שיינקייט. יאַזאָן האָט זיך איינגעליבט אין גלויקען, די שיינע טאָכטער פון קרעאָן, און איר געזאָגט צערטלעכע רייד. האָט גלויקע איינגעשטימט צו ווערן יאַזאָנס פרוי, און אויך איר פאָטער האָט מסכים געווען דערצו. יאַזאָן האָט שוין באַשטימט דעם טאָג פון דער חתונה. ער איז געגאַנגען צו מעדעאַן און זי געבעטן, זי זאָל אים לאָזן פריי און אַוועקגיין מיטן גוטן ווילן. און ער האָט איר דערבאַ געשוואוירן כלערליי שבועות, אַז נישט צוליב זיין אייגענער טובה וויל ער זיך מתחתן זיין מיט קרעאָנען, נאָר דאָס איז ער עס אויסן די טובה פון זיינע זין.

האָט אויפגעפלאַקערט מעדעאַס צאָרן און זי האָט גערופן די אומשטערבלעכע געטער, זיי זאָלן זיין עדות פון דעם אונרעכט, וואָס יאַזאָן וויל איר טון. און זי האָט אים געשראָקן מיט פאַרשידענע דראָהונגען און נישט געוואָלט טון זיין פאַרלאַנג. יאַזאָן האָט זיך אָבער געעקשנט און געזאָגט, אַז ער וועט אויספירן זיין ווילן און זאָל זיין וואָס עס איז. ער האָט פאַרלאָזט מעדעאַן, און זי איז געבליבן זיצן אין איר פּאַלאַץ, אַ לעבעדיקע אַלמנה, אַן איינזאַמע און פאַרשטויסענע.

האָט זיך מעדעאַ אויסגעציפּט די האָר פון קאָפּ און אויס־

געוו-ן מיט פאַרצווייפלונג:

— פאַלט אַראָפּ אויף מיר, הימלען! שיק אויף מיר דיינע דונערן, מעכטיקער צעאוס, און צעשמעטער מיך! וואָרום וואָס טויג מיר דאָס לעבן, נאָך דער גרויסער חרפה, וואָס יאַזאָן האָט מיר אָנגעטון? פאַר זיינעטוועגן האָב איך דאָך בוגד געווען אין מיין פאָטער און אין מיין געבורטסלאַנד, פאַר זיינעטוועגן האָב מיך פאַרגאָסן דאָס בלוט פון מיין ברודער — און יעצט האָט ער איר אָפּגעצאָלט מיין לוין, און ער אַליין שטראָפט מיך מיט אַזאַ האַרטער שטראָף!

און דו, טעמידע, געטין פון גערעכטיקייט, דיינע אויגן זענען דאָך צו ריין, אַז דו זאָלסט קאָנען צוזעען דאָס שלעכטס און פאַרטראָגן דאָס אומרעכט! ווי קאָנסטו דולדן אַזעלכע בוגדים! נידער אַראָפּ פון דיין הויכן שטול אויפן אָלימפּוס, גיס אויס דיין צאָרן אויף יאַזאָנען און אויף גלויקען, זיין אויסדערוויילטע, פאַרלענד זיי, און זאָלן וויסן אַלע ערד־באַוואוינער, אַז ס'איז פאַראַן אַ געטין, וואָס טוט גערעכטיקייט און משפּט.

ווי זי האָט אַזוי גערעדט צו זיך אַליין, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען קרעאָן, גלויקעס פאָטער. און קרעאָן האָט זיך געווענדעט צו מעדעאַן און צו איר געזאָגט:

— אַך, דו ענגהאַרציקע, ווידערשפּעניקע פרוי, וואָס טוט נישט דעם ווילן פון איר מאַן! נעם געשווינט דיינע זין און פאַרלאָז מיין לאַנד, וואָרום איך וועל נישט פריער אַריבערטרעטן די שוועל פון מיין הויז, ביז איך וועל דיך האָבן פאַרטריבן.

האָט מעדעאַ באַהערשט איר צאָרן און רויק געענטפערט:

—פאַרוואָס שרעקסטו זיך פאַר מיר, קרעאָן? צי ביזטו באַגאַנגען קעגן מיר אַ זינד דערמיט, וואָס מיין מאַן האָט נושא־חן געווען באַ דיר און דו ווילסט אים געבן דיין טאָכטער פאַר אַ ווייב? אמת, איך האָב פיינט יאַזאָנען, ווייל פאַר גוטס האָט ער מיר אָפּגעצאָ.ט מיט שלעכטס, צו דיר אָבער פיל איך נישט קיין כעס. דעריבער, זאָל זיך יאַזאָן פרייען מיט דיין טאָכטער,

װעלכע ער האָט ליב, מיך אָבער פאַרטרײַב נישט פון דײַן לאַנד, װאָרום איך האָב אַזױ אױך אַ שװער געמיט און מײַן װײטאָג איז גרױס — און נאָכװאָס זאָלסטו נאָך פאַרגרעסערן מײַנע לײדן?

קרעאָן האָט איר אָבער נישט געװאָלט גלױבן. איז מעדעאַ צוגעפאַלן צו זײַנע פיס און אים באַשװאױרן בײַם לעבן פון זײַן טאָכטער גלױקע, אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער איר און נישט אַרױסטרײַבן זי פון לאַנד. קרעאָן האָט אָבער געזעען, װי אין מעדעאַס אױגן פלאַקערן פײַערלעך פון צאָרן, האָט ער געזאָגט: נײן, פריער װעל איך מיך נישט באַרויקן, ביז דו װעסט פאַרלאָזן מײַן לאַנד.

זעענדיק, אַז דער קעניג איז זער פאַרעקשנט, האָט זי גענומען בעטן, ער זאָל איר ערלױבן בלײַבן נאָך אײן טאָג, כדי זי זאָל אױסקוקן דעם װעג, אין װעלכן זי זאָל גײן, און אױסװײלן זיך אַ לאַנד, װאו זי װעט קאָנען אַװעקלײגן איר מידן קאָפּ.

האָט זיך קרעאָן דערבאַרעמט איבער איר און געענטפערט:

— זאָל זײַן אַזױ װי דו זאָגסט, מעדעאַ. איך װײס אַפילו, אַז איך װעל באַדױערן, װאָס איך האָב פאַרנומען דײַן געבעט; דאָס האַרץ לאָזט מיך אָבער נישט אָפּזאָגן דיר דײַן װאונש.

אױף אַזאַ אופן האָט מעדעאַ געװוּנען די צײַט, װעלכע זי האָט נױטיק געהאַט אױף אױסצופירן איר מחשבה. און זי האָט באַשלאָסן, צו נעמען פון איר מאַן און פון זײַן געליבטער אַזאַ שרעקלעכע נקמה, אַז װער עס װעט דאָס הערן, זאָל בײַ אים פאַרגליװערט װערן דאָס בלוט אין די אָדערן.

זי האָט אָבער געװאָלט מאַכן דעם לעצטן פּרוב און זי האָט גענומען בעטן יאַזאָנען, ער זאָל זיך באַזינען און אָפּקערן פון זײַן שלעכטער מחשבה, װאָרום זי האָט זיך געטראַכט: װער װײסט, אפשר װעט ער צוזען מײַן פּײַן און עס װעט זיך דערװעקן אין אים אַ רחמנות. און זי האָט געזאָגט צו יאַזאָנען:

— אַך, טייערער מאַן, אויסדערוויילטער פון מיין יוגנד! דו האָסט בוגד געווען אין מיר, איך האָב פאַרלוירן דעם חן אין דיינע אויגן, און דו האָסט זיך איינגעליבט אין אַן אַנדערער! דאָס בין איך דיר אָבער מוחל; אָבער ווי אַזוי דערלאָזט דיך דאָס האַרץ צו פאַרלאָזן די דריי קינדער, וואָס איך האָב דיר געבוירן? צי מיינסטו, אַז עס איז נישטאָ קיין אויג, וואָס זעט, און קיין אויער, וואָס הערט? צי זענען פאַרשוואונדן די געטער פון אָלימפּוס? צי זענען נישטאָ מער די, וואָס טוען גערעכטיקייט און משפּט?

און זאָג מיר, יאַזאָן: וואו זאָל איך מיך אַהינטון? צי קאָנסטו זיין רויק, געמענדיק זיך אין זין אַריין, אַז דיין ערשטע פרוי און דיינע דריי קינדער וועלן גיין אויף די טירן און בעטלען אַ ביסן ברויט? אָדער אפשר ווילסטו מיך צוריקגעבן צו מיין פאָטער, אין וועלכן איך האָב בוגד געווען און וואָס איך האָב פאַר דיינעטוועגן דערהרגעט זיין זון?

יאַזאָן האָט אָבער נישט געהאַט קיין אויער פאַר אירע געבעט-רייד און האָט איר אַרויסגעוויזן האַרטהערציקייט.

איז מעדעאַ דערצערנט געוואָרן און אויסגערופן:

— גיי צו דיין געליבטער, נאָר ווייסן זאָלסטו זיין, אַז די וועסט עס באַדויערן!

זי האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט אויף די ווערטער, וואָס זי האָט גערעדט צו יאַזאָנען, וואָרום זי האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער אָננעמען מיטלען, כדי צו שטערן איר אויסצופירן איר מחשבה; ער קאָן אַרויסגעבן אַ באַפעל, מען זאָל וואַכן איבער איר און אָפּהיטן איר יעדן טריט און שריט. האָט זי אים ווידער געלאָזט רופן און אים געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, יאַזאָן, וואָס איך האָב דיך באַטריבט; גלויב מיר, איך האָב דאָס נאָר געזאָגט צוליב מיינע פּיין און לייד. איך האָב אָבער חרטה אויף מיינע רייד, וואָרום איך זע, אַז דו ביסט דאָך נאָר אויסן די טובה פון דיינע זין. מיר זענען

אָך געקומען אַהער אַלס פרעמדע און מיר האָבן אַלץ צו פאַר־
אַנקען דער גוטהאַרציקייט פון קעניג קרעאָן, און וואָס וועט זיין
ער סוף פון אונזערע זין ? אויב אָבער דו וועסט נעמען גלוי־
ען פאַר אַ ווייב, וועט זייער לאַגע זיין בעסער, וואָרום דו וועסט
אָך נישט אויפהערן צו זיין צו זיי אַ פאָטער. און איר, מיינע
ינדער, גייט צו צו אייער פאָטער און .נעמט אים אַרום ; פאַר־
עסט דעם אונרעכט, וואָס ער האָט מיר געטון, גראָד אַזוי ווי
יך האָב עס פאַרגעסן.
יאַזאָן האָט געגלויבט, אַז מעדעאַ נעמט פאַרליב איר גורל,
אָט ער זיך זער געפרייט און צוגעזאָגט איר, אַז ער וועט זיך
אָרגן פאַר איר און פאַר אירע קינדער. זעענדיק, אַז יאַזאָן איז
וט אויפגעלייגט, האָט מעדעאַ גענומען וויינען און געבעטן זיך
ואַר אים :
— זאָלסט נישט פאַרגעסן, יאַזאָן, דאָס גוטס, וואָס איך
האָב געטון מיט דיר, זאָלסט זיך דערבאַרעמען איבער דיינע זין
און נישט לאָזן זיי פאַרוואָגלט ווערן אין אַ פרעמד לאַנד אַריין.
איך אָבער וועל גיין, וואוהין די פיס וועלן מיך טראָגן.
און בכדי איינצונעמען גלויקען, האָט זי גענומען אַ גאָל־
־ענעם מאַנטל און געשיקט איר אַלס מתנה צום טאָג פון איר
זתונה. און דאָס איז געווען אַ מתנה, וואָס האָט געשאָנקען דעם
טויט, וואָרום מעדעאַ האָט פאַרגיפטעט דעם מאַנטל מיט אירע
צויבערייען.
יאַזאָן מיט זיינע זין זענען אַוועק אין פאַלאַץ פון קעניג.
גלויקע איז אים אַקעגנגעגאַנגען מיט שמחה און געוואָלט אים
פאַלן אויפן האַלז ; דערזעענדיק אָבער זיינע זין, האָט זי געמאַכט
אַ בייז פנים און באַפוילן, אַרויסצושיקן זיי פון איר הויז.
יאַזאָן האָט זי גענומען איבעררײדן און האָט איר געוויזן
דעם מאַנטל, וואָס מעדעאַ האָט איר געשיקט פאַר אַ מתנה. האָט
דער מאַנטל פאַרבלענדעט אירע אויגן מיט זיין פרעכטיקער שיינ־
קייט, און דער כעס איז איר פאַרגאַנגען. זי האָט גענומען רעדן
צו די קינדער גוטע, ווייכע רייד, זי האָט זיי געטרייסט און

עשוואוירן, אַז זי וועט זיין צו זיי אַ גוטהאַרציקע מוטער.

ווי נאָר יאַזאָן און זיינע זין האָבן פאַרלאָזט דאָס צימער, האָט זי שנעל גענומען דעם מאַנטל מיט אירע פיבערדיקע הענט, אַרומגעוואָרפן זיך אים אויף די אַקסלען, אָנגעטון זיך אַ גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ און אַוועקגעשטעלט זיך פאַרן שפּיגל, צו קוויקן זיך מיט איר שיינקייט. דערנאָך איז זי אַרויסגעגאַנגען פון איר חדר און גענומען שפּאַצירן איבערן פּאַלאַץ, פון איין צימער אין אַנדערן, פרייענדיק זיך מיט אירע שיינע קליידער, ווי אַ לייכטזיניק קינד.

פּלוצלונג האָט זי דערפילט, ווי אַ גליענדיקע היץ פאַרצערט איר לייב, און זי האָט גענומען ציטערן, אַזוי ווי ס'ציטערן די בוימער פאַר אַ מעכטיקן שטורמווינט. איר פּנים איז בלאַס געוואָרן, די אויגן זעגען איר געוואָרן פאַרגלייזט און אַ ווייסער שוים האָט איר אַרויסגעשלאָגן אויף די ליפּן. זי האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צו אַ שטול, אַנידערגעפאַלן אויף אים און גענומען שרייען פון ברענענדיקן ווייטאָג.

די קנעכט זענען אַוועקגעלאָפן און דערציילט דעם קעניג און יאַזאָנען, וואָס עס איז געשען. זענען דער קעניג און יאַזאָן געקומען און דערזען, אַז די קרוין, וואָס גלויקע האָט געטראָגן אויפן קאָפּ, ברענט אין פייער. און דאָס פייער האָט אויך שוין אַרומגעכאַפּט איר לייב, און עס איז אַריינגעדרונגען אין איר דער גיפט. דער קעניג איז צוגעפאַלן צום ברענענדיקן קערפּער פון זיין טאָכטער, איז אויך ער פאַרגיפטעט געוואָרן און געשטאָרבן. יאַזאָן אַליין איז ניצל געוואָרן, ווייל ער איז געווען פאָרזיכטיקער.

און מעדעאַ איז דערווייל געזעסן אין איר צימער און געוואַרט אויף איר געטרייען קנעכט, וועלכן זי האָט געשיקט געוואָר ווערן, וואָר עס איז געוואָרן מיט גלויקען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז דער קנעכט געקומען צו לויפן אין איילעניש און געזאָגט:

— איל זיך צו, מעדעאַ, ראַטעווע דיין לעבן, וואָרום גל...

קע און איר פאָטער זענען געשטאָרבן.

מעדעאַ האָט אויפגענומען די ידיעה מיט שמחה. פונדעסטוועגן האָט זיך נאָך איר צאָרן נישט געשטילט און זי איז אַוועקגעלאָפן, ווי אַ פוריע, אַ געטין פון נקמה, אומצוברענגען מיט איר אייגענער האַנט יאַזאָנען און אירע זין. זי איז געקומען אין דעם צימער, וואו אירע קינדער זענען געשלאָפן — וואָרום עס איז שוין געווען נאַכט — און אויסגערופן:

— האַרץ, ווער פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין! האַנט מיינע, זאָלסט נישט קיין ציטער טון, פיר אויס די גזרה, וואָס איז נגזר געוואָרן פון הימל. פאַרגעס אויף אַ רגע, אומגליקלעכע, אַז דאָס זענען דיינע זין, וועלכע דו האָסט אַליין געבוירן. איך ווייס, אַז איך וועל טרויערן נאָך אייך מיין לעבן לאַנג, אָבער איך בין דאָך נאָר אויסן אייער אייגענע טובה. וואָרום אויב נישט איך וועל אייך טויטן, וועט איר דאָך פאַלן דורך אייערע גרויזאַמע פיינט.

יאַזאָן איז, ווי אַ פייל פון בויגן, געקומען צו לויפן, כדי זיך נוקם צו זיין אין דער פרוי, וואָס האָט אומגעבראַכט זיין אויסדערוויילטע. איבערטרעטנדיק די שוועל פון זיין הויז, האָט ער דערהערט האַרצרייסנדע קרעכצן; ער איז שנעל אַוועקגעלאָפן אין זיין צימער, האָט זיך אַנטפלעקט פאַר אים אַ שוידערלעך בילד: ויינע זין זענען געלעגן אויף דער ערד און געקאָלערט זיך אין טייכן בלוט; דאָס האָט מעדעאַ אַדורכגעשטאָכן זיי מיט איר שווערד. יאַזאָן האָט זיך געלאָזט זוכן מעדעאַן איבער אַלע צימערן פון פאַלאַץ; ער האָט זי אָבער נישט געקאָנט געפינען און ער איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון הויז. פלוצלונג האָט ער דערהערט אַ שרעקלעך גערויש. ער האָט אַ קוק געטון, האָט ער דערזען מעדעאַן, וועלכע איז געזעסן אין אַ רייטוואָגן, געשפּאַנט אין מאָנסטרומס, וואָס זענען געקומען אויף איר רוף. און דער רייטוואָגן האָט געשוועבט, ווי אַ פויגל און אַוועקגעטראָגן מעדעאַן ווייט־ווייט. האָט יאַזאָן פאַרשטאַנען, אַז זיין האַנט וועט קיינמאָל נישט דערגרייכן די מרשעת מעדעאַ און אַז ער וועט קיינמאָל נישט

קאָנען נקמה נעמען פון איר. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג און דערצו נאָך האָט אים געפלאָגט דאָס געוויסן און אים כסדר דערמאָנט אין דעם מאָרד, וואָס ער איז באַגאַנגען אויף אַבסירטעסן. האָט ער זיך צום סוף אַרויפגעוואָרפן אויף זיין שווערד און געשטאָרבן פאַר דער שוועל פון זיין הויז.



פאַר די קליינע קינדערסוועגן

(וואָס דערציילן די פיר־אַלט־יאָריקע?)

פינפאונצוואַנציק געשיכטעס

דערציילט, געזאַמלט און איבערדערציילט

דורך

יעקב פאַט.

אויסער אָריגינעלע געשיכטעס, זיינען די איבעריקע גע-
שאַפן געוואָרן פון די מאָטיוון פון פרידריך דערפעל, רא-
בינדראַנאַט טאגאָרא, קאַטול מענדעס, טוזמאַן, לאגעלעף,
מאצקעוויטש, אלעקסאַנדער בלאָק, סערגיי גאָראָדעצקי,
ברידער גרים, ל. נ. טאָלסטאָי, היינריך שארלמאַן, ש. אַ.

דאָס נײַעסטע בוך פון

ל. מלאך „אָפּפאַל"

וואָס ערשיינט קירצלעך אין אונזער פאַרלאַג.

געהער צו די מערקווירדיקסטע און באַדייטנדיקסטע זאַכן, וואָס די יונגע יידישע דיכטונג האָט לעצטנס געשאַפן. אין אַן אָריגינעלער דראַמאַטישער פאָרם, איז דעם דיכטער געלונגען אויפצולעבן פאַר אונז אַ גאַנצע וועלט פון פּרעכטיקע בילדער, טיפּן, כאַראַקטערן, געשעענישן און האַנדלונגען מיט זייער גאַנצן פאַרפלאָנטערטן קאָמפּליצירטן צאַפּלען זיך צווישן פאַרצווייפלונג, עקל, האַס, קנאה, און זוכן אַן אָפּשיין פון טרייסט אין דעם אויסלאַכן די אייגענע ליידן און זען די זעלבע פאַרדאַרבנקייט אין אַלע ווינקעלעך פון אַלגעמיינעם לעבן. די שורות פון דעם מערקוויר־דיקן בוך זענען אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ הייסן פולסירנדיקן לעבעדיקן אָטעם, אַז זיי רייסן זיך אַריין אין אונזער געפיל און געדאַנק, באַהערשן אונזער געמיט און מאַכן אונז לעבן מיט דעם „לעבן" פון דערדאָזיקער „אָפּגעפאַ־לענער" וועלט, וואָס איז אויבערפלעכלעך אַזוי מיאוס, אַזוי פינסטער, און אין וועלכער דאָס דיכטערישע אויג לאָזט אויפלייכטן פאַר אונז אַזוי פיל הערלעכע אָפּשיינען פון אידעאַלער, צאַרטער און טיפער מענטשלעכקייט. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס בוך שווימלט מיט דער רייכסטער גאַלעריע פון נידריקע פאַרשוינען פון דער „הינטער־וועלט" מיט זייער גאַנצן „נאַקעטן" לעבן און „גראָבן זשאַרגאָן", איז עס אָבער איינגעהילט אין אַזאַ טיף־אומעטיקן און האַרציקן לייט־מאָטיוו, אַז די גאַנצע פאַר־דאַרבנקייט קלינגט אונז אָפּ אין האַרץ, ווי אַ שטיל יאָמערן פון אַ מענטש־לעכער נשמה.

דאָס בוך ערשיינט באַצירט מיט צייכנונגען־קאָמפּאָזיציעס פון מאָלער ישראל טיקאָטשינסקי.

פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע